STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05140

# TOYRE SHEBAL PE

Jacob Avigdor

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Mrs. Gertrude Jaffe*
*in memory of*
*her husband, Ralph Jaffe*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# תורה שבעל פה.

## איר אינהאַלט און כראָנאָלאָגישער סדר

פון

## הרב ד״ר יעקב אביגדור

ערשטע תקופה — ערשטער פעריאָד.

מעקסיקע — תשכ״ב.

Rabi Dr. JACOB AVIGDOR

AV. PROGRESO 191-101
MEXICO 18, D. F.

"Imprenta Moderna", Manuel Pintel
Dr. Garciadiego 28 Tel. 19-23-59
México, D. F.

# הקדמה

צווישן דער ערשטער און דער צווייטער וועלט מלחמה (1920־1942) בין איך געווען דער הויפּטקרייז־רב פון די צוויי גרויסע קהלות, דראָהאָביטש און באָריסלאַוו (דיסטריקט לעמבערג), פּוילן.

אין דעם דראָהאָביטש־באָריסלאַווער קרייז, האָבן דאַמאָלס גע־לעבט קרוב צו 50 טויזנט יידישע נפשות. די קהלות, האָבן געהאַט פּרעכטיקע יידישע אינסטיטוציעס, מיט אַ גאַנצער נעץ פון יידי־שע דערציאונגס־אַנשטאַלטן.

איך האַלט עס פאַר מיין חוב צו דערמאָנען, אַז פּרעזידענט פון דער דראָהאָביטשער קהלה, איז דאַמאָלס געווען דער באַרימטער ציוניסטישער מנהיג און עסקן ד"ר לעאָן טאַנענבוים הי"ד און פּרע־זידענט פון דער באָריסלאַווער קהלה, איז געווען ה' לעאָן קויפּ־מאַן ע"ה.

אויף דעם פאַרלאַנג פון די קהלה פאַרוואַלטונגען, האָב איך אין יאָר 1927, אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט, אין פּוילישער שפּראַך, אַ גע־שיכטע פון תורה שבעל פה.

עס איז מיר געלונגען אָנצושרייבן בלויז דריי טיילן, וועלכע האָ־בן געדינט, אַלס האַנט־בוך פאַר לערער אין די יידישע גימנאַזיעס און אויך, אַלס לערבוך פאַר די שטודירנדיקע יידישע יוגנט.

מיט דעם חורבן פון דעם פּוילישן יידנטום, איז ליידער אויך די גאַנצע אַרבעט מיינע פאַרלוירן געגאַנגען. עס זענען בלויז געבליבן אַ פּאָר איינצלנע עקזעמפּלאַרן, אין ישראל און אין אַמעריקע.

דער ציל פון דער אַרבעט איז געווען אָט דער:

די יידישע יוגנט, אין די וועלטלעכע מיטל און הויכשולן, איז וואָס אַמאָל מער געוואָרן גאַנץ אָפּגעפרעמדט פון דעם קערנדיקן יידישן וויסן. איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די אָפּגע־פרעמדטקייט קומט גישט פון דעם, וואָס דאָס יידישע וויסן איז שווער צו לערנען. דער אינהאַלט פון דער משנה און פון דעם תלמוד, איז דווקא אינטערעסאַנט, שכלדיק און גאָר צוגענגלעך פאַר דער שטר־

דירנדיקער יוגנט. וואָס עס פעלט, איז בעיקר, אַ געוויסער סיסטעם און אַ צוזאַמענגעלעבטע פאָרם, אין וועלכער עס זאָל זיין אַ מעגלעכקייט איבערצוגעבן דעם מאָדערנעם דור דעם תוכן פון דעם יידישן וויסן. איך האָב דערפאַר געהאַלטן, אַז דאָס בלויזע איבערזעצן פון משנה און תלמוד, אין אַן אַנדערער גערעדטער שפּראַך, וועט גאָר נישט העלפן. די שוועריקייט, באַשטייט נישט אין דער שפּראַך, נאָר אין דעם אופן, ווי אַזוי דער אינהאַלט ווערט אַרויסגעבראַכט.

פאַר דעם, וואָס גיט זיך אָפּ אינגאַנצן מיט דעם תלמודישן שטודיום, איז דער סיסטעם פון לערנען מסכת נאָך מסכת, נישט קיין שווערער. אָבער פאַר דער היינטיקער יוגנט, וואָס דאַרף זיך בלויז, באַקענען מיט די רייכע אוצרות פון דעם תלמודישן וויסן, מיט איר קען מען נישט לערנען קיין מסכת נאָך מסכת.

איך האָב מיר דערפאַר, — אין מיין אַרבעט — פאָרגענומען איינצוטיילן די גאַנצע תורה שבעל פה (משנה און תלמוד), אין געוויסע תקופות און עפּאָכעס, אין וועלכע זי איז כסדר איבערגעגעבן געוואָרן. אַזוי אַרום, קען מען זיך סיסטעמאַטיש באַקענען מיט ־ער אַקטיוויטעט פון דעם יידישן וויסן, אין אַלע דורות. דער סיסטעם, איז אָנגענומען כמעט אין אַלע צווייגן פון מאָדערנער וויסנשאַפט. די שטודירנדיקע יוגנט, איז צו אַזאַ סיסטעם צוגעוואוינט און אויף אַזאַ אופן, וועט זי זיך גערן באַקענען מיט דעם יידישן וויסן.

איך גלויב, אַז אין אונדזערע היינטיקע צייטן, איז די אַרבעט פון גרויסער וויכטיקייט. אונדזער היינטיקע יוגנט, אין די מדינות אין וועלכע מיר לעבן, וואַקסט אויף גאַנץ אָפּגעפרעמדט פון אונדזער, קרוב צו דריי טויזנט יעריקער, שעפערישקייט. עס איז די העכסטע צייט, ערנסט אַ טראַכט צו טאָן, וועגן דעם.

דער ערשטער טייל, אַנטהאַלט אַ גענויע צונויפשטעלונג פון תורה שבעל פה, אין דער ערשטער צייט, ביז 225 יאָר פאַר דער וועלטלעכער צייט־רעכענונג.

איך באַמערק, אַז געוויסע יידישע געלערנטע, אין פוילן, האָבן קריטיקירט דאָס בוך, מיט דער טענה, אַז איך האָב צו דער צייט, צוגעשריבן געוויסע הלכות און תקנות, וועלכע זענען — לויט זייערע מיינונגען — געקומען אַ סך שפּעטער. איך האָב דאַמאָלס אָפּגעדרוקט אַ בראָשור, זי געפינט זיך ביי מיר, — אין וועלכער איך האָב אויפגעוויזן, אַז מיין צוגאַנג איז אַ ריין טראַדיציאָנעלער. אַדעטום, ווי עס זענען פאַראַן חילוקי דעות, צווישן אונדזערע ראשונים און די מאָדערנע חכמים, (ווי צונץ, גייגער און וויים), האָב איך

תמיד זיך גערעכנט, בלויז מיט אונדזערע ראשונים און נישט מיט די קריטיקער.

איך וויל האָפן, אַז שוין דער ערשטער טייל, וועלכן איך גיב איצט אַרויס, — אין יידיש — וועט אַ סך פאַרהעלפן צו באַקענען, אַזוי די תלמידים אין די שולן, ווי אויך די אַבסאָלווענטן פון די פאַרשידענע לערן אַנשטאַלטן מיט דעם תוכן פון תורה שבעל פה, וואָס איז דער וויכטיקסטער יסוד פון יידישקייט.

דער ערשטער טייל פון דער אַרבעט, נעמט אַרום די גאַנצע צייט פון אנשי כנסת הגדולה און סופרים; דער צווייטער טייל, באַהאַנדלט די תקופה פון די 5 זוגות; דער דריטער טייל, גיט אַ גענויעם איבערבליק, איבער דער עפּאָכע פון די נשיאים, ביז צום חורבן בית שני.

איך דרוק אוים אַ יישר כח מיין פריינט פּראָפ. יוסף וויניעצקי, פאַר זיין מיטהילף ביים צוגרייטן פון דער אַרבעט צום דרוק.

מעקסיקע, ד. פ. סיון תשכ״א.

הרב ד״ר יעקב אביגדור.
רב ואבדפה״ק
מעקסיקא והגליל יצ״ו.

## ערשטער קאַפּיטל
## אַלגעמיינער טייל
### פּרעלימינאַרע ידיעות

.1

# תורה שבכתב ותורה שבעל פה.

## די געשריבענע תורה און די תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן מינדלעך

אויף צוויי תורות שטיצט זיך די יידישע לערע: איינע, איז די געשריבענע תורה, — **תורה שבכתב**. זי באַשטייט פון פינף ספרים, — דער חומש; די צווייטע, איז די תורה, וועלכע איז איבערגעגעבן געוואָרן מינדלעך, — **תורה שבעל פה**. זי איז איבערגענומען און באַרבעט געוואָרן אין אונדזער משנה און תלמוד 1).

ביידע תורות, **תורה שבעל פה ותורה שבכתב**, זענען גלייכצייטיק אַרויסגעקומען פון איינעם און דעם זעלביקן, געטלעכן קוואַל: פון דער געטלעכער רעוועלאַציע אויפן באַרג סיני2). זיי שטעלן מיט זיך פאָר איין מאָנאָליטישע גאַנצקייט און איינהייט.

די אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון דער מינדלעכער תורה, **תורה שבעל פה**, מיט דער געשריבענער תורה, **תורה שבכתב**, איז אויך קלאָר און בולט, פון זייער קעגנזייטיקער, אינערלעכער באַציאונג. די דאָזיקע אָרגאַנישע פאַרבינדונג, פון איין תורה מיט דער אַנדערער, האָבן טרעפלעך אַרויסגעבראַכט אונדזערע חכמים מיט צוויי משלים, פון וועלכע איינער לויטעט: — **„כחומט הזה שגדל הוא וביתו עמו"**, — אַזוי ווי דער אינסעקט, וואָס וואַקסט און צוזאַמען מיט אים — זיין קאָרע, זיין שאָל און דער צווייטער משל איז — **„כאש בשלהבת"**, אַזוי ווי דער פייער אין דעם פלאַם.

נישט בלויז, וואָס עס לאָזט זיך נישט אָפּטיילן איין תורה פון דער אַנדערער, נאָר זיי זענען ביידע, ווי צענויפגעוואַקסן אין איין שאַפונג.

---

1) תלמוד (גיטין ס'); (יומא כ"ח).

2) תלמוד (סופרים פי"ט).

זייער כאַראַקטעריסטיש און באַלערנדיק זענען אין דער הינזיכט די געבראַכטע אין תלמוד 1) צוויי קעגנזעצלעכע סענטענצן, וואָס זענען אין איין פאַל אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך צוויי תנאים, הלל און שמאי.

אַ געטשנדינער, איז געקומען צו שמאי און פאַרלאַנגט, ער זאָל אים מגייר זיין בתנאי, אַז ער זאָל אָננעמען בלויז תורה שבכתב און ער זאָל אָפּוואַרפן די תורה שבעל פה. שמאי, האָט מיט צאָרן דעם געטשנדינער פאַרטריבן פון זיך, ווייל מען קאָן נישט אָנערקענען בלויז די תורה שבכתב, אָן דער תורה שבעל פה. דער זעלבער געטשנדינער איז דערנאָך געקומען צו הלל, מיט זיין פאַרלאַנג און באַוואָרעניש צו אָנערקענען בלויז די תורה שבכתב, האָט אים הלל יאָ אויפגענומען, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז אויב ער גלויבט אין דער תורה שבכתב, וועט ער שוין במילא אויך דערגיין צו דער אָנערקענונג פון דער תורה שבעל פה, אָן וועלכער עס איז נישט מעגלעך ריכטיק צו פאַרשטיין די תורה שבכתב 2) — 3).

1) תלמוד (שבת ל״א).
2) תלמוד שבת ל״א רש״י.
3) זע דערקלערונג.

## .2

# באַווייזן פון דער תורה שבכתב, פאַר דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג און פאַר דער גלייכוועדטיקייט פון דער תורה שבעל פה

א) מיר האָבן אין **חומש** וויכטיקע דינים, סיי בנוגע דער רע־ליגיעזער פראַקטיק און סיי בנוגע דעם משפחה־לעבן און שטראָף־געזעצן, וואָס זענען אַזוי קאַרג און לאַקאָניש אויסגעדריקט, אַז פון זיך אַליין קאָן מען זיי נישט פאַרשטיין. עס איז נישט קיין פראַגע פון סטיליסטיק; עס איז אויסדריקלעך דערפון געדרונגען, אַז די פּינקטלעכע, אַלזייטיקע אויפקלערונג פון די דינים, איז געקומען גליי־ציימיק אויפן מינדלעכן וועג 1) און אַז די דאָזיקע אויפקלערונג, איז בנוגע איר בינדנדיקער קראַפט גלייכוועדטיק מיט די דינים, וואָס געפינען זיך דייטלעך אין **חומש** גופא .2) פון דער ניט קאָמפּלעטער אויפקלערונג פון די דינים אין **תורה שבכתב**, ווערט קלאָר, אַז די גענויערע דערקלערונג, אין דער **תורה שבעל פה**, איז ממש אַן אי־בערווייזונג פון דער **תורה שבכתב** גופא.

מיר וועלן ברענגען עטלעכעביישפּילן:

א) אין **חומש** (שמות י״ג, ט׳) ווערט געזאָגט:

**„והי׳ לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך״.** און עס זאָל דיר זיין פאַר אַ צייכן אויף דיין האַנט און פאַר אַ דערמאָנונג פאַר דיינע אויגן.

דער דין, איז פאַר זיך אַליין נישט קאָמפּלעט און דעריבער אויך נישט פאַרשטענדלעך. מיר ווייסן נישט, וואָס דאָס דאַרף זיין פאַר אַ צייכן און ווי אַזוי דער צייכן דאַרף אויסזען. קומט די **תורה שבעל**

---

1) רמב״ם אין דער הקדמה צום סדר זרעים.

2) רמב״ם אין דער הקדמה צו יד החזקה.

פה און זי ערשט דערקלערט אונדז, אַז דאָס איז דער דין פון די **תפילין**1) וועגן וועלכן עס רעדט די **תורה שבכתב**, אין אַן אַנדער אָרט. (דברים י"א, י"ח). איז אָבער דער דאָזיקער דין, אויך דאָרט נישט קאָמפּלעט, ווייל ער אַנטהאַלט נישט קיין גענויע פּרטים, בנוגע דער פאָרעם און דעם אינהאַלט פון די **תפילין**2).

ערשט די **תורה שבעל פה** קומט און דערקלערט אונדז גענוי דעם דין און גיט אונדז אָן אַלע נויטיקע פרטים און תקנות פון די **תפילין**3).

ב) אין חומש (ויקרא כ"ג, מ') ווערט געזאָגט:

**„ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר"** — און איר זאָלט אייך נעמען אין ערשטן טאָג פרוכט פון דעם בוים הדר.

עס וואַרפט זיך דאָ אין די אויגן, די נישט גענויקייט פון דעם דין. אָן דער געהעריקער אויפקלערונג פון דער **תורה שבעל פה**, וואָלטן מיר קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז דאָס איז דער דין פון **אתרוג**4).

ג) אין **חומש** (במדבר ט"ו, ל"ו) ווערט געזאָגט:

**„ואמרת אליהם ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם לדורותם"**. — און דו זאָלסט זאָגן צו זיי, זיי זאָלן זיך מאַכן פרענדז אויף די עקן פון זייערע קליידער, אויף זייערע דור-דורות.

דאָ איז אויך בולט די אומקאָמפּלעטקייט פון דעם דין, אַזוי אַז אָן דער **תורה שבעל פה**, וואָלטן מיר נישט געוואוסט גענוי, ווי אַזוי עס דאַרף צו זיין די מצווה פון די **ציצית** 5).

דאָס זעלביקע, קען אויך פעסטגעשטעלט ווערן, בנוגע צו שבת. אין דער תורה שטייט, אַז מען טאָר נישט מחלל שבת זיין. עס איז אָבער אין ערגעץ נישט אָנגעדייטעט, וואָס עס מיינט חילול שבת. אַזוי אויך, בנוגע צו ימים טובים. עס שטייט אין דער תורה, אַז אין געוויסע טעג פון געוויסע חדשים, זאָלן יידן פייערן יום טוב. עס שטייט אָבער נישט אין ערגעץ, וואָס עס מיינט „חודש" און ווי אַזוי מען זאָל רעכענען די חדשים.

ד) **אַזאַ** וויכטיקע אינסטיטוציע פון פאַמיליע-רעכט, ווי **גט**, ווערט אין **חומש** נאָרמירט, קוים מיט איין אויסדרוק **„ספר כריתות"**

---

1) **תלמוד** (מנחות ל"ד).
2) **תלמוד** (סנהדרין פ"ח; מנחות ל"ד.
3) **תלמוד** (זבחים ל"ז).
4) **תלמוד** (סוכה ל"ב), **הקדמה פון רמב"ם צום סדר זרעים**.
5) **תלמוד** (סנהדרין פ"ח).

(צעשיידונגס-בריוו". וואָס דאָס זאָל באַדייטן, וואָס דאַרף זיין דער אינהאַלט פון דעם „ספר כריתות"; ביי וועלכע באַדינגונגען קאָן דורכגעפירט ווערן אַ גט, די גאַנצע פּראָצעדור און דער אופן פון איבערגעבן דעם גט, דאָס אַלץ ווערט אין חומש נישט געזאָגט.

נאָך מער איז צו באַוואונדערן, בעת מיר זעען, אַז אַנדערע דינים, ווי באַזונדערס דער דין פון שמיטה און יובל-יאָר און זייער איינפלוס אויף די באַציאונגען פון פּריוואַט-אייגנטום און באַזיץ פון אומבאַוועגלעכע גיטער, זענען אין **חומש** מיט אַלע פּרטים דערקלערט.

זעט מען דאָן דערפון, אַז די געטלעכע תורה מסיני, האָט געוואָלט זיין און איז אויך, אַלזייטיק אויסשעפּנדיק.

פרעגט זיך אַלזאָ: פאַרוואָס אין אַזאַ וויכטיקן ענין ווי **גט** און אין אַנדערע, אויבנדערמאָנטע ענינים, באַגעגענען מיר אין **חומש** אַזאַ מין **אומפולקאָמענהייט**?

דאָס איז אַ באַוויז, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז די אַלע נישט קאָמפּלעט-געבראַכטע דינים, זענען צעגלייך מיט שמיטה, גענוי און אויספירלעך געגעבן געוואָרן1), אָבער די גענויערע דערקלערונג איז מלכתחילה איבערגעלאָזן געוואָרן פאַר דער **תורה שבעל פה**.

ה) אין **חומש** (דברים כ"ד, ט"ז) ווערט געזאָגט:

**„לא יומתו אבות על בנים ובנים לא יומתו על אבות"** — פאָטערס זאָלן נישט געטייט ווערן פאַר קינדער, און קינדער זאָלן נישט געטייט ווערן פאַר פאָטערס.

נעמען מיר אויף, בוכשטעבלעך, די באַדייטונג פון דעם זאַץ, באַקומט זיך אַ איינדרוק, אַז דער פאַרבאָט איז אַן איבעריקער. עס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען קאָן נישט באַשטראָפן דעם פאָטער און בפרט נאָך מיט טויט-שטראָף, פאַרן זון — און אויך נישט פאַרקערט. מיר, וואָלטן דאָך גאָר קיינמאָל נישט געקומען צו אַזאַ מין געדאַנק, צו דערהרגענען דעם טאַטן, פאַרן זונס פאַרברעכן.

די **תורה שבעל פה**, דערקלערט דעם אויבנדערמאָנטן דין אויף אַזאַ אופן, אַז אין מאָרד-ענינים, פאַר וועלכע עס קומט טויט-שטראָף, טאָר מען אַזאַ פּסק דין נישט אַרויסגעבן, געשטיצט אויפן עדות זאָגן פון אַ טאַטן בנוגע אַ זון, אָדער פון אַ זון בנוגע אַ טאַטן, וואָס ווערט געמשפּט 2).

— 2 —

מיר האָבן אויך אין **חומש** גופא פיל מאָל אָנווייזונגען אויף

1) תורת כהנים, בחקותי.
2) תלמוד, סנהדרין כ"ז.

תורה שבעל פה. פאַראַן דירעקטע אָנווייזונגען וועגן דער עקזיס־טענץ פון מינדלעכע דערגענצונגען און דערקלערונגען, וועלכע האָבן אַ גלייכוואַרטיקע באַדייטונג מיט די דינים פון דער תורה שבכתב[2].

מיר וועלן דאָ ברענגען בלויז אַ פּאָר זאַצן פון חומש:

א) „ואתנה לך את לחות האבן והתורה והמצוה אשר כתבתי להורותם". (שמות כ"ד, י"ב) — און איך וועל דיר געבן די שטיי־נערנע לוחות מיט דער תורה און דעם געבאָט, וואָס איך האָב אויפ־געשריבן זיי צו לערנען.

אין דעם אויסדרוק „להורותם", געפינט זיך אויסדרוקלעך אַן אָנווייזונג אויף תורה שבעל פה. דאָס לערנען און אויפקלערן, ווערט באַפוילן פון דעם אַלמעכטיקן. אויסער דער „תורה און געבאָט, וואָס איז אויפגעשריבן". באַטאָנט דער חומש, אַז עס עקזיסטירט אויך נאָך אַן אויפקלערונג און אַ לערע, וואָס איז קלאָר און דייטלעך, דורך אַ געבאָט געהייליקט[3].

ב) „אלה החקים והמשפטים והתורות אשר נתן ד'" — (ויקרא כ"ו, מ"ו). — דאָס זיינען די חוקים און די געזעצן און די לערנונגען, וואָס גאָט האָט געגעבן.

דער אויסדרוק „תורה", דאַרף גענומען ווערן ווי אַ טעכנישער טערמין, בעת דורך דעם דאָזיקן אויסדרוק „תורה", פאַרשטייען מיר דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער געטלעכער לערע מיט אַלע געבאָטן און פאַרבאָטן.

אויב דאָן, ווערט נאָך געזאָגט: „התורות"; די תורות, אָדער די לערנונגען, אין מערצאָל, איז עס קלאָר, אַז עס ווערט אָנערקענט, אַז ביי דער געשריבענער תורה, די תורה שבכתב, עקזיסטירט נאָך אַ תורה, דאָס הייסט: די מינדלעכע תורה, די „תורה שבעל פה"[4].

אויף אַן אַנדערער שטעלע, איז פאַראַן אין חומש אַ דירעקטע אָנווייזונג, אויף תורה שבעל פה. עס שטייט, (דברים י"ב כ") ואמרת אכלה בשר... וזבחת מבקרך ומצאנך... כאשר צויתך: אויב דו וועסט וועלן עסן פלייש, זאָלסטו שלאַכטן פון דיינע רינדער און פון דיינע שאָף, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן. וואָס באַטייטן די ווערטער: אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן? וואו געפינט זיך דער באַפעל? אין וואָס באַשטייט ער? אין חומש גופא, איז וועגן דעם נישטאָ, אין ערגעץ קיין שום באַפעל. דאָ, איז אין חומש גופא

---

2) תלמוד (גיטין ס').

3) תלמוד (ברכות ה').

4) (ספרא בחקותי).

פּאַראַן אַן אָנדייטונג, אַז אויסער דער תורה שבכתב, איז אויך געווען א תורה שבעל פּה.

ג) „**בעבר הירדן בארץ מואב הואיל משה באר את התורה הזאת**" (דברים א׳ה׳). — אויף יענער זייט ירדן, אין לאַנד מואב, האָט משה גענומען באַשיידן די דאָזיקע תורה.

משה, האָט נישט נאָר איבערגעגעבן די יידן א געשריבענע תורה, נאָר א חוץ דעם, האָט ער בהסכם מיטן אויבן געבראַכטן — אונ־טערן אות „א" — געבאָט, איר פאַרפולקאָמט מיט זיין מינדלעכער דערקלערונג: „**באר**" — 1).

די דאָזיקע מינדלעכע דערגענצונגען און דערקלערונגען, שטעלן מיט זיך פאָר די מינדלעכע תורה, די תורה שבעל פה און זיי זענען איבערגעגאַנגען פון משהן צו יהושע׳ן און פון אים צו די זקנים א. א. וו. (אבות פ"א, מ"א).

---

1) תלמוד (שבת ל"א).

.3

## די עסענץ פון דער תורה שבעל פה

רבי עקיבא זאָגט:

**„מלמד שנתנה תורה, הלכותי, דקדוקי ופירושי, ע"י משה מסיני"** (ספרא ויקרא).

...די תורה איז אונדז געגעבן געוואָרן; אירע טראַדיציאָנעלע נאָרמעס (הלכות); אירע מעטאָדעס פון אינטערפּרעטאַציע (דיקדוקים); און דערקלערונגען (פּירושים), דורך משה'ן אויפן באַרג סיני.

דעריבער טיילט זיך די **תורה שבעל פה**, אויף טראַדיציאָנעלע נאָרמעס; מעטאָדעס; אינטערפּרעטאַציעס און דערקלערונגען.

1.—הייבן מיר אָן מיט די **פּירושים**.

ביישפּילן, פון אַזעלכע דערקלערונגען אין דער **תורה שבעל פה**, האָבן מיר שוין אויבן געבראַכט.

וועלן מיר נאָך ברענגען, ווי אַ ווייטערדיקן ביישפּיל די דערקלערונג פון דעם וויכטיקסטן יסוד פון אונדזער תורה; דעם זאַץ: **„ואהבת לרעך כמוך"** (ויקרא י"ט, י"ח) — זאָלסט ליבן דיין חבר, אַזוי ווי זיך אַליין. דער פּרינציפּ, וועלכן הלל **באַצייכנט**, ווי דעם פונדאַמענטאַלן געדאַנק פון אונדזער תורה — 1), שטעלט מיט זיך פאָר, בלויז דעם אַלגעמיינעם אידעאַל, וועלכער ווערט מיט שוועריקייטן פאַרווירקלעכט אין לעבן און לאָזט זיך נישט קאָנטראָלירן. אַ געבאָט, ליב צו האָבן אָן דייטלעכע קאָנסעקווענצן אין פּראַקטישן לעבן, וואָלט אפשר געוועזן בלויז אַן אילוזיע.

מען האָט געדאַרפט אָט דעם אידעאַל צו פאַרקערפּערן אין לעבן און אים פאָר העלפן דערצו, כדי ער זאָל באמת ווערן דער רעגולאַטאָר פון לעבן און פון אונדזערע מעשים. כדי דעם דאָזיקן געבאָט, ליב צו האָבן דעם חבר, צו געבן די מעגלעכקייט ווירקלעך

1) תלמוד שבת ל"א.

צו פאַרמירן אונדזער טאָג-טעגלעך לעבן, האָט הלל קודם כל אַרויס־געפירט פון דעם אַלגעמיינעם געבאָט, ליב צו האָבן דעם נאָענטן, דעם הויך, פּראַקטישן כלל, אַז מען טאָר נישט טאָן דעם אַנדערן דאָס, וואָס זיך אַליין איז נישט ליב. — „מה דסני לך לחברך לא תעביד" (שבת ל"א, ע"א).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּירוש, קומט אַרויס אַ גאָר ווייטע דעדוקציע פון דער לערע. פאַקטיש איז די ליבשאַפט פון „ואהבת לרעך כמוך" מחייב אפילו אין דער געשטאַלט וואָס חז"ל האָבן שפּע־טער אַרויסגעבראַכט; נעמלעך, אַז אפילו בעת אַן עקזעקוציע פון אַ טויט-שטראָף, האָט מען געדאַרפט, אויפן יסוד פון דעם פּרינציפּ פון „מה דסני לך", אויסקלייבן דעם אַממערסטן הומאַניטאַרן אופן פון טויטן. ברור לו מיתה יפה (כתובות ל"ז).

2) די טראַדיציאָנעלע נאָרמעס, (הלכה למשה מסיני), וועלכע זענען אויבן דערמאָנט אין פּאַראַגראַף 3, זענען לויט דער דעפיניציע פון רמב"ם אַזעלכע נאָרמעס, בנוגע צו דער עקזיסטענץ פון וועלכע, עס ווערט גאָרנישט דערמאָנט אין דער תורה שבכתב. זיי, זענען אָבער דאָך געגעבן געוואָרן, דורך משהן אויפן באַרג סיני און זיי זענען דערהאַלטן געוואָרן, דורך דער מינדלעכער טראַדיציע, — 1).

און אַזוי דאַרף אויך, דער זייער וויכטיקער באַגריף וועגן צאָל און קוואַנטום — (שעורין) פאַר פאַרשיידענע רעליגיעזע, ריטועלע, ציווילע און קרימינעלע ענינים, — וועלכער איז אין חומש נישט דערמאָנט, באַטראַכט ווערן, ווי אויבן אָנגעמערקט, ווי אַ פעסטגע־שטעלטער מינדלעכער געבאָט, — 2), 3).

אַט למשל: פאַר טועם זיין עפּעס, וואָס איז פאַרבאָטן, קומט אַ שטראָף. עס פרעגט זיך: וועלכעס איז דאָס קוואַנטום, אָדער די צאָל, וואָס דער שולדיקער האָט געדאַרפט טועם זיין, כדי צו פאַרדינען די שטראָף? אָדער דער געבאָט צו עסן מצה. (אכילת מצה); וויפל אַלזאָ דאַרף מען טועם זיין, כדי מקיים צו זיין דעם געבאָט? דאָס זעלביקע בנוגע מינערן די פאַרגיטיקונג פאַר אַ שאָדן, ביז אַ האַלבן שאָדן (חצי נזק) אין געוויסע פאַלן (צרורות). דאָס זענען טראַדיציאָ־נעלע נאָרמען. (הלכה למשה מסיני) — 4)

ווי אַ וויטערדיקער ביישפּיל פון אַזאַ טראַדיציאָנעלער נאָרמע,

---

1) רמב"ם, די הקדמה צום סדר זרעים.

2) תלמוד (יומא פ').

3) זע די דערקלערונגען אין פּאַראַגראַף 2.

4) תלמוד (ב"ק ב').

(**הלכה למשה מסיני**), קאָן דינען דער פאַרבאָט צו עסן פלייש פון קראַנקע, אָדער באַשעדיקטע בהמות (**טריפה**), בעת אין **חומש**, איז וועגן דעם אַבסאָלוט גאָרנישט דערמאָנט — 5).

3.—לאָמיר איבערגיין צום באַגריף פון דקדוקים.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די אויבן דערמאָנטע דקדוקים, אָדער די מעטאָדע פון אינטערפּרעטאַציע, וועלן מיר ברענגען אַ ציטאַט פון רמב"ם (רמב"ם ה' ממרים ה"א):

**בית דין הגדול שבירושלים הם עיקר תורה שבעל פה והם עמודי ההוראה ומהם חק ומשפט יוצא לכל ישראל ועליהן הבטיחה תורה שנאמר על פי התורה אשר יורוך.**

**אחד דברים שלמדו אותן מפי השמועה והם תורה שבעל פה ואחד דברים שלמדם מדעתם באחת מן המדות שהתורה נדרשת בהן ונראה בעיניהם שדבר זה כן הוא ואחד דברים שעשאום סייג לתורה ולפי מה שהשעה צריכה והן הגזירות והתקנות והמנהגות כל אחד ואחד מאלו השלשה דברים מצוה עשה לשמוע להם** (רמב"ם פ"א, ה"א ממרים).

— דער בית דין הגדול אין ירושלים, האַלט זיך בעיקר אויף **תורה שבעל פה** און זיי זענען די זיילן פון לערנען און פון זיי קומט אַרויס דער געבאָט און געזעץ פאַר גאַנץ ישראל און אויף זיי האָט זיך גע־שטיצט די תורה, ווי עס ווערט געזאָגט — **על פי התורה אשר יורוך.**

סיי די לערע, וואָס זיי האָבן געהערט, דורך דער טראַדיציע ווי פירושים, דערקלערונגען און טראַדיציאָנעלע נאָרמעס (**הלכה למשה מסיני**); סיי די לערעס, וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט, לויט זייער איינזען מיט דער הילף, פון וועלכער עס איז, פון די מעטאָדעס פון אינטערפּרעטאַציע; אַזוי אויך, וועלכע עס איז, פאַראָרדנונגען, באַ־גרענעצונגען און איינפירן (**גזירות, תקנות ומנהגים**), וואָס ווערן אַרויסגעגעבן כדי צו באַפעסטיקן די תורה, לויט די נויטן פון דער צייט... דאָס אַלץ, איז דורכאויס מחייב, בהסכם מיטן געדאַנק פון זאָץ פון **חומש: לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל** — (דברים י"ז, י"א); — דו זאָלסט זיך נישט אָפּקערן פון קיין וואָרט, וואָס זיי וועלן דיר זאָגן נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס.

**די לערעס, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט, דורך די סנהדרין, לויט זייער איינזען, שטעלן מיט זיך פאָר דעם טייל פון דקדוקים.**

5) תלמוד (חולין ס"ב).

דער וויכטיקסטער קוואַל פון דעם טייל **דקדוקים** און צעגלייך פון דער **תורה שבעל פה**, איז דער, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר די אויבן דערמאָנטע מעטאָדעס פון אינטערפּרעטאַציע. די דאָזיקע מעטאָדעס פון אינטערפּרעטאַציע, דינען צו שאַפן די נויטיקע כללים, וועלכע מיר געפינען נישט אין דער **תורה שבכתב** און דאָס, מיט דער הילף פון לאָגישע דעדוקציעס פון די יסודות פון דער **תורה שבכתב**. בהסכם מיט אונדזער איבעליפערטער טראַדיציע, עקזיס־טירן אַזעלכע דרייצן מעטאָדעס פון אינטערפּרעטאַציע (**י"ג מידות, שהתורה נדרשת בהן**).

מיר וועלן דאָ ברענגען בלויז דריי פון די סאַמע וויכטיקסטע מעטאָדעס פון אינטערפּרעטאַציע און זיי זענען: דער פאַרגלייך (**היקש**), די אַנאַלאָגיע (**גזירה שוה**) און דאָס אַרויסדרינגען פון דעם גרעסערן, דאָס קלענערע און פאַרקערט (**קל וחומר**).

א) **היקש**, איז אַ פאַרגלייך פון זאַכן, אָדער ענינים, וואָס זענען צווישן זיך ענלעך. אַזעלכע פאַרגלייכן, געפינען מיר אַ סך מאָל אין **חומש** גופא.

א) אַ ביישפּיל: — **„כי כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש כן הדבר הזה"**. (דברים כ"ב, כ"ו).

— וואָרום אַזוי ווי אַ מאַן שטייט אויף קעגן זיין חבר, און דער־הרגעט אים אויף טויט, אַזוי איז די דאָזיקע זאַך. — 1)

ווי אַ פועל יוצא דערפון, וואָס די תורה פאַרגלייכט בפירוש דעם פאַרברעכן פון פאַרגעוואַלטיקונג צום פאַרברעכן פון מאָרד, ווערט אָנגענומען, אַז אַלע אין דער תורה דערמאָנטע שטראָף - קאָנסעק־ווענצן פון מאָרד - פאַרברעכן, האָבן די פולע אָנווענדונג ביים פאַר־ברעכן פון פאַרגעוואַלטיקונג.

דער ביישפּיל, שטעלט מיט זיך פאַר אַ **היקש מפורש**, אַ קלאָרן פאַרגלייך — 2) און דאַרף נישט האָבן קיין שום וויטערדיקע דער־קלערונגען.

לאָמיר אויך אונטערשיידן אַ צווייטן מין **היקש**, נעמלעך; אַ **היקש סתום**, אַ פאַרשטעלטן פאַרגלייך.

ב) דער ביישפּיל, איז דער ווייטערדיקער:

עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַ ספק, צי קען מען מקיים זיין די מצוה פון אכילת מצה, בעת די מצה ווערט געבאַקן פון רייז־מעל, פון קאַרטאָפל־מעל, פון געמאַלענע גרויפן א. א. וו.

---

1) **תלמוד** (סנהדרין ע"ג).

2) **תלמוד** (זבחים נ').

אין **חומש**, ווערט נישט דייטלעך געזאָגט, פון וועלכן מין מעל די מצה דאַרף געבאַקן ווערן. האָבן זיך אונדזערע חכמים דאַן פאַר־רופן אויפן ווייטערדיקן זאַץ אין **חומש**: —

**„לא תאכל עליו חמץ שבעת ימים תאכל עליו מצות"** — (דברים ט״ז, ג). — 3) זאָלסט נישט עסן דערביי חמץ; זיבן טעג זאָלסטו עסן דערביי מצות. דאָ, איז אין איין פסוק אוועקגעשטעלט געוואָרן, דער ווארט חמץ און דער ווארט מצה, איינס ביים צווייטן. דאָס לערנט אונדז, אַז די מצה דאַרף געמאַכט ווערן פון דעם זעלבן מין, פון וועלכן מען קען מאַכן חמץ. די תורה, האָט אוועקגעשטעלט דאָס ווארט מצה נעבן דעם ווארט חמץ, כדי אָנצוּווייזן, אַז די מצה מוז זיין בלויז פון די פינף מינים תבואה, פון וועלכע עס קען ווערן פערמענטירט ברויט. רייז מעל, קאַרטאָפל מעל, אָדער געמאָלענע גרויפענס, קענען נישט פערמענטירן; במילא קען מען פון זיי, אויך קיין מצה נישט מאַכן. — 4)

דאָס, איז פאַקטיש נישט קיין סטיליזירטער פאַרגלייך. אָבער, מיט דער אינערלעכער לאָגיק, שטעלט עס מיט זיך פאָר אַ ווירק־לעכן פאַרגלייך.

אַ דעריוואַטיווע פאָרעם פון אַ היקש־פאַרגלייך, שטעלט מיט זיך פאָר די אַזוי גערופענע **סמוכים**, וואָס באַשטייען אין אַרויסדרינגען פון דעם עצם פאַקט, וואָס עס געפינען זיך, אין **חומש**, געוויסע דינים איינע ביי די אַנדערע — 5) — 6).

ב) די **גזירה שוה**. די מעטאָדע פון אינטערפּרעטאַציע, איז ער־געץ־וואו ענלעך צו דעם באַגריף פון **אַנאַלאָגיע**.

פון עטימאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, איז דער אויסדרוק **„שוה"**, קלאָר און נישט צוויי־דייטיק, ער באַדייט: **גלייך**.

דאַקעגן, דער אויסדרוק **„גזירה"**, איז בנוגע זיין באַדייטונג, אין אַ מחלוקת. לויט **בית יוסף**, — 7) באַדייט דאָ **גזירה**: אַ וואָרט. לויט **מדות אהרן**, באַדייט עס דאָ: אַ דעציזיע — 8).

מיט דער הילף פון דער **גזירה שוה**, דרינגען מיר אַרויס פון דעם געגעבענעם דין, אַ דעציזיע פאַר אַן אַנדער קאַטעגאָריע, און

---

3) זע די דערקלערונגען פאַראַגר. 3.

4) תלמוד (פסחים ל״ה).

5) תלמוד (יבמות ד׳).

6) זע די דערקלערונגען 4.

7) (הליכות עולם דיני גזירה שוה).

8) (מדות אהרן פ״ג, ח״א).

דאָס אויף דעם יסוד, אַז איןביידע קאַטעגאָריעס געפינען מיר גע־מיינזאַמע טערמינען.

א) די ברייתא **ספרא** זאָגט:

**„גזירה שוה כיצד, נאמר בשומר שכר אם לא שלח ידו במלאכת רעהו ונאמר בשומר חנם אם לא שלח ידו. מה שומר שכר פטר בו את היורשין אף שומר חנם פטר בו את היורשין** (ברייטא דר׳ ישמעאל). — די גזירה שוה — וואָס איז? עס ווערט געזאָגט ביי אַ באַצאָלטן היטער, „אויב ער האָט נישט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אין דעם אייגנטום פון זיין קרעדיטאָר" — (שמות כ״ב, ז׳) און דאָס זעלביקע ווערט געזאָגט ביי אַ נישט באַצאָלטן היטער, איז דערפון געדרונגען, אַז אַזוי ווי די קוועסטיאָנירטע פאַרפליכטונג פון לוין־היטער, (בהסכם מיט אַ בפירושן דין פון **תורה שבכתב**), גייט נישט אַריבער צו זיינע קינדער, אַזוי אויך דאַרף נישט אַריבערגיין די קוועסטיאָנירטע פאַרפליכטונג פון דעם פרייוויליקן שומר, צו זיינע קינדער — 1).

כדי גענויער צו פאַרשטיין דעם יסוד פון דער הלכה, ווערט אויפגעקלערט, אַז: דער **שומר חינם** (דער אומבאַצאָלטער היטער), איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די באַוועגלעכע גיטער, וואָס זענען אים פאַרטרויט געוואָרן. ער איז פטור פון גניבה ואבידה. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך בלויז אין אַ פאַל, ווען עס איז עפּעס געשען דורך זיין אייגענער שולד. אין קעגנטייל אָבער איז דער **שומר שכר** (דער באַצאָלטער היטער), פאַראַנטוואָרטלעך אפילו אָן זיין אייגענער שולד פאַר **גניבה ואבידה** (פאַר באַגנבענען אָדער אין פאַל פון אַ פאַרלוסט) און ער איז בלויז פריי פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין פאַלן, וואָס ווערן אונטערגעוואָרפן אונטערן באַגריף פון **אונס**. (פארס מאַיאָר — העכערע קראַפט) — אין קעגנזאַץ צו אַ **שואל**; דער, וואָס נעמט די באַוועגלעכע גיטער, כדי זיי צו באַנוצן. ער איז פאַראַנט־וואָרטלעך אפילו אין פאַל פון **אונס** (פארס מאַיאָר).

דער **שומר שכר** (דער באַצאָלטער היטער), קען זיך אַלזאָ באַ־פרייען פון זיין אחריות, אויסשליסלעך אין פאַל פון **אונס** (פארס מאַיאָר). אָבער בלויז נאָכדעם, וואָס ער שווערט, אַז עס איז געווען אַ פאַל פון **אונס**. אַזאַ שבועה, איז דורכאויס אַ פערזענלעכע שבועה פון שומר אַליין, ווייל זי באַציט זיך אויף אַ געהעריקן זאַץ פון דער **תורה שבכתב: „שבועת ה" תהיי בין שניהם** (שמות כ״ב י׳) — זאָל אַ שבועה פון גאָט זיין צווישן זייביידן. ד. ה. צווישן שומר

1) זע די דערקלירונגען פאַראַגר. 5.

און דעם בעל הבית — און דעריבער גייט די שבועה נישט אריבער אויף די קינדער פון שומר. דער כלל דריקט זיך אויס אין זאץ. — **פטר בו את היורשין** — 2) די קינדער זענען פטור פון א שבועה.

דער שומר חינם, קען זיך באפרייען פון זיין אחריות מיט א שבועה, אז דער פאקט פון פארלוסט פון דער זאך, וואס אים איז פארטרויט געווארן, איז געוועזן אן זיין אנטייל און אן זיין שולד. בנוגע דעם פראבלעם פון איבערגאנג פון דער שבועה פון **שומר חינם**, אויף זיינע קינדער, איז פאקטיש אין דער **תורה שבכתב**, נישטא קיין בפירושער דין. אבער, אויפן וועג פון דער אויבנדער-מאנטער אנאלאגיע, די **גזירה שוה**, איז דער **שומר חינם** (דער אומ-זיסטער היטער), פארגליכן געווארן מיט **שומר שכר** (דעם לוין-הי-טער); במילא, איז ביים שומר חינם אויך גילטיק דער דין פון פטר בו את היורשין.

ב) עס איז געבראכט געווארן די שאלה, צי מען קען ברענגען דעם קרבן פסח אום שבת, אויב ערב פסח פאלט אוים, שבת.

**הלל**, האט דעם דין גע̤פסקנט, אויפן סמך פון א **גזירה שוה**, אויף פאלגנדן אופן: וועגן **עולת תמיד** (דעם טאג-טעגלעכן קרבן) ווערט אין חומש געזאגט דייטלעך, אז ער ווערט געבראכט אויך שבת.

היות, ווי ביי דעם דין פון **עולת תמיד** (טאג-טעגלעכן קרבן), געפינט זיך דער טערמין „במועדו", ד. ה. אין זיין צייט און דער זעלביקער טערמין „במועדו", געפינט זיך אויך ביי דעם **קרבן פסח** איז דערפון געדרונגען, אז אויך דער **קרבן פסח** דארף געבראכט ווערן ,אויך אום שבת. — 1).

ג) **קל וחומר**, אדער דאס ארויסדרינגען פון גרעסערן אויפן קלע-נערן, אדער פארקערט.

די דאזיקע מעטאדע פון ארויסדרינגען, געפינט זיך א סך מאל אין **חומש**.

ביישפילן, געפינען זיך אין פאלגנדע ערטער פון **חומש**:

**„הן כסף אשר מצאנו בפי אמתחותינו השיבנו אליך מארץ כנען ואיך נגנוב מבית אדוניך כסף או זהב"**. — (בראשית נ"ד, ה) — יע, דאס געלט וואס מיר האבן געפונען אין דער עפנונג פון אונדזע-רע זעק, האבן מיר דיר אומגעקערט פון לאנד כנען, היינט, ווי וועלן מיר גנבענען פון דיין הארס הויז, זילבער אדער גאלד?

דאס זעלביקע אין ספר דברים:

---

2) זע די דערקלערונג אין פאראגר. 5.

1) **תלמוד** (פסחים ס"ח)

**„הן בעודני חי עמכם היום ממרים הייתם עם ה׳ ואף כי אחרי מותי״.** (דברים ל״א כ״ז).

— זע היינט, אז איך לעב נאך מיט אייך, זייט איר געווען ווידערשפעניקער אקעגן גאט, און ווי שוין, נאך מיין טויט?

אין תלמוד, ווערט באצייכנט די דאזיקע מעטאדע פון ארויס־דרינגען, אויף פאלגנדן אופן: 1) — **לימוד מן הקל לחמור — דאס ארויסברענגען א חומרא פון א גרינגערן דין, אויף א שווערער.** 2) — **לימוד מן החמור לקל — דאס ארויסברענגען א קולא פון א שווע־רערן דין, אויפן א גרינגערן. ביישפילן:**

א) דער עולת תמיד, (טאג טעגלעכער קרבן), אויב מען לאזט אים דורך א טאג און מען מאכט אים נישט, קומט דערפאר נישט קיין שום שטראף. פון דעסטוועגן, האט מען דעם קרבן געבראכט שבת, כאטש עס איז געווען פארבינדן מיט חילול שבת. פון דעם איז געדרינגען, אז דער קרבן פסח, וואס איז הארבער פון קרבן תמיד: דעם קרבן פסח, אויב מען לאזט אדורך און מען מאכט אים נישט, קומט א שווערע שטראף פון כרת, איז דאך א פשיטא, אז מען דארף אים מאכן אפילו אום שבת. דאס איז א קל וחומר, וואס לערנט פון דעם גרינגערן אויף דעם שווערערן.

ב) אט איז א קל וחומר פון דעם שווערערן אויף דעם גרינגערן: יום טוב, איז גרינגער פון שבת. פון דעם איז געדרינגען, אז אן ארבעט וואס מען מעג טאן אום שבת, מעג מען בוודאי טאן אום יום טוב 3).

דאס ארויסדרינגען, מיט דער הילף פון דער מעטאדע פון קל וחומר, געבאטן און פארבאטן, איז פונדעסטוועגן, דורך דער בפירו־שער באשטימונג פון אונדזערע חכמים נישט גלייכווערטיק מיט די געבאטן און פארבאטן, וועלכע זענען בפירוש פאראן אין **חומש.** אונדזערע חז״ל האבן געשטיצט דעם דאזיקן כלל, אויף א פסוק אין **חומש:**

**„וכי יפתח איש בור או כי יכרה איש בור״** (שמות כ״א ל״ג) — און אז א מאן וועט עפענען א גרוב, אדער אז א מאן וועט גראבן א גרוב. און ער וועט עס נישט צודעקן און עס וועט דארט אריינ־פאלן אן אקס, אדער אן אייזל. דארף דער מאן, וועלכער האט אויפ־געדעקט אדער אויסגעגראבן דעם גרוב, באצאלן דעם שאדן.

---

1) תלמוד (פסחים ס״ו)

2) תלמוד (תמורה ט״ז)

3) זע די דערקלערונגען אין פאראגר. 8.

אונדזערע חכמים האָבן באַמערקט, אַז עס וואָלט געגוג געווען, ווען עס שטייט בלויז דער פאַל פון כי יפתח; אויב אַ מאַן וועט עפע־נען אַ גרוב. במילא, וואָלט מען דאָך שוין אויך פאַרשטאַנען, אַז נאָכמער דאַרף ער באַצאָלן, אויב ער וועט אוים גראָבן אַ גרוב און אים לאָזן אָפן. ער דאַרף, הייסט עס, טראָגן אחריות נאָך מער אין פאַל פון כי יכרה, אויב ער וועט גראָבן. איז דאָך דאָן איבעריק דאָס דערמאָנען פון דעם כי יכרה. אויב דאָס בלויזע עפענען, דעם שוין אויסגעגראָבענעם גרוב, איז אַ פאַרברעכן, פאַר וועלכן מען ווערט באַשטראָפט, אַ פשיטא שוין, אַז דאָס אוים גראָבן אַ גרוב און אים לאָזן אָפן, איז געווים אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אויב אָבער, דער פאַל כי יכרה, איז טראָצדעם דייטלעך דער־מאָנט, איז עס דערפאַר, ווייל די כונה פון חומש איז געווען דער־מיט צו באַטאָנען, אַז ווען דער פאַל כי יכרה, וואָלט געוואָרן אי־בערגעלאָזן פאַר דעם אַרויסלערנען מיט דער הילף פון אַ קל וחומר, וואָלט ער נישט געווען אונטערגעוואָרפן אַזעלכע רעזולטאַטן, ווי אין פאַל ווען ער ווערט בפירוש אין חומש דערמאָנט — 1).

רעזומירנדיק בקיצור די אויספירן פון די ביז איצטיקע דער־קלערונגען, קומען מיר צום רעזולטאַט, אַז די עיקר אויפגאַבע פון דער תורה שבעל פה באַשטייט אין דעם, — ווי עס דערקלערט דער רמב"ם, אַז דורך דערקלערונגען און אינטערפּרעטאַציעס, פּאַסט זי צו די תורה שבכתב, וועלכע איז כולל פּרינציפּן און אידעאַלן, צום פּראַקטישן אויספיר און אַדאַפּטאַציע — 2).

דער וויכטיקסטער לייט־מאָטיוו פון אונדזערע חכמים, איז אַלזאָ, אַז די אויפגאַבע פון דער תורה ענדיקט זיך נישט מיט פעסטשטעלן די אידעאַלן און פּרינציפּן גופא, נאָר נישט ווייניקער וויכטיק, איז די צווייטע אויפגאַבע, אַז די אידעאַלן און פּרינציפּן זאָלן פאַרקער־פּערט ווערן אין מעשים, דורך זייער געהעריקער אָנווענדונג און אויספירונג אינעם לעבן — 3).

4.—אָט געפינען מיר אין חומש אַ פּסוק:

„ועשית הישר והטוב בעיני ד'" (דברים, ו' י"ח.) — און דו זאָלסט טאָן, וואָס איז, רעכטפאַרטיק און גוט אין די אויגן פון גאָט.

אויך אין דעם פּסוק: „דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום"

---

1) תלמוד (מכילתא משפטים).

2) רמב"ם אין דער הקדמה צום סדר זרעים.

3) זע די דערקלערונגען אין פּאַראַגר. 9.

(משלי י"ג י"ז) — אירע וועגן זענען וועגן פון ליבלעכקייט און אלע אירע שטעגן זענען שלום.

אונדזערע חז"ל, האבן זיך אלזא באמיט, אז די אידעאלן זאלן נישט בלייבן אויפן פאפיר, אדער זיי זאלן נישט בלייבן בלויז אויף א וויל, איבערצולייענען און פרייוויליקן צופאסן זיך, נאר כדי די אידעאלן זאלן אריינדרינגען אין די קאנקרעטע פאלן פון לעבן און זאלן פאקטיש מחייב זיין, צו זיי, זיך צו צופאסן.

און אזוי, אויפן אויבנדערמאנטן זאץ „וכל נתיבותיה שלום" — און אלע אירע שטעגן פירן צו שלום, שטיצט זיך די ברייתא מיט פאלגענדע כללים:

**„מפרנסין עניי נכרים עם עניי ישראל ומבקרין חולי נכרים עם חולי ישראל וקוברין מתי נכרים עם מתי ישראל מפני דרכי שלום** (גטין ס"א) **אין ממחין ביד עניי עובדי כוכבים בלקט שכחה ופאה מפני דרכי שלום** (גטין נ"ט)" —

...זאלסט נישט מיינען, אז מיטן געבאט צו זארגן וועגן שלום, איז מען אויסן צו שאפן שטארקע מיליטער־אפטיילונגען. — צום שלום, דארפסטו קומען מיט פאלגנדע מיטלען: דארפסט אויפהאלטן די פרעמדע ארעמעלייט צוזאמען מיט די ארעמע יידן; דארפסט מבקר חולה זיין די פרעמדע קראנקע, צעגליך מיט די קראנקע יידן און דו דארפסט נישט פארטרייבן קיין פרעמדן, וואס קלייבט אויף דיין פעלד די רעשטלעך תבואה, ווי **לקט שכחה ופאה** (ויקרא ל"ט) (דברים כ"ד, י"ט).

א וויטערדיקער ביישפיל פון צופאסן דעם אלגעמיינעם אידעאל פון די **כתבי הקודש**, צו דער פראקטיק פון לעבן, איז דער פאלגנ־דיקער.

**רבה בר בר חנן תברי ליה הני שקולאי, חביתא דחמרא. שקל לגלימייהו. אתו אמרו לרב. אמר ליה הב להו גלימייהו. אמר ליה דינא הכי? אמר ליה אין! „למען תלך בדרך טובים** (משלי ב' כ') **יהיב להו גלימייהו. אמרו ליה עניי אנן וטרחינן כולה יומא וכפינן ולית לן מידי. אמר ליה, זיל הב להו אגרייהו. אמר ליה דינא הכי? אמר ליה אין: „וארחות צדיקים תשמור"** (משלי ב' כ') (בבא מציעא פ"ג).

— דעם רבי, רבה בר בר חנן, האבן באצאלטע טרעגערס ביים טראגן צעבראכן א פעסל וויין. כדי צו דעקן דעם געהעריקן שאדן, האט ער פון די טרעגערס צוגענומען זייערע מאנטלען. זענען זיי געקומען צו א דין תורה צו רב, וועלכער האט געפסקנט, אז בר חנן זאל אפגעבן די מאנטלען. האט בר חנן געפרעגט: — אזוי איז דער

דין? אויף דעם, האָט רב געענטפערט: — יאָ! ווייל אין די כתבי הקודש שטייט געשריבן: „**למען תלך בדרך טובים**״; — דו זאָלסט גיין אין גוטן וועג (משלי ב״כ), דאָס הייסט, אַז אויב די גערעכטיקייט איז שטרענג, דאַרף מען אָפּטרעטן פון דין און האַנדלען **לפנים משורת הדין, ד. ה. איבערן דין.**

ווייטער, דערציילט די גמרא — אַז שפּעטער זענען די טרעגערס געקומען צו רב׳ן און אים געזאָגט, אַז זיי זענען אָרעם און נאָכדעם, ווי זיי האָבן צעבראָכן דאָס פעסל, וויל זיי בר חנן נישט באַצאָלן זייער לוין, האָבן זיי היינט נישט קיין ברויט-צו עסן, האָט דאַן רב געפּסקנט, אַז בר חנן דאַרף זיי באַצאָלן זייער לוין. האָט בר חנן געפרעגט: אַזוי איז דער דין? האָט רב געענטפערט: אַזוי איז דער דין! ווייל אין דער תורה שטייט געשריבן: „**וארחות צדיקים תשמור**״ (משלי ב, כ,) — און די שטעגן פון די גוטע מענטשן זאָלסטו אָפּהיטן.

אַ סך אַזעלכע און ענלעכע געבאָטן, וואָס ווערן אַרויסגעדרונגען דורך אונדזערע חכמים, זענען פאַראַן, ווי די אויבן געבראַכטע ביישפּילן, וועלכע וועלן אַרויסגעלערנט פון אונדזער תורה שבכתב.

5.—דער אויבן דערמאָנטער כלל פון „**לפנים משורת הדין**״, שפּילט אַ גרויסע ראָל אין **תורה שבעל פה**, ווי אַן אינסטרומענט צו רעאַליזירן די אויסגעדריקטע, אין **תורה שבכתב**, פּרינציפּן פון ערלעכקייט אין די באַציאונגען פון פּראַקטישן לעבן.

אונדזערע חכמים, האָבן געשטיצט זייער לעבעדיקן יסוד: **לפנים משורת הדין**, אויף דעם פאָלגענדן פּסוק פון דער תורה: — „**והודעת להם את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון**״ (שמות י״ח כ) — און זאָלסט זיי מאַכן וויסן דעם וועג, וואָס זיי זאָלן אין אים גיין און די מעשים, וואָס זיי זאָלן טאָן.

האָבן די חז״ל דערקלערט, אַז דער אויסדרוק: **ואת המעשה** — די מעשים, דאָס מיינט מען די הלכה (דעם דין), דער ווייטערדיקער אויסדרוק: **אשר יעשון**, וואָס זיי דאַרפן טאָן, באַצייכנט דעם באַגריף: **לפנים משורת הדין.**

„**ואת המעשה זו שורת הדין, אשר יעשון זו לפנים משורת הדין**״ (**מכילתא פ׳ יתרו**).

אין גמרא (בבא מציעא ל) ווערט געבראַכט:

„**אמר ר׳ יוחנן לא חרבה ירושלים אלא שהעמידו דיניהם על דין תורה ולא עשו לפנים משורת הדין**״. — זאָגט רבי יוחנן, אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן דערפאַר, ווייל אין ירושלים האָט מען געמשפּט בלויז אויפן יסוד פון האַרבן דין און עס איז אויסגעמיטן

געוואָרן דער פּרינציפּ פון יושר, אויפן יסוד פון: **לפנים משורת הדין** (בבא מציעא פ"ח).

6.—עס איז אַ כלל אין **תורה שבעל פה** אַז:

**יש כח ביד חכמים לעקור דבר מן התורה בשב ואל תעשה** (יבמות פ"ט) — דאָס הייסט, אַז אין אַ נויט-פאַל קאָנען די חכמים ענדערן אַ דין פון דער **תורה שבכתב**. אָבער בלויז אין אַזעלכע פאַלן, וען אין חומש איז דאָ אַ רמז, אַז דאָס קען געשען. אויב די חכמים אַנערקענען, אַז די באַציאונגען אין לעבן דערלאָזן נישט אויסצו־פירן די דינים, בהסכם מיטן בפירושן אויסדרוק, קענען זיי פאַר־מיידן די פּאַקטישע אויספירונג. — 1).

א) אין חומש (דברים כ"ה ה') — **„כי ישבו אחים יחדיו ומת אחד מהם ובן אין לו לא תהיי אשת המת החוצה לאיש זר יבמה יבא עליה ולקחה לו לאשה ויבמה"**. — אויב עס וואוינען ברידער צוזאַמען און עס שטאַרבט איינער פון זיי און דער פאַרשטאָרבע־נער לאָזט נישט איבער קיין זון, זאָל די אלמנה נישט חתונה האָבן מיטן קיין פרעמדן; דער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם דאַרף מיט איר חתונה האָבן.

אין פאַל אָבער, אַז דער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם, זאָל ניט וועלן מקיים זיין דעם דין, דאַרף ער זיך דאַן אונטערוואַרפן אונ־טער דער צערעמאָניע פון **חליצה**, לויטן אינהאַלט פון די וויטערדי־קע פיר פסוקים פון **חומש**.

האָבן אונדזערע חכמים געשאַפן אַ תקנה, אַז קיינמאָל דאַרף מען **נישט דערלאָזן דערצו**, אַז דער ברודער פון דעם פאַרשטאָרבע־נעם זאָל נעמען זיין אלמנה פאַר אַ ווייב, נאָר שטענדיק זאָל ווערן דורכגעפירט, אין אַזעלכע פאַלן, די צערעמאָניע פון **חליצה** (בכורות י"ג, יבמות ל"ט), וועלכע געפינט זיך אויך אין **תורה שבכתב**.

ב) אין דער תורה ווערט געשריבן, ווען אַן אומטרייער פרוי: **„והעמיד הכהן את האשה לפני ד' ופרע את ראש האשה** (במדבר ה' י"ח) — און דער כהן זאָל שטעלן די פרוי פאַר גאָט און צעשוי־בערן דעם קאָפּ פון דער פרוי.

אין דער משנה, איז פאַראַן אַ תקנה: — **אם היו לבה נאה לא היו מגלהו אם היו שערה נאה לא היו סותר** (סוטה א, ה) — אויב איר האַרץ (דער אַנטבלויזטער) קערפּער טייל, אַרום האַרץ איז גע־ווען שיין, האָט ער אים נישט אָפּגעדעקט און אויב אירע האָר זע־

1) זע די דערקלערונגען אין פּאַראַגר. 10.

נען געווען שיינע, האָט ער זיי נישט פונאַנדערגעלאָזן — דאָס מיינט: בשב ואל תעשה.

אַזעלכע גזרות „קאָנטראַ לעגעם" איז דאָ מער — 1).

4.

**דער פאַרבאָט, צו פאַרשרייבן די תורה שבעל פה.**

1.—עס איז אַ פּרינציפּ פון אונדזער טראַדיציע, אַז די **תורה שבכתב** טאָר מען נישט לערנען און איבערגעבן אויף אויסענווייניק. פון דער אַנדערער זייט, איז אויך **פאַרבאָטן** אָפּצושרייבן די **תורה שבעל פה.**

אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט:

**כתוב אחד אומר כתוב את הדברים האלה וכתוב אחד אומר כי על פי הדברים האלה, לומר לך: דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאומרן בכתב, ודברים שבכתב אי אתה רשאי לאמרן על פה ותנא דבי רבי ישמעאל כתוב לך את הדברים האלה, אלה אתה כותב, ואי אתה כותב הלכות** (תמורה י"ד).

איין פסוק זאָגט: פאַרשרייב זיך די דאָזיקע ווערטער (דברים ל"ד) — און אַ צווייטער פסוק זאָגט: — **דאָס מינדלעכע איבערחזרן די דאָזיקע ווערטער.** דערפון לערנט מען, אַז די **תורה שבעל פה** בלייבט מינדלעך און די **תורה שבכתב**, פאַרבלייבט אין שריפט — 2).

די כוונה פון דעם כלל איז, אַז די **תורה שבכתב**, זאָל אויף אייביק בלייבן אומגעענדערט: אין איר טעקסט זאָל נישט פאָרקומען די מינדערסטע ענדערונג, ווייל דאָס געשריבענע וואָרט, אויפן באַרג סיני דאַרף פאַר די ווייטסטע דורות אויפגעהאַלטן ווערן, אין איר אָריגינעלער געשטאַלט. וואָלט אָבער דערלויבט געווען איבערצוגעבן די **תורה שבכתב** מינדלעך, וואָלטן שוין געקענט אַריינקומען ענדערונגען, אין איר הייליקן אינהאַלט.

פון דער אַנדערער זייט, דערלויבט נישט דער מהות פון דער **תורה שבעל פה**, פון וועלכער דער גרעסטער טייל באַשטייט פון אויספירונגען און דערקלערונגען פון די חז"ל, צו שאַפן וועלכן עס איז פאַרענדיקטן קאָדעקס, וועלכער זאָל נישט אונטערגעוואָרפן ווערן קיין שום אַנטוויקלונג. במילא שטעלט מיט זיך פאַר די תורה שבעל פה עפּעס, וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרענדיקט און אָפּגעשלאָסן — 3).

---

1) זע די דערקלערונגען אין פּאַראַגר. 10.

2) תלמוד (ירושלמי מגילה פ"ד ה"א).

3) זע די דערקלערונגען אין פּאַראַגר. 11.

2.—די טראַדיציע, בנוגע דעם נישט פאַרשרייבן פון **תורה שבעל פה**, האָט זיך פּאַקטיש אויפגעהאַלטן בערך 1.500 יאָר, פון מתן תורה אויפן באַרג סיני.1) דער גאַנצער ריזיקער מאַטעריאַל פון הלכות און דינים, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן במסורה, האָט געלעבט צווישן פאָלק אין אַקאַדעמיעס און סנהדרין, ווי אַ מאַטעריאַל, אויס־שליסלעך אַ מינדלעכער; אָן קיין שום פאַרצייכענונגען און ער איז געווען געטריי אָפּגעהיט.

האָט אָבער באַמערקט **רבי יהודה הנשיא (רבי, רבינו הקדוש)** 2) אַז זיין דור וועט שוין נישט זיין בכוח אויפצוהאַלטן אין זכרון דעם באַרג פון דער **תורה שבעל פה** און במילא וועט ער שוין נישט קענען, דאָס אַלץ, איבערגעבן דעם קומענדיקן דור, בעיקר טאַקע איבערן שווערן היסטאָרישן גורל פון פאָלק ישראל, וועלכער האָט שוין דאַן געלעבט בעיקר אין גלות.

האָט דאַן **רבי** גענומען און צענויפגעזאַמלט די **משנה**, ד. ה. דעם גאַנצע קאָמפּלעקס הלכות און כללים, וואָס זענען ביז דאַן געשאַפן געוואָרן און ער האָט זיי פאַרשריבן 3). ער האָט עס געטאָן, בלויז מיטן צוועק, צו פאַרנאַטירן אַלעס, פאַרן זכרון פון די קומענדיקע דורות, אָבער פאַר קיין פאַל נישט, כדי צו שאַפן אַ פאַרענדיקטע, אָפּגעשלאָסענע זאַך, אָדער עפּעס אַן אומבאַרירלעכן, הייליקן טעקסט.

אין די וועגן פון **רבי**, זענען דערנאָך געאַנגען אַנדערע פון אונ־דזערע תנאים.

און אַזוי, איז דערנאָך פאַרשריבן געוואָרן די **ברייתא**, ד. ה. דער מאַטעריאַל, וועלכן **רבי** האָט דורכגעלאָזן: עס איז דערנאָך פאַרשריבן געוואָרן דער ויכוח איבער דער **משנה**, ד. ה. די **גמרא**; אָדער, דער **תלמוד ירושלמי** און דער **תלמוד בבלי**; דער לעצטער, האָט אגב באַ־קומען, דורך די חז"ל, אַ פּריאָריטעט איבערן ערשטן 4).

---

1) זע די דערקלערונגען פון פּאַראַגר. 12.
2) זע די דערקלערונגען פון פּאַראַגר. 13.
3) זי די דערקלערונגען פון פּאַראַגר. 14
4) זע די דערקלערונגען פון פּאַראַגר. 15

## די ערשטע איבערגעבונגען פון דער תורה שבעל פה.

לויטן נוסח פון **חומש**, (דברים א, ה,) האָט משה רבינו **אויפגע־קלערט** און געלערנט די תורה דעם פאָלק ישראל.

אין תלמוד, ווערן איבערגעגעבן פרטים, וועגן באַקאַנטע פּער־זענלעכקייטן, וועלכע האָבן משה'ן געהאָלפן אין די דאָזיקע אויפ־קלערונגען. זיבעציק פון די אַלטע לייט (**שבעים זקנים**); אַ צאָל, וואָס ווערט דייטלעך אָנגעוויזן אין **חומש**, איז בייגעווען און געהאָלפן משהן לערנען און אויפקלערן דעם פאָלק 1).

**יהושע בן נון**, משה'ס תלמיד, וועלכער האָט דערנאָך געפירט דאָס פאָלק, און **פנחס**, דער אייניקל און דער נאָכפאָלגער פון **אהרן הכהן**, אַלס דער כהן גדול, האָבן איבערגענומען די **תורה שבעל פה** פון משה און האָבן איר ווייטער פאַרשפּרייט.

**יהושע** און **פנחס**, האָבן די **תורה שבעל פה** איבערגעגעבן צו די **שופטים**. צווישן זיי, האָט זיך, לויט די ידיעות פון תלמוד, אַממייסטן אויסגעצייכנט דער שופט **עתניאל בן קנז** 2).

די ווייטערדיקע באַרימטע שופטים, וועלכע זענען געווען די זיילן פון דער **תורה שבעל פה**, זענען געווען: **עלי הכהן** און **שמואל הנביא**; מיט שמואל הייבט זיך אָן אַ ריי נביאים און ער איז אַליין געווען דער גרינדער פון אַ שול פאַר נביאים (עירובין מ"ה).

אין דער ריי פון די ווייטערדיקע פאַרשפּרייטער פון דער **תורה שבעל פה**, לייכטן די נעמען פון דעם נביא, וואָס האָט געזאַלבט דעם מלך דוד — דער נביא **אחיה השילוני** 3), **אליהו הנביא** און זיין תל־מיד **אלישע**; יעדערער פון זיי, האָט איינער פון אַנדערן איבערגענו־מען די תורה פאַר זיין דור.

---

1) זע די דערקלערונגען פון פּאַראַגר. 16.

2) זע די דערקלערונגען פון פּאַראַגר. 17.

3) זע דעם רמב"ם אין זיין הקדמה צו יד החזקה און די השגות הראב"ד דאָרט, יעו"ש.

דער כהן גדול **יהוידע,** (ארום 800 יאָר פאַר דער וועלטלעכער צייטרעכענונג), וועלכער האָט געשמט מיט זיין אַפּראַטעוועו דעם לעצטן אָפּשטאַמיקן פון בית דוד, (דברי הימים ב, כב כג), האָט איבערגעגעבן די הייליקע טראַדיציע צו דעם נביא זכריה, נאָך וועלכן עם האָבן איבערגענומען די פאַרשפּרייטונג פון דער **תורה שבעל פה,** די נביאים: **הושע, עמוס און ישעיה.**

פון דעם נביא **ישעיה,** האָט איבערגענומען די תורה דער נביא מיכה, נאָך וועלכן די תורה איז איבערגענומען געוואָרן דורך די נביאים: **יואל נחום, חבקוק און ירמיה,** וועלכער האָט איבערגעלעבט דעם ערשטן חורבן פון בית המקדש (580 יאָר פאַר דער וועלטלעכער צייט-רעכענונג).

קיין בבל, האָט די תורה אַריבערגעטראָגן **ברוך בן נריה,** דער שרייבער און צוגעבונדענער חבר פון נביא **ירמיה.** צוזאַמען מיט די כתבי הקודש האָט ער אַריבערגעטראָגן קיין בבל דעם נביא ירמיה'ס שריפטן. דער זעלביקער **ברוך בן נריה,** איז געווען דער רבי פון עזרא ונחמיה, וועלכע האָבן געשאַפן אַ נייע תקופה אין דער אַנטוויקלונג פון **תורה שבעל פה,** — זייער אַ וויכטיקע תקופה פון די **אנשי כנסת הגדולה,** — די מענער פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג. די דאָזיקע תקופה ענדיקט זיך מיט **שמעון הצדיק.** 1) די דאָזיקע תקופה, וועלן מיר שפּעטער גענויער באַשרייבן.

1) זע דעם רמב"ם אין זיין הקדמה צו דער יד החזקה.

# צווייטער קאַפּיטל

## פּרטימ'דיקער טייל

# די תקופה פון די אנשי כנסת הגדולה.

## פון 500 יאָר ביז 225 פאַר דער וועלטלעכער צייט־רעכענונג.

## דער היסטאָרישער הינטערגרונד פון דער תקופה פון די אנשי כנסת הגדולה.

בעת נבוכדנצר מלך בבל, האָט חרוב געמאַכט מלכות יהודה און האָט פאַרברענט דעם בית המקדש אין ירושלים, איז מקויים גע־וואָרן די שרעקלעכע נבואה פון די נביאים: ישעיה, ירמיה און יחזקאל, אַז פון אונדזער גאַנצן פאָלק וועט איבערבלייבן בלויז אַ שריד ופליט.

מורא'דיק קליין, איז געווען דאָס איבערגעבליבענע רעשטל. לויט אַ סטאַטיסטיק פון היסטאָריקער, האָט אויסגעמאַכט די באַפעלקע־רונג פון אַלע צוועלף שבטים, פאַר די צייטן פון דוד המלך, אַרום פיר מיליאָן נפשות. פון דער צאָל, איז אויפן חלק פון יהודה און בנימין אויסגעקומען בערך אַ מיליאָן נפשות. במשך פון פיר יאָר־הונדערט, האָט די באַפעלקערונג פון יהודה און בנימין, נאָך זיך פילפאַך פאַרמערט. נאָכן חורבן אָבער, איז פאַרבליבן פון דער באַ־פעלקערונג פון יהודה אַ רעשטל פון קוים עטלעכע הונדערט טויזנט. די שווערד פון דעם אכזריותדיקן שונא, דער הונגער און די מגפה, האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען פון דער באַפעלקערונג פון יהודה.

דער גרעסטער טייל פון דעם דאָזיקן, איבערגעבליבענעם הויפעלע, איז דורך נבוכדנצר'ן אַוועקגעפירט געוואָרן קיין בבל. און אַט דאָס קליין הייפעלע אומגליקלעכע, איז געוואָרן אַ רעטונג פאַרן פאָלק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ג-ט האָט נישט פאַרלאָזן די שארית הפליטה, נאָר אין דעם שונא'ס לאַנד האָט ער זיי אַרומגענו־מען מיט זיין השגחה.

מיט די רעשטלעך, האָט מיטגעוואַנדערט, אַזוי ווי אַמאָל דער ארון הברית, דער גאַנצער געטלעכער אוצר התורה אין דעם גלות־לאַנד. ברוך בן נריה, דער געטרייער סעקרעטאַר און חבר פון ירמיה וועלכער האָט פון מצרים איינגעוואַנדערט צו זיינע אומגליקלעכע ברידער קיין בבל, האָט זיי ווי אַ געטרייער שומר, מיטגעבראַכט די טייערע אוצרות פון דער געטלעכער תורה.

אין דער הינזיכט, האָבן אויך געהאַט זייער גרויסע פאַרדינסטן

די כהנים, די בני צדוק. צווישן די גולי בבל, האָט זיך אויך געפונען דער נביא יחזקאל, וועלכער האָט זיי געלערנט, געמוטיקט און געטרייסט.

די טעטיקייט פון די דאָזיקע גייסטיקע פירער, האָט געגעבן גוטע פרוכט. די גולים, האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען אינטענסיוו מיט לערנען די תורה און מיט דער תורה זיך צו צופאַסן אין לעבן. זיי, האָבן אָנערקענט מיט חרטה, אַז די גרויסע אומגליקן, וואָס האָבן זיי געטראָפן, זענען געווען אַ שטראָף פון גאָט, פאַר נישט האָבן קיין בטחון אין אַלמעכטיקן; פאַר זייער דינען פרעמדע געטער און פאַרן פאַרלאָזן די וועגן פון צניעות און מאָראַל.

זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז די אַלע אומגליקן, זענען פיל מאָל פאָרויסגעזאָגט געוואָרן דורך משהן און שפּעטער דורך די נביאים. זיי, האָבן אויפריכטיק באַדויערט זייער זינדיקן עבר. די טעג, ווען ירושלים איז איינגענומען געוואָרן דורך נבוכדנצרן; ווען עס איז פאַרברענט געוואָרן דער בית המקדש; ווען עס איז דערהרגעט געוואָרן גדליהו בן אחיקם; די טעג, האָבן יידן באַשטימט צו פאַסטן און אָנטאָן זיך אין טרויער-קליידער. דאָס, זענען געווען אין גלות די ערשטע נאַציאָנאַלע טרויער-טעג.

אין די הערצער פון די דאָזיקע אומגליקלעכע גולים האָט דער נביא יחזקאל אַריינגעזאָגט אַ טרייסט, מיט זיין לערע, אַז מיט אויפריכטיקער און ממשותדיקער חרטה, קאָן מען אָפּווענדן די רעזולטאַטן פון שלעכטע מעשים און עבירות: **„נאום ד'... אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו והיה. שובו שובו מדרכיכם הרעים ולמה תמותו"**. (יחזקאל ל"ג י"א) — גאָט פאַרלאַנגט נישט דעם טויט פון רשע, נאָר אַז דער רשע זאָל זיך אומקערן פון זיין שלעכטן וועג און בלייבן לעבן. קערט זיך אום, קערט זיך אום פון אייערע שלעכטע וועגן; צו וואָס, זאָלט איר שטאַרבן!

דער נביא יחזקאל, האָט קודם כל די אומגליקלעכע גולים געבראַכט זיין וואונדערלעכע וויזיע וועגן גיכן שיבת ציון, וועגן פאַראייניקן זיך פון פאָלק און ווידער אויפבויען דעם בית המקדש אין ירושלים.

די מאַטעריעלע לאַגע פון גולי יהודה, אין בבל, איז געווען גראָד אַ גליקלעכע. דער יורש פון נבוכדנצרן, אויל מרודך, איז צו זיי געווען פריינדלעך און ער האָט דעם געפאַנגענעם 37 יעריקן קעניג פון יהודה, יהויכימען, באַפרייט פון תפיסה און אים באַהאַנדלט מיט חסד.

די גולים פון יהודה זענען געוואָרן געדרודפט אין דער צייט פון

דעם קעניג פון בבל, נבון, וועלכער איז געווען געצוואונגען אפצו־טרעטן דעם טראָן און די מלוכה, זיין באַזיגער, **כורש.** (539 יאָר פאַר דער וועלטלעכער צייט־רעכענונג). דאָס פאַלן פון בבל, איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרן דורך אונדזערע נביאים. אפילו די סאַמע גלייכגילטיקע, האָבן שוין דאַן געמוזט אָנהייבן גלויבן אויך אין דעם ווייטערדיקן טייל פון נבואה, אַז נאָכן פאַל פון בבל, וועט אויך קו־מען די גאולה און שיבת ציון. די מפלה פון בבל, האָט אויפגע־טרייסלט די נשמה פון פאָלק און אַרויסגערופן אין זיין האַרצן פרייד און די שענסטע האָפענונגען.

**כורש,** האָט דערלויבט די יידן זיך אומצוקערן צוריק אין זיי־ער פאָטערלאַנד, ווידער אויפבויען ירושלים און דעם בית המקדש און די שבי ציון צוריקגעגעבן פון זיין אוצר די כלים און געשיר, וואָס נבוכדנצר האָט צוגענומען פון בית המקדש און זיי געבראַכט קיין בבל ווי טראָפייען.

בראש פון די שבי ציון, 40.000 אין צאָל, האָבן זיך געשטעלט **זרובבל,** אַן אייניקל פון מלך יהויכין, וועמען **כורש** האָט געגעבן דעם ראַנג פון אַ גובערנאַטאָר פון יהודה, און אויך **יהושע,** אַן אייניקל פון לעצטן כהן גדול.

אין דער צייט פון גלות בבל, איז יהודה אין אַ באַדייטנדיקן טייל געוואָרן פאַרנומען אין צפון, דורך די **שומרונים,** אָדער **כותים,** און אין דרום, דורך די **עמונים ואדומים. כורש,** האָט געצוואונגען די דאָזיקע שבטים צו פאַרלאָזן די פאַרכאַפּטע טיילן פון לאַנד און זיי אומצוקערן צו די שבי ציון.

די **שומרונים,** האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ געמיש פון פאַר־שיידענע שבטים. זיי האָבן אָנערקענט און אָנגענומען די **תורה שב־כתב** ד. ה. **דעם חומש.** אָבער נישט די **תורה שבעל פה,** וועלכע זיי האָבן נישט געקענט. חוץ דעם, איז דער גלויבן פון דעם פאָלק אַליין, נאָך נישט אינגאַנצן פריי געווען פון געטשנדינערישע עלעמענטן.

די אינערלעכע לאַגע פון יהודה, איז אין יענער צייט געווען זייער אַ טרויעריקע; אַ ריי יאָרן דורכאַנאַנד, איז דער שניט פון דער תבואה אויף די פעלדער געווען זייער אַן אָרעמער און עס האָט גע־הערשט אַ הונגער אין לאַנד. אין יענער צייט, ווי בכלל אין אַ צייט פון גייסטיקער ירידה ביי די בני ישראל, זענען אויפגעקומען צוויי נביאים: **חגי און זכריה,** וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער ירידה און זיי האָבן געמוטיקט די בני יהודה אויפצובויען דעם בית המקדש.

אַ דאַנק דער טעטיקייט פון די דאָזיקע נביאים און דער מאַ־

טעריעלער הילף פון די ברידער אין בבל און אויך, דער פריינד־לעכסטער פאר יהודה, באציאונג פון פערסישן קעניג דריוש, איז ענדלעך געענדיקט געווארן דאס אויפבויען דעם בית המקדש אין ירושלים, (516 יאר פאר דער וועלטל. צייט־רעכענונג). דער פייער־לעכער חנוכת הבית פון בית המקדש, האט געהאט א גרויסן איינ־פלוס אויפן רעליגיעזן און מאראלישן געמיט פון גאנצן פאלק און האט געווירקט אויף א באדייטנדיקן צופלוס, פון די צעזייטע און צע־שפרייטע, צוריק אין היימלאנד.

אין די אינערלעכע פאליטישע באציאונגען, האט זיך געשאפן אן אנטאגאניזם צווישן דער וועלטלעכער מאכט, וואס איז געווען פארטראטן דורכן גובערנאטאר זרובבל, דעם אפשטאמיקן פון מל־כות בית דוד און דער גייסטלעכער מאכט פון כהן גדול, יהושע. דער ערשטער, האט געהאט הינטער זיך דעם גלאנץ פון דעם נאמען פון דוד המלך און דעם זכר פון דעם אמאליקן בית המקדש פון די צייטן פון דוד און שלמה; א תקופה, נאך וועלכער אלע האבן געבענקט, זי זאל זיך אומקערן.

דאך אבער האט זיין פערזאן ארויסגערופן ביי די געגעבענע באציאונגען א פחד, אז די אינטריגעס פון די שונאים, וועלכע טייט־לען מיט די פינגער אויפן אפשטאמיקן פון בית דוד, ווי אויפן צו־קינפטיקן מלך פון יהודה, קאנען אין פערסישן הויף ברענגען צו געפערלעכע פאלגן. נאך אין גלות בבל, האט דער נביא יחזקאל זיך ארויסגעזאגט קעגן רעסטאוורירן די אמאליקע קעניגלעכע מאכט. דער ראט פון די ראשי משפחות, וועלכער האט דאן געהאט א דע־צידירנדיקן איינפלוס אויף אלע געזעלשאפטלעכע ענינים האט גע־קוקט מיט אומווילן אויף זרובבלען, ווי א פרעטענדענט אויף אן אומ־באגרענעצטער קעניגלעכער מאכט. זייער גרוים איז געווען די השפעה פון דעם נביא זכריה, וועלכער האט דערקלערט, אז דער כהן גדול יהושע וועט רעגירן איבער יהודה. די שטימונג אין אלגע־מיין איז וואס ווייטער אלץ מער געווען פארן כהן גדול, ווייל די געגעבענע באדינגונגען האבן עס געפאדערט. האט אלזא זרובבל געמוזט אפטרעטן. ער האט פארלאזט ירושלים און זיך צוריקגע־קערט קיין בבל.

די רעגירונגען פון כהן גדול יהושע און דערנאך פון זיין זון, האבן זיך נישט ארויסגעוויזן פאר קיין צוועקמעסיקע, ווייל זייער מאכט איז כסדר אלץ מער באגרענעצט געווארן דורך די פערסישע סאטראפן. די מעכטיקע פערסער, אונטער דער הערשאפט פון קסער־קסעסן, האבן פון יהודה ארויסגעקוועטשט וואס ווייטער אלץ גרע־

סערע שטייערן, און די פיינדלעכע שכנים פון צפון, די כותים און שומרונים, האָבן זיך כסדר געמיט שאָדן צו ברענגען יהודה, אויף יעדן טריט און ביי יעדער געלעגנהייט.

די דאָזיקע אומפריינדלעכע אומשטענדן, האָבן ווידער געשאַפן ביי די בני יהודה, בעיקר ביי די פאַרמעגלעכערע און באַרימטע משפחות, אַ נייגונג זיך צו דערנענטערן צו די חתים, און דערנאָך אפילו צו די עמונים און מואבים, דורך אַריינטרעטן מיט זיי אין הייראַט-פאַרבינדונגען. אפילו די משפחה פון כהן גדול, האָט נישט אויסגעמיטן אַזעלכע הייראַט-פאַרבינדונגען. עס איז אויף אַזאַ אופן דערגרייכט געוואָרן פריינדלעכע באַציאונגען מיט די שכנים און די פאַרמערונג פון וואוילזיין.

די געמישטע חתונות מיט די האַלב - געטשנדינערישע **כותים ושומרונים** און אפילו מיט **עמון און מואב**, מיט וועלכע די הייראַט-פאַרבינדונגען זענען בפירוש אין דעם תורה פאַרבאָטן, האָבן באַהאַלטן אין זיך אַ גרויסע סכנה פאַרן רעליגיעזן קיום און פאַר דער נאַציאָנאַלער זיכערקייט פון עם ישראל; אַ סכנה פון פאַרשווינדונג, צוליב די געטשנדינערישע עלעמענטן.

אין דעם קריטישן מאָמענט, ווען עס האָט געדראָט אַ געפאַר פשוט פאַרן פיזישן קיום פון פאָלק ישראל, האָט זיך געשטעלט, ביי דער גרויסער סכנה אַ מאַן פון אויסערגעוויינלעכן פאַרנעם און אויסגעוויינלעכע מאָראַלישע ווערטן, וועמען עס איז ניט בלויז געלונגען אָפּצווענדן די דראָענדיקע געפאַר, נאָר אויך צו באַפעסטיקן תורת משה אין די יידישע הערצער, אין די הערצער פון גאַנצן פאָלק אויף אייביקע צייטן און ער האָט אָנגעהויבן אַ נייע, גרויסע תקופה אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון פאָלק. (אַרום אים, האָבן זיך גרופּירט אויך אַנדערע באַרימטע פערזענלעכקייטן).

**דער דאָזיקער מאַן, איז געווען עזרא.** ער איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון דעם באַרימטן כהן גדול חלקיהו, אַן אייניקל פון כהן גדול צרויה, וועמעס זין עס האָבן געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אין פאַרשפּרייטן תורת משה. אין בבל, נאָך די דורכגעמאַכטע אומגליקן און דורכפאַלן, האָבן די גולים אָנגעהויבן פלעגן די פאַרלאָזענע, ביז דאַן, הייליקע תורה. עזרא, איז געוואָרן דער לערער פון זיינע ברידער און ווי אַזעלכער האָט ער פאַרמאָגט אַן אומבאַשטרייטבאַרע אויטאָריטעט.

אַ דאַנק דער טעטיקייט פון **עזרא**, האָט שטאַרק אויפגעבליט דאָס תורה לערנען אין בבל. ער, האָט קודם כל אויפגעקלערט די

דינים פון תורה משה און ער האָט געפאָדערט זייער פינקטלעכע אויספירונג.

**„כי עזרא הכין לבבו לדרש את תורת ד' ולעשות וללמד בישראל חק ומשפט"** (עזרא ז', י',) — ווארים עזרא האָט געקערט זיין האַרץ צו פאַרשן גאָטס תורה, און צו טאָן, און צו לערנען אין ישראל חוקים און געזעצן.

ער איז אַלזאָ געווען דער, וואָס האָט אויפגעלעבט די רעליגיעז־הלכהשע ריכטונג אין יידנטום.

אַזוי זעען מיר דאָן, אַז אין אונדזער פאָלק האָט אויפגעלעבט די הייליקע תורה משה אין גלות בבל; אַז אויך אין בבל, איז אויפגעשטאַנען אַ גואל, וועלכער האָט פאַרפעסטיקט אויף אייביק, אין פאָלק, דעם גייסט פון תורת משה.

צווישן די בני יהודה אין לאַנד און זייערע ברידער אין בבל, איז געוואָרן אויפגעהאַלטן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט. עזרא, האָט אַלזאָ באַקומען ידיעות, וועגן דער לאַגע אין יהודה און ער האָט באַשלאָסן אַריבערצוקומען אין יהודה, כדי דאָרטן צו העלפן אין אַן עת צרה. דער פערסישער קעניג אַרטאַקסערסעס, האָט אים געגעבן אַ דערלויבעניש פאַר דער דאָזיקער רייזע און אים אפילו מיטגעגעבן ווערטפולע מתנות, פאַרן בית המקדש אין ירושלים. צוזאַמען מיט עזרא, זענען עולה געווען פון בבל קיין יהודה העכער 1.600 יידן.

עזרא׳ס שם און אויטאָריטעט, ווי אַ לערער פון פאָלק, איז אים פאָרויסגעגאַנגען פאַר זיין אָנקומען קיין ירושלים. במילא, ווי ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט ער איבערגענומען די גייסטיקע פירערשאַפט אין יהודה. באַלד ווי ער האָט זיך דערוואוסט וועגן די געמישטע חתונות מיט די שומרונים און אפילו מיט עמון און מואב, האָט ער אין צייכן פון טרויער, צעריסן זיינע קליידער. דער עולם, וואָס האָט זיך צענויפגעקליבן אין הויף פון בית המקדש, האָט זיך דערוואָרעמט פון עזרא׳ס רייד און האָט געגעבן אַ שבועה־און גענומען אויף זיך שטראָף־סאַנקציעס — זיך צו שיידן פון זייערע שומרונישע ווייבער און זיי אָפּצושיקן צוזאַמען מיט זייערע קינדער צו זייערע הייזער און משפחות.

דער דאָזיקער באַשלוס איז פולקאָם אויסגעפירט געוואָרן.

די פאַרביטערטע שומרונים, האָבן אויפגעבויט הינטער דער שטאָט שכם, אויפן באַרג גריזים, אַן אייגענע טעמפל מיט אַ מזבח, לויט די דינים פון חומש — ווי אַ קאָנקורענץ קעגן בית המקדש אין ירושלים. דערביי האָבן זיי אויך געהאַט כהנים פון די בני אהרן,

וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט צעשיידן פון זייערע שומרונישע ווייבער, זיי זענען אריבער צום לאַנד פון די שומרונים.

די דאָזיקע נייעס, האָט גורם געווען, אַז נחמיה וועלכער איז דאַן געווען דער געטראַנק־מייסטער אין פּערסישן הויף, זאָל קומען קיין ירושלים. נחמיה איז געגאַנגען אין עזרא׳ס גייסטיקע דרכים און ער איז געווען אַ אייפעריקער פאַרשפּרייטער פון תורת משה. אונטער זייער ביידענס איינפלוס, איז דאָס עפנטלעכע לעבן געוואָרן איינגעשטעלט אין געדאַנק פון די געבאָטן פון תורת משה.

גייענדיק אין גייסט פון עזרא און נחמיה, איז געשאַפן געוואָרן, לויט דעם געדאַנקענגאַנג פון די דינים פון חומש, אַ **בית דין** פון די גרעסטע געלערנטע און חשובסטע פּערזענלעכקייטן פון לאַנד, וועלכע האָבן געדאַרפט מיטן פאָלק לערנען און פסקענען אויפן יסוד פון תורת משה.

אין ערשטן דור נאָך נחמיהן, האָט זיך שוין אויסקריסטאַליזירט אין זיין פולער פּראַכט, דער אַזוי שטאַרק פאַרדינסטפולער און ביי דעם גאַנצן פאָלק אַנערקענטער **בית דין הגדול**, מיט זיין זיץ־אָרט אין ירושלים.

פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטן ביזן פאַלן פון יהודה, איז אַרויסגעקומען חוק ומשפּט, געזעצן און דינים פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל, פאַר אַלע זיינע מיטגלידער, וואו נאָר זיי זאָלן נישט וואוינען, צי אין לאַנד, צי אין **חוץ לארץ**, אין אויסלאַנד. די דינים פון דעם **בית דין הגדול**, טראָגן דעם נאָמען **דברי סופרים**.

עס איז געווען די שטרעבונג פון דער תקופה, וואָס ברייטער צו פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק די ידיעות פון די כתבי הקודש. אין יענע צייט, איז שוין צווישן פאָלק ווייניק באַקאַנט געווען די העברעישע שריפט (כתב׳ עברי). זי איז פאַרביטן געוואָרן אויף דער אַסירישער שריפט — **כתב אשורית** (סנהדרין כ״א). דעריבער, איז פון דאַן אָן די תורה געשריבן, אין **כתב אשורית**.

די צוויי הונדערט־יעריקע תקופה פון די **אנשי כנסת הגדולה וסופרים**, שליסט אָפּ, די העל באַלויכטענע געשטאַלט פון כהן גדול: **שמעון הצדיק**. ער, איז עס געווען דער לעצטער פון די **אנשי כנסת הגדולה**. ער, איז אויפגעטראָטן אין דער צייט, ווען **אַלעקסאַנדער** מוקדון האָט צעשלאָגן די פּערסישע מלוכה, דאָס הייסט, אין אַ צייט פון די גרעסטע וועלט־אויפטרייסלונגען, וועלכע האָבן זייער שטאַרק געווירקט אויפן גורל פון מלכות יהודה. (325 פאַר דער וועלטלעכער צייט־רעכענונג).

לויט ווי עס דערציילט די גמרא, האָבן די יידן נישט געוואָלט באַלד פון אָנהייב דינען דעם זיגרייכן אַלעקסאַנדער דעם גרויסן, ווייל זיי האָבן זיך געפילט דאַנקבאַר דער פּערסישער דינאַסטיע און זיי האָבן זיך געהאַלטן צו זייער געבונדן דורך אַ שבועה. אַלעקסאַנדער דער גרויסער, האָט געברענט פון צאָרן פאַר אַזאַ באַציאונג פון יהודה און ער האָט געטראַכט חרוב צו מאַכן ירושלים מיטן בית המקדש. ווען ער איז אָבער, אין זיין טריומף-מאַרש, צוגעקומען צו דער הייליקער שטאָט, איז אים אַנטקעגנגעקומען דער בכבודיקער כהן גדול שמעון הצדיק, מיט זיין סוויטע.

**אַנטקעגן דער פאַרקערפּערונג פון דער מלחמה-מאַכט, דער מאַטעריעלער מאַכט, איז געשטאַנען דער פאָרשטייער פון גייסט און פון טיפן געדאַנק. — און עס איז געשען אַ וואונדערלעכע זאַך.**

אַלעקסאַנדער דער גרויסער, האָט זיך איינגעקוקט אין שמעון הצדיקס געשטאַלט, וועלכע האָט זיך אים פריער געהאַט באַוויזן אין חלום, האָט ער מיט חסד אויפגענומען דעם כהן גדול און ירושלים האָט ער געלאָזט צורו.

שמעון הצדיק, איז גלייכצייטיק געווען דער ראש פון דער רעגירונג פון יהודה און פון **בית דין הגדול** און ווי אויך דער פירער פון דער הויפּט-אַקאַדעמיע, דער לערער פון פאָלק. זיין אייביקע זאָרג איז געווען אויפצוהאַלטן די איינקייט פון יידן און צו דערהאַלטן אין בעסטן צושטאַנד דעם בית המקדש און ער האָט באַזאָרגט ירושלים מיט טרינק-וואַסער, דורך אַן אונטערערדישן קאַנאַל, וואָס ער האָט געלאָזט בויען צום קוואַל **מעין עטים**. זיין לאָזונג איז געווען:

**הוא הי' אומר על שלשה דברים העולם עומד: על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים"** (אבות פ"א). — ער פלעגט זאָגן: אויף דריי זאַכן, האַלט זיך די וועלט: אויף תורה, אויף אַרבעט און אויף גמילות חסדים!

II

# אינסטיטוציעס פון תורה שבעל פה, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פאַר דער תקופה פון די „אנשי כנסת הגדולה".

זייער אַ גרויסע צאָל גזרות און תקנות, שטאַמען נאָך פון די גאָר אַלטע צייטן, נאָך פון משהן און יהושען.

עס ווערט אָנגעמערקט אַז די גזרות און תקנות, וואָס משה רבינו האָט איינגעפירט, טראָגן נישט דעם נביאישן כאַראַקטער — **לא מצד הנבואה** — ד. ה. אַז משה רבינו האָט זיי נישט אַרויסגעגעבן אַלס נביא. אויך האָט ער זיי נישט בפירוש געהערט מפי הגבורה, אויפן באַרג סיני, אַזוי ווי דאָס איז געווען מיט דער **תורה שבעל פה ובכתב**, נאָר ער האָט זיי אַרויסגעגעבן, אויפן יסוד פון אַלגעמיינער נאָרמירונג — **על פי התורה אשר יורוך** — דאָס הייסט אַזוי ווי אַ לערער, צעגלייך מיט די לערער פון יעדן איינעם פון די קומענדיקע דורות.

1.— א.— „**משמורות**" — די אַמטלעכע דינסט־גרופן פון כהנים און לויים.

„**משה תיקן להם לישראל שמונה משמורות ארבעה מאלעזר וארבעה מאיתמר. בא שמואל והעמידן על שש עשרה. בא דוד והעמידן על עשרים וארבעה**" (תענית כ"ז).

— משה, האָט מתקן געווען פאַר די בני ישראל אַכט משמורות; פון אלעזר — פיר און פון איתמר — פיר. איז געקומען שמואל און ער האָט זיי געשטעלט אויף זעכצן. איז געקומען דוד און האָט זיי געשטעלט אויף פיר און צוואַנציק.

שוין משה רבינו, האָט פאַרטיילט די קינדער פון אהרן הכהן, די כהנים, אויף אָפּטיילונגען, פון וועלכע יעדערע האָט געדאַרפט במשך פון אַ וואָך, פון שבת ביז שבת, טאָן די עבודה אין משכן (דערנאָך, אין בית המקדש).

אין דער גמרא, איז אויסגערעכנט די צאָל פון די דאָזיקע אָפּ־

טיילונגען אויף אַזאַ אופן: אין אָנהייב איז געווען **אַכט**, שפּעטער **זעצכן** און צום סוף איז געוואָרן באַשטימט **פיר און צוואַנציק**. די צאָל איז שוין געבליבן באַשטימט סיי אין ערשטן, סיי אין צווייטן בית המקדש.

די באַזע פון דער פאַרטיילונג פון די כהנים אויף אָפּטיילונגען, איז געווען זייער אָפּשטאַמונג, אָדער די אָנגעהעריקייט צו איינער פון די פיר און צוואַנציק משפחות פון כהנים, און האָט מיט זיך גלייכצייטיק פאַרגעשטעלט אַ באַשטימטן אַמטלעכן טייל. יעדן שבת איז איין משמר, איין גרופּע, אָפּגעטראָטן און אַ צווייטער משמר, איז געקומען איבערנעמען די עבודה.

אַנאַלאָגיש צו דעם, זענען אויך די לויים אין זייער דינסט געווען איינגעטיילט אין פיר און צוואַנציק אָפּטיילונגען, לויט זייערע משפחות.

מיט יעדער כהנים-משפחה, האָט זיך אַלזאָ געפונען ביי דער עבודה, אַ באַשטימטע לויים-משפחה, אַזוי ווי דאָס איז גענוי באַשריבן אין חומש (ויקרא כ״ד, כ״ה).

ב.—אין פאַרבינדונג מיט דער אינסטיטוציע **משמרות**, קומט אויך אַ ווייטערדיקע אינסטיטוציע: **מעמדות**.

די משנה זאָגט, וועגן דעם ענין:

**„אלו הן מעמדות, לפי שנאמר צו את בני ישראל את קרבני לחמי (במדבר כ״ה) וכי האיך קרבנו של אדם קרב והוא אינו עומד על גביו התקינו נביאים הראשונים עשרים וארבעה משמרות. על כל משמר ומשמר היה מעמד בירושלים של כהנים, לויים וישראלים. הגיע זמן המשמר לעלות, כהנים ולויים עולים לירושלים וישראל שבאותו משמר מתכנסין לעריהן וקורין במעשה בראשית ואנשי המעמד היו מתענין ארבעה ימים בשבוע מן יום ב״ ועד יום חמישי וכו׳** (משנה פ״ד דתענית מ״ן)". — דאָס זענען מעמדות, ווייל עס ווערט געזאָגט: „באַפעל די קינדער פון ישראל און זאָלסט זיי אָנזאָגן וועגן מיין קרבן, (במדבר כ״ח), ד. ה. זיי זאָלן מקריב זיין יעדן טאָג דעם קרבן תמיד, — אָבער, ווי קאָן מען מקריב זיין דעם קרבן פון אַ מענטש, אויב ער שטייט נישט דערביי? האָבן דעריבער די ערשטע נביאים, (שמואל און דוד המלך), איינגעפירט פיר און צוואַנציק משמרות. (אָפּטיילונגען). אויף יעדן משמר, איז געווען אַ מעמד, (אַ פאַר־שטייערשאַפט), פון כהנים, פון לויים און פון ישראלים. ווען עס איז געקומען די וואָך פון אַ משמר אַרויפצוגיין (קיין ירושלים צום בית המקדש), זענען די כהנים און לויים (פון דאָזיקן משמר) אויפ־געגאַנגען קיין ירושלים, און די יידן (די ישראל) פון דאָזיקן משמר,

האָבן זיך צענויפגעזאַמלט אין זייערע שטעט און גערייענט (אין דער תורה) די מעשה בראשית (די פרשה בראשית).

4 טעג פון דער וואָך האָבן זיי אויך געפאַסט.

עס איז ביי אונדז געווען אַ אַלטער כלל, אַז דער, וואָס האָט געבראַכט אַ קרבן, האָט געדאַרפט זיין אַנוועזנד ביים ברענגען דעם קרבן און דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיין חרטה און תשובה פאַר גאָט, אָדער ער האָט זיך מיט זיינע געפילן דערנענטערט צו גאָט.

צווישן די פאַרשידענע מינים קרבנות האָבן אַ גרויסן באַדייט געהאַט די קרבנות, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן דורכן כלל ישראל, און קודם כל, דער **עולת תמיד**, אָדער דער טאָג-טעגלעכער קרבן, פון וועלכן די הוצאות זענען געדעקט געוואָרן פון די יערלעכע **שקלים**, וועלכע עס האָבן געצאָלט אַלע בני ישראל.

שוין אין די צייטן פון ערשטן בית המקדש באַגעגענען מיר זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעך שיינעם צערעמאָניאַל פון מקריב זיין קרבנות. פאַרשטייט זיך דאָך, אַז עס איז געווען אומעגלעך, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך באַטייליקן בעת דעם ברענגען דעם **עולת תמיד**. האָט מען דאַן דורכגעפירט, אַנאַלאָגיש צו דער כהנים-פאַרטיילונג אויף פיר און צוואַנציק חלקים, אויך די פאַרטיילונג פון פאָלק, לויט די משפחות, אויף פיר און צוואַנציק טיילן, פון וועלכע יעדער טייל איז געווען אַנוועזנד אין אַ באַשטימטער וואָך, אין בית המקדש, ביים מקריב זיין דעם **עולת תמיד**.

עס האָט אָבער יעדע אָפּטיילונג געשיקט בלויז זייערע פאַרשטייער, אַזוי ווי דעלעגאַטן, צו רעפּרעזענטירן זייער אָפּטיילונג, בעת דער פייערונג פון מקריב זיין דעם **עולת תמיד**.

די דאָזיקע דעלעגאַטן, זענען געשטאַנען (**עומדים, מעמד**) אין בית המקדש און היות, ווי זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום פונקציעס, האָבן זיי פיר טעג אין זייער וואָך פאַרבראַכט אין בית המקדש אין תפילות און תענית און אין לייענען די ערשטע פרשה פון **חומש** 1). די איבעריקע פון דער אָפּטיילונג, וואָס זענען געבליבן אין זייערע היימען, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זייערע **בתי כנסיות** און אויך געדאַוונט, געפאַסט און גערייענט די תורה.

אויף אַזאַ אופן, איז דערגרייכט געוואָרן דער זייער וויכטיקער מאָראַלישער עפעקט, אַז דער גאַנצער כלל ישראל איז פאַקטיש געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן דערהויבענעם געדאַנק פון קרבן און זיך דערנענטערט מיט די געפילן צום אייביקן.

---

1) זע די דערקלערונגען פון פאַראַגר. 17.

2.—אויך פון יהושען קומען ארויס א סך תקנות וגזרות. און אט וועלן מיר ברענגען פאלגנדע:

„תנו רבנן עשרה תנאין התנה יהושע שיהו מרעין בחורשין ומלקטין עצים בשדותיהם, ומלקטין עשבים בכל מקום, וקוטמין נטיעות בכל מקום חוץ מאגרופיות של זית, ומעין היוצא בתחלה בני העיר מסתפקין ממנו, ומחכין בימה של טבריה ובלבד שלא יפרוס קלע ויעמיד את הספינה, ונפנין לאחורי הגדר בשדה מלאה כרכום, ומה־ הלכים בשבילי הרשות עד שתרד רביעה שני', ומסתלקין לצדי הדרכים, והתועה בין הכרמים מפסיג ועולה מפסיג ויורד, ומת מצוה קונה מקומו". (ב"ק פ"א, עירובין י"ז, ירושלמי ב"ב פ"ה ה"א).

— צען תנאים האט יהושע זיך אויסגענומען ביים איינטיילן דאס לאנד:

א) יעדער איינער מעג פאשען אין די וועלדער — ד. ה. אז דער בעל הבית פון וואלד, האט נישט קיין רעכט דאס צו פארביטן, און אויסערדעם איז עס נישט ארונטערגעפאלן אונטערן באגריף פון גנבה וגזלה.

ב) מען מעג אויפקלייבן טרוקענע צווייגן און געוויקסן אויף א פרעמד פעלד.

ג) מען מעג קלייבן גראז, מיטן אויסנאם פון אזעלכע, וועלכע נוצט דארט צוצופראווען די פרוכטן.

ד) מען מעג אפשניידן קליינע צווייגעלעך און שפענדלעך מיטן אויסנאם פון צווייגן פון די אייլביימער.

ה) פון א ניי געעפנטן קוואל מעגן שעפן די איינוואוינער פון שטאט פאר זייער געברויך.

ו) מען מעג כאפן פיש אין דער אזערע פון טבריה. נאר נישט פארלייגן קיין נעצן און נישט שטערן די נאוויגאציע.

ז) מען מעג הינטער א פלויט טאן דעם מענטשלעכן גע־ ברויך, אפילו אויף א פעלד, וואס איז פול מיט בשמים.

ח) מען מעג דורכגיין דורך פריוואטע שטעגן ביזן צווייטן רעגן — ד. ה. ביז וואנען עס אנטוויקלען זיך נישט די געוויקסן. ווייטער מעג מען אויך אפגיין אן א זייט פון עפנטלעכן וועג אויף א פריוואטן באדן צוליב א שלעכטן מצב פון וועג — (רמב"ם פ"ה הלכות נזקי ממון).

ט) דער וואס בלאנדזשעט צווישן געדיכטע וויינשטאקן, מעג פארנאנדערנעמען די צווייגן דורכצוגיין.

י) א מת מצוה — ד. ה. אזא מיט וועלכן די משפחה פארנעמט

זיך נישט (יבמות פ"ט) — נעמט אָרום — פאַרשטייט זיך אויך, פאַר אַ קבר — דאָס ארט, אויף וועלכן ער געפינט זיך.

3.—אויסערדעם וועלן מיר דאָ ברענגען נאָך אייניקע איינגע־פירטע תקנות, וועלכע ווערן אין דער גמרא צוגעשריבן יהושע'ן:

„תנאי ב"ד הוא שיהא זה יורד לתוך שדה חברו וקוצץ שוכו של חברו להציל נחיל שלו, ותנאי ב"ד הוא שיהא זה שופך יינו ומציל דובשנו של חברו ונוטל דמי יינו מתוך דובשנו של חברו, ותנאי בית דין הוא שיהא זה מפרק את עציו וטוען פשתנו של חברו ונוטל דמי עציו מתוך פשתנו של חברו שעל מנת כן הנחיל יהושע את הארץ (ב"ק פ"א:) (ב"ק קי"ד).

רבי יהודה אומר בשעת הוצאת זבלים אדם מוציא זבלו לרשות הרבים וצוברו כל שלשים כדי שיהא נישוף ברגלי אדם וברגלי בהמה שעל מנת כן הנחיל יהושע את הארץ. (ב"ק פ"א:) ב"מ קי"ח:).

א) מען מעג אַראָפּגיין אין חבר'ס פעלד און אָפּהאַקן צווייגן, כדי צו ראַטעווען דעם בינען שטאָק און מען באַצאָלט דעם ווערט פון די צווייגן — דאָס הייסט, די בינען האָבן פאַרלאָזן דעם בינשטאָק און זיי האָבן זיך באַזעצט אויף די צווייגן פון דעם שכנס בוים, מעג ער אפילו קעגן פאַרבאָט פון אייגנטימער פון בוים, אָפּהאַקן דעם צווייג, כדי אָפּצוראַטעווען זיינע בינען.

ב) ער דאַרף אַרויסגיסן זיין וויין, כדי צו ראַטעווען דעם חבר'ס האָניק, אָבער ער נעמט אָפּ דעם ווערט פון דעם וויין פון זיין חבר'ס האָניק, — דאָס הייסט, אַז איינער פירט אַ פעסל וויין, דער צווייטער אַ פעסל האָניק, וואָס איז אַ סך טייערער פון וויין. האָט געפּלאַצט דאָס פעסל מיטן האָניק, איז מחויב דער אייגנטימער פון פעסל וויין אויסצוגיסן זיין וויין, כדי אָפּצוראַטעווען דעם טייערערן האָניק פון זיין חבר. פון דעם האָניק נימט ער אָפּ, ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַרן שאָדן פון דעם ווערט פון זיין וויין.

ג) איינער איז מחויב אַראָפּצוואַרפן דאָס האָלץ פון זיין אייזל און אָנלאָדן זיין חבר'ס פלאַקס און ער נעמט אָפּ דעם ווערט פון זיין האָלץ פון זיין חבר'ס פלאַקס.

דער פאַל איז אַנאַלאָגיש צום ערשטן.

פאַרשטייט זיך, אַז די אויבנדערמאָנטע זענען כאַראַקטעריסטישע פאַלן און אָן ענלעכע האַנדלונג פאַרפליכטעט אויך אין אַנאַלאָגישע פאַלן, דאָס הייסט, אַז מען דאַרף דעם חבר פאַרהיטן פון אַ גרעסערן שאָדן.

ד) אין דער צייט פון אַרויספירן די מיסט, מעג דער פויער

אַרויספירן זיין מיסט אויף אַן עפנטלעכן אָרט און ער קאָן אים דאָרט לאָזן 30 טעג, כדי ער זאָל זיך פאַרבעסערן מיט די טריט פון מענטשן און בהמות.

די תקנה איז איינגעפירט געוואָרן אין די אינטערעסן פון פויער־טום, טראָצדעם וואָס אַן עפנטלעכער פּלאַץ איז אייגנטלעך אָפּ־געהוט נישט באַנוצט צו ווערן פון פריוואַטע פּערזאָנען.

בנוגע די אויבנדערמאָנטע תקנות ווערט געזאָגט אין דער גמרא — „על מנת כן הנחיל יהושע לישראל את הארץ״, דאָס באַדייט אַז יהושע זיך דאָס אַלעם אויסגענומען ביים פאַנאַנדערטיילן די ערד צווישן די בני ישראל און ער האָט דאָס אַלעם ביי דער פּאַרטיילונג באַשטימט ווי אַ באַדינג, זיך צוצופּאַסן צו די דאָזיקע תקנות.

4.—אַ זיידע פון דוד המלך, בועז (רות ב׳) האָט איינגעפירט אַז מענטשן דאַרפן זיך באַגריסן דערמאָנענדיק דעם נאָמען פון דעם אייביקן: „שיהא אדם שואל את שלום חברו בשם ד׳ (סוף ברכות וירושלמי שם) — פון יענער צייט און פון שפּעטערדיקע צייטן ווערן נאָך אַ סך אַנדערע תקנות געבראַכט אין תלמוד.

5.—מיר וועלן נאָך דערמאָנען די איינגעפירטע תקנות דורך שלמה המלך, וועגן וועלכע דער תלמוד שטרייכט אונטער זייער גילטיקייט און זייער באַזונדערע באַדייטונג:

**אמר רב יהודא אמר רב בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצאה בת קול ואמרה, בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני.**

**שלמה המלך תיקן עירובין נטילת ידים ושניות לעריות.** (שבת י״ד: עירובין כ״א: יבמות כ״א).

א.—עירובין. דער אָנגענומענע באַגריף וועגן דעם אויסדרוק איז זייער אַ ברייטער און פאָדערט דעריבער אַ דייטלעכע באַצייכענונג און אויפקלערונג.

א) לויטן דין פון דער תורה טאָר מען נישט אַריבערטראָגן קיין באַוועגלעכע גיטער אום שבת פון רשות היחיד צום רשות הרבים, אָדער פאַרקערט. (שבת צ״ו: שבת ו).

דער גענויער באַגריף „רשות הרבים״ ווערט נאָך — לויט די באַ־ציאונגען אין יידישן לאַגער אין דער צייט פון דער וואַנדערונג צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד — גענויער באַצייכנט מיט דריי קריטעריעס: דער שטח דאַרף זיין אינגאַנצן אַן אָפענער, נישט אַרומגערינגלט, דאַרף זיין נישט וויניקער פון 16 איילן (ט״ז אמות) די ברייט (שבת צ״ט) און דאַרף דינען פאַרן באַזוך פון נישט וויניקער פון 600.000 נפשות. אויב עס פעלן די דערמאָנטע באַדינגונגען ווערן עפנטלעכע

פלעצער נישט באַטראַכט אַלס רשות הרבים. אַלע גרעסערע בשות־פות׳דיקע הויפן און געסלעך: **חצירות ומבואות,** האָבן דערפאַר ניט געהאַט דעם דין פון רשות הרבים. דער פאַרבאָט פון דער תורה ניט אַריבערצוטראָגן קיין זאַך פון אַ רשות היחיד אין אַ רשות הרבים אָדער פאַרקערט, האָט דערפאַר נישט פאַרפליכטעט בנוגע צו די אַלע עפענטלעכע פלעצער ווי חצירות ומבואות.

אין צייטן פון שלמה המלך האָט מען אָבער שוין איינגעזען, אַז דאָס צוגעוואוינען זיך צום אַרויסטראָגן און אַריינטראָגן פון שטוב אין חצירות ומבואות אָדער פאַרקערט, ברענגט צו אַן עובר זיין אויף דעם איסור פון דער תורה. מענטשן ווייסן נישט קיין חילוקים. אויב זיי מעגן טראָגן פון חצירות ומבואות דערלויבן זיי זיך אויך צו טראָגן פון אמת׳ע רשות הרבים וואָס עס איז אַן איסור פון דער תורה.

דערפאַר האָט שלמה המלך קודם כל אַרויסגעגעבן אַ גזרה אַז דער דערמאָנטער פאַרבאָט אַריבערצוטראָגן זאַכן באַציט זיך אויך צו **חצירות ומבואות.** דאָס איז אַ קלאַסישער פאַל פון אַ גזרה אָדער אַ **סייג לתורה** ד. ה. אַ צוים און שוץ פאַרן דין.

דאָך אָבער כדי צו דערמעגלעכן אַ פאַרלייכטערונג, האָט שלמה המלך גלייכצייטיק איינעפירט די **תקנה,** אַז אַלע שכנים, וועלכע באַנוצן אַ געמיינזאַמען פלאַץ, אָדער אַ הויף, (חצירות ומבואות) האָבן זיי געדאַרפט ערב שבת איינלייגן אין איינער פון די וואוינונגען אַ באַשטימטן קוואַנטום ברויט אויף אָונט־ברויט און דערמיט איז מאַניפעסטירט געוואָרן די פולע צענויפמישונג פון די באַזונדערע בעלי ביתישקייטן פון די שותפים, און דאָס ווערט גערופן: **עירוב** — צענויפמישונג.

מיט דעם איז שוין דערלויבט געווען דאָס אַריבערטראָגן, פון שטוב אין די חצירות ומביאות, ווייל דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַ שותפות פון אַ ריי וואוינונגען צו דעם אַלגעמיינעם שותפות פון די **חצרות ומבואות.**

אין דער גמרא איז פאַרגעשריבן, אַז בעת מען אָרדנט איין אַזאַ מין **עירוב,** דאַרף געמאַכט ווערן אַ ברכה **על מצות עירוב)** או״ח סי׳ שס״ו).

ב) לויטן דין פון דער תורה טאָר מען שבת נישט אַרויסגיין פון וואוינאָרט ווייטער ווי 2000 איילן אָדער טריט. באַוועגן זיך אין דעם תחום פון דעם אָרט, מעג עס זיין זייער גרויס, איז בכלל נישט באַגרענעצט. אין אַ שטח נישט לענגער פון 2000 איילן מעג מען אַרויסגיין אין יעדער ריכטונג אויך מער ווי איין מאָל, אָדער איין זייט,

און אפילו פיל מאָל אין אַלע ריכטונגען. אַזאַ שטח פון 2,000 איילן ווערט אָנגערופן **תחום שבת**. (עירובין נ"א. רמב"ם ה' שבת פ כ"ז. ש"ע או"ח סי' שצ"ז). אַרויס פון דעם תחום שבת, דאָס מיינט מחוץ פון די 2,000 איילן, נאָך דעם פּלאַץ אין וועלכן מען וווינט, טאָר מען שבת נישט גיין.

אויב אָבער איינער האָט געהאַט אַ נויטווענדיקייט שבת צו גיין אַרויס פון זיין תחום ווייטער פון 2000 איילן האָט שלמה המלך איינגעפירט פאָלגענדע מעגלעכקייט. ערב שבת פריטיק האָט מען געקענט באַשטימען אַז דער וואוינונגסאָרט פון ביזאיצט ווערט אי־בערטראָגן אויף אַ נייעם באַשטימטן אָרט ווייטערע 2000 איילן. דאַ־קעגן האָט מען פאַרלוירן דאָס רעכט צו גיין אין אַנדערע ריכטונ־גען פון דעם אַלטן וואוינאָרט.

די אויבנדערמאָנטע באַשטימונג פון דעם נייעם אָרט, ערב שבת, ווערט געמאַכט דורך אַוועקלייגן דאָרט אַ שטיקל ברויט. דאָס ווערט אָנגערופן **עירוב**, ד. ה. פאַרמישונג אָדער פאַרבייטונג, ווייל עס ווערט פאַרביטן די פרייהייט אַרויסצוגיין 2000 איילן אין יעדער ריכטונג, אויף איין פאַרלאַנגטן וועג אין אַ באַשטימטער ריכטונג אין אַ תחום פון 4000 איילן. (עירובין ל"ו, רמב"ם פ"ו ה' עירובין ש"ע או"ח סי' ת"ח).

זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז עס עקזיסטירן נאָך אַנדערע און פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פון **עירוב**, וועגן וועלכע עס וועט שפּע־טער זיין די רייד.

ב) **נטילת ידים**, אָדער דאָס וואַשן די הענט. שלמה המלך האָט איינגעפירט אַ רעליגיעזן געבאָט, אַז פאַרן גיין עסן אָדער טאָן וועל־כע עס איז הייליקע טעטיקייט, דאַרף מען וואַשן די הענט און באַ־זונדערס מיטן ציל כדי צו פאַרשטאַרקן אין יעדער פערזאָן דעם באַ־וואוסטזיין, אַז מען גייט טאָן אַ הייליקע אַרבעט. (שבת י"ד).

ג) **שניות לעריות** זענען די ווייטערדיקע מדרגות פון קרובה־שאַפט, וועלכע שלמה המלך האָט איינגעפירט ווי אַ שטער חתונה צו האָבן — אויסער די וואָס זענען אויפגערעכנט געוואָרן אין **חומש**, ווי מדרגות פון קרובהשאַפט. (אבהע"ז סי' ט"ו. עצי אלמוגים).

6.—אויך אונדזערע נביאים האָבן אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל **תקנות וגזרות** פון וועלכע, פאַר אַ ביישפיל, מיר וועלן ברענגען פאָלגנדע:

**מודים הכמים לר" יהודה בשני ימים טובים של ראש השנה שהן מתקנות נביאים ראשונים** (ירושלמי עירובין פ"ג ה"ט).

אַלע אונדזערע חכמים זענען מסכים מיט רבי יהודה, אַז ביידע

טעג **ראש השנה** זענען גלייך הייליק, ווייל אויך אין ירושלים איז ראש השנה איינגעשטעלט אויף צוויי טעג, ווי אַ תקנה פון די נביאים.

די **תקנה** איז געווען אַ נויטיקע. אַלע ימים טובים זענען איינגעשטעלט געוואָרן אין ירושלים בהסכם מיטן ראש חודש, וועלכער איז אויסגערופן געוואָרן אויפן יסוד פון דערזען די נייע לבנה דורך עדות און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַז עס איז ראש חודש דורך שליחים איבערן גאַנצן לאַנד.

עס איז דערפאַר געווען אַ גרויסער חילוק פון ראש השנה ביז וועלכן עס איז אַנדערן יום טוב. **פסח וסוכות** זענען באַשטימט געוואָרן אויפן פופצענטן טאָג פון ניסן און תשרי. **שבועות** איז באַשטימט געוואָרן אויפן זעקסטן טאָג אין סיון. בלייבט נאָך דעריבער גענוג צייט אויסצורעכענען, ווען עס פאַלט אויס דער טאָג פון יום טוב. אַנדערש איז אָבער די זאַך מיט ראש השנה, וועלכער איז באַשטימט אויפן ערשטן טאָג פון חודש תשרי. האָבן דאָך די עדות, וואָס האָבן דערזען די נייע לבנה, אַמאָל זיך געקאָנט פאַרשפּעטיקן און עס איז אויך געווען צו ווייניק צייט מודיע צו זיין איבערן לאַנד 1).

דעריבער האָבן די נביאים ראשונים איינגעפירט אַז ראש השנה זאָל זיין צוויי טעג.

ב) די רעליגיעז-געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע פון **מעשר עני** פאַר אָרעמעלייט איז געווען אַ חוב בלויז אין **ארץ הקדושה**, אָבער נישט אין חוץ לארץ.

האָבן דאָן די נביאים ראשונים קודם כל אַרויסגעגעבן אַ **תקנה** אַז אין די נאָנטע לענדער, וואָס גרענעצן זיך מיט **ארץ ישראל**, זאָל אויך זיין אַ חוב דער **מעשר עני** פאַר אָרעמעלייט.

אין הייליקן לאַנד איז נישט געווען קיין חוב פון מעשר אין שמיטה-יאָר, דאָס הייסט, אין זיבעטן, אָפּרו-יאָר. האָט מען אויפגעהויבן אַ פראַגע צי אין די לענדער וואָס גרענעצן זיך מיט ארץ ישראל, וואו קיין **שמיטה** איז נישט געווען קיין חוב, צי אין שמיטה-יאָר האָט מען געדאַרפט אָפּטייל דעם מעשר פאַר אָרעמעלייט.

האָבן דאָן די נביאים אַרויסגעגעבן אַ צווייטע **תקנה**, אַז אין די גרענעץ-לענדער דאַרף מען אויך אין שמיטה-יאָר אָפּגעבן מעשר פאַר די אָרעמעלייט.

(ידים פ"ה מ"ג)

---

1) תלמוד (ביצה ה').

III

# תורה שבעל פה אין דער תקופה פון די אנשי כנסת הגדולה וסופרים.

**אמר רבי יהושע בן לוי למה נקרא שמן אנשי כנסת הגדולה שה־חזירו עטרה ליושנה אתא משה אמר (דברים י') האל הגדול הגבור והנורא. אתא ירמיה ואמר נכרים מקרקרין בהיכלו איה נוראותיו לא אמר נורא, אתא דניאל אמר נכרים משתעבדים בבניו איה גבורותיו לא אמר גבור, אתו אינהו ואמרו הן הן גבורותיו, הן הן נוראותיו. שאלמלא מוראו של הקב"ה האיך אומה אחת יכולה להתקיים בין האומות.** (יומא ס"ט): (ירושלמי ברכות פ"ג ה"ג) ירושלמי מגילה ה"ז (ברטנורה אבות פ"א). — האָט רבי יהושע בן לוי גע־פרעגט: פאַרוואָס האָט מען זיי גערופן; **אנשי כנסת הגדולה?** ווייל זיי האָבן אומגעקערט דער תורה איר פריערדיקע קרוין. משה האָט דערמאָנט אין זיין תפילה צום אייביקן: **האל הגדול הגבור והנורא** — דער גרויסער, מעכטיקער און פאַרכטיקער גאָט; איז געקומען ירמיה און האָט געפרעגט: געטשנדינער טאַנצן אַרום אין זיין הייליקטום — וואו איז זיין פאַרכטיקייט? האָט ער דעריבער דורכגעלאָזן אין זיין תפילה — **הנורא;** — איז ווידער געקומען דניאל און האָט געפרעגט: געטשנדינער דריקן זיינע קינדער, וואו איז זיין **גבורה?** — האָט ער דעריבער דורכגעלאָזט אין זיין תפילה — **הגבור.** זענען אָבער געקו־מען די **אנשי כנסת הגדולה** און האָבן געזאָגט: — דאָס איז זיין גבורה, דאָס איז זיין פאַרכטיקייט, ווייל אַנדערש — ווי אַזוי וואָלט איין אומה געקאָנט לעבן צווישן אַלע אומות? — דאָס הייסט — אַז זיי האָבן אומגעקערט די אָפּגעשוואַכטע אמונה אין אַלמעכטיקן!

דער גייסט און דער תוך פון זייער טעטיקייט דריקט זיך אויס אין פאָלגנדער משנה:

**הוו מתונים בדין והעמידו תלמידים הרבה ועשו סייג לתורה** (אבות פ"א). — דריי זאַכן האָבן זיי געזאָגט: זייט מעסיק אין דין,

שאַפט אַ סך תלמידים און מאַכט אַ צוים אַרום דער תורה!

זיי האָבן אויך צוריק אַריינגעבראַכט אין לעבן אַלע דינים פון תורת משה. צוגלייך אין פאַמיליע־לעבן, אין פריוואַטע ענינים, ווי אין געזעלשאַפטלעכע אַנגעלעגנהייטן. בראש פון פאָלק איז געשטאַנען דער **בית דין הגדול**, וועלכער האָט אין אויבנדערמאָנטן גייסט געשאַפן **גזירות** און **תקנות** צו שטאַרקן די אמונה אין פאָלק.

די תקופה פון די **אנשי כנסת הגדולה** האָט אָנגעהויבן עזרא און זי האָט געדויערט ביז דער פטירה פון **שמעון הצדיק**.

די גמרא זאָגט וועגן דער פּערזענלעכקייט פון **עזרא**:

**ראוי הי׳ עזרא שתנתן התורה על ידו אלמלא קדמו משה** (סנ־הדרין). — עזרא איז ראוי געווען אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן דורך אים, ווען משה וואָלט נישט געווען פאַר אים.

די קנאות פון **עזרא** אין פאַרשפּרייטן די תורה איז צו באַוואונ־דערן. אַ פּרעכטיקע באַשרייבונג פון זיין טעטיקייט ווי אַ פאָלקס־לע־רער, געפינען מיר אין ספר **נחמיה** ח. ה. איבערהויפּט דאַרף מען דערביי לייגן אַכט אויף עזראס **פּאַרטיפן** תורת משה.

**„ויקראו בספר בתורת האלהים מפורש ושום שכל ויבינו במקרא"** — און זיי האָבן געלייענט פון דער תורה פון גאָט קלאָר, און געמאַכט שכלדיק און געגעבן צו פאַרשטיין דאָס געלייענטע.

מיט דעם פּסוק ווערט גלייכצייטיק פּאַראייביקט עזרא׳ס ראָל ווי אַ טיפער קענער און פאַרשפּרייטער פון דער הייליקער טראַדיציע **תורה שבעל פה.**

עזרא איז אָנגערופן געוואָרן **עזרא הסופר**. דערקלערט דער תל־מוד, אַז מען האָט אים אַזוי גערופן דערפאַר, ווייל עזרא האָט אַזוי געניי און פּינקטלעך באַהערשט די **תורה שבכתב**, אַז ער האָט אי־בערגעציילט אירע פּסוקים און ווערטער און אפילו אַלע אותיות פון הייליקן שריפט, אָדער ווייל ער האָט אויסגעפירט די אויפגאַבע פון דער **מסורה**, צוליבן מאַנגל אין וואָקאַלן אין דער העברעישער שפּראַך, איינצושטעלן אַן אופן פון לייענען באַשטימטע אויסדרוקן און איינ־שטעלן זייער באַדייטונג.

אַזוי ווי עזרא איז געווען אַ **„סופר בדברי תורה"**, (שקלים פ"ה ה"א). ער האָט געציילט די אותיות פון דער תורה, אַזוי איז ער אויך געווען אַ **„סופר דברי חכמים"**, דאָס הייסט, מיט דער זעלביקער מייס־טערשאַפט האָט ער זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון **תורה שבעל פה.**

אין עזרא׳ס וועגן זענען געגאַנגען אַ ריי **אנשי כנסת הגדולה וסופרים**, און דער ביינאָמען **סופרים**, איז לויטן תלמוד אַריבערגע־

טראָגן געוואָרן צו זיי, צוליבן מאָטיוו, וואָס זיי האָבן געציילט די הלכות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין **תורה שבעל פה** און זיי האָבן זיי סיסטעמאַטיזירט לויט די צאָלן און סכומים.

**„שעשו את התורה ספורות ספורות"** (שקלים פ״ה ה״א).

1.—עזרא האָט אַרויסגעגעבן צען **תקנות**, ווי עס ווערט געבראַכט אין תלמוד: **עשרה תקנות תיקן עזרא שקורין במנחה בשבת, וקורין בשני ובחמישי, ודנין בשני ובחמישי, ומכבסין בחמישי בשבת, ואוכלין שום בערב שבת, ושתהא אשה משכמת ואופה, ושתהא אשה חוגרת בסינר, ושתהא אשה חופפת וטובלת, ושיהו רוכלין מחזירין בעיירות, ותיקן טבילה לבעלי קריין** (ב״ק פ״ב).

א) אַז מען לייענט אין דער תורה שבת צו מנחה.
ב) אַז מען לייענט אין דער תורה מאָנטיק און דאָנערשטיק.
ג) אַז די בתי דין קלייבן זיך צענויף מאָנטיק און דאָנערשטיק.
ד) אַז דאָנערשטיק דאַרף מען וואַשן (די וועש און די קליידער) לכבוד שבת.
ה) אַז מען דאַרף עסן קנאָבל ערב שבת (צוליב היגיענישע טעמים).
ו) אַז די פרוי דאַרף אויפשטיין זייער פרי באַקן דאָס געבעקס (כדי אַן אָרעמאַן זאָל קאָנען אינדערפרי קריגן אַ שטיקל ברויט).
ז) אַז אַ פרוי דאַרף טראָגן אַ לאַנגע קלייד (צוליב מאָראַלישע טעמים).
ח) **אַז אַ פרוי דאַרף זיך קעמען און רייניקן פאַר דער טבילה.**
ט) אַז די פעדלערס מעגן אומגעשטערט אַרומגיין אין די שטעטלעך (צו פאַרקויפן די פרויען־אַרטיקלען פאַר זייער שיינקייט).
י) אַז מען דאַרף זיך טובל זיין פאַרן דאַווענען און לייענען אין דער תורה.

גלייכצייטיק מיטן אויסרעכענען עזראס צען תקנות, ווערט אָבער דערמיט נישט אָפּגעשלאָסן עזרא׳ס טעטיקייט אויף דעם געביט; דאָס מיינט נישט, אַז אויסער די צען תקנות זאָל עזרא מער קיין תקנות נישט האָבן אַרויסגעגעבן, אדרבא, עס ווערן בפירוש געבראַכט אין תלמוד, נאָך אַנדערע תקנות פון עזרא הסופר; אויסערדעם איז אָנגענומען, אַז וועלכע תקנות עס ווערן דערמאָנט אָן אַ נאָמען, וועד עס האָט זיי מתקן געווען, געהערן זיי צו עזרא הסופר. (ספר הכריתות) (סדר הדורות).

2.—און אזוי וועלן מיר ברענגען נאָך פאָלגנדע תקנות עזרא: **עזרא תיקן להם לישראל שיהו מושיבין סופר בצד סופר, קנאת סופרים תרבה חכמה;** (בבא בתרא כ״א).

לויט דער גמרא, דאַרף אַ סוחר אָדער אַ בעל מלאכה זיך הוטן איבערצוטרעטן דעם אַנדערנס ספערע — **מעכב על חבירו** (שם). אָבער בנוגע שרייבערס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיטן איבערשרייבן די כתבי הקודש בינדעט נישט דער דאָזיקער כלל פון קאָנקורענציע, ווייל אדרבא, וואָס מער די שרייבערס וועלן צווישן זיך קאָנקורירן, אַלץ מער וועט די תורה פאַרשפּרייט ווערן אין פאָלק. זייער גרויס איז די צאָל פון **דינים, הלכות ואיסורים,** ד. ה. פון כללים, געבאָט און פאַרבאָטן, וואָס קומען פון דער תקופה פון די **אנשי כנסת הגדולה וסופרים.** — 1) **די הלכות, דינים ואיסורים** זענען אַריבערגעגאַנגען ווי **אומשטרייטבאַרע, אומאָפּשפּאַרבאַרע.** אזוי ווי זיי זענען **נאָמענלאָזע,** ד. ה. עס איז נישט אָנגעגעבן די נעמען פון די, וואָס האָבן זיי געשאַפן, שטאַמען זיי אַלע פון די אנשי כנסת הגדולה וסופרים.

מיר ברענגען דאָ איניקע, און דאָס אין גרופּעס, לויט די ענינים, וואָס זיי נאָרמירן, אַלזאָ קודם כל בירגערלעך-רעכטלעכע, דאַן ריטועל-געזעלשאַפטלעכע, ריטועלע און פאַמיליע-אַנגעלעגנהייטן.

אין דער תקופה איז שוין געווען געשאַפן כמעט ווי אַ פולער קאָדעקס, וועלכער האָט נאָרמירט אַלע געביטן פון מלוכה-לעבן, פון דער געזעלשאַפט און פון לעבן פון יחיד. אַ סך דינים, וואָס זענען אויפגעקומען אין דער תקופה, זענען דערנאָך דערמאָנט געוואָרן אין תלמוד אונטער נעמען פון תנאים, וועלכע האָבן זיי איבערגענומען און איבערגעגעבן, דערפאַר וועט וועגן זיי גערעדט ווערן ערשט אין המשך פון דער דאָזיקער אַרבעט, בעת מיר וועלן כראָנאָליש דערגיין צו די **תנאים.**

---

1) זיי מעיין אין ספר הקבלה להראב״ד און אין ספר מבוא התלמוד פון הרב הר׳ הערץ חיות.

## א.

## בירגערלעך-רעכטלעכע און שטראָף-רעכטלעכע געזעצן

3.—מיר וועלן דאָ קודם כל ברענגען דאָס אַריינפירן פאַרשידענע **אופנים אייגנטומס רעכט.** אַלס אופנים פון אייגנטום׳ס רעכט פאַר-

שטייען מיר אַ יורידישן אַקט, דורך וועלכן איינער ווערט דער אייגנ־טימער פון אַ באַשטימטער זאַך. דער פּועל יוצא פון אַזאַ אַקט איז דער, אַז די קאָנסעקווענץ פון אונדזער געזעץ, אין אַזאַ פאַל איז אַז מען קען זיך שוין נישט צוריקציען פון אָפּמאַך. — 2) די אופנים רופן זיך: קנינים:

פון די **קנינים** וועלן מיר דאָ ברענגען די וויכטיקסטע:

א) **קנין משיכה וקנין אגב.**

די משנה דערקלערט אין דער הינזיכט:

**נכסים שיש להם אחריות נקנין בכסף, בשטר ובחזקה ושאין להם אחריות אין נקנין אלא במשיכה. נכסים שאין להם אחריות נקנין עם נכסים שיש להם אחריות בכסף ובשטר ובחזקה** (קידושין כ"ו) (ב"ב פ"ו). — פאַרמעגן אָדער זאַכן, וואָס טראָגן אַ גאַראַנטיע, (ווי פעלדער, הייזער און בכלל אומבאַוועגלעכע גיטער, וואָס אויב זייער בעל הבית בארגט געלט, זענען, די פאַרמעגענס געהאַפטעט פאַר זיין חוב), ווערן געקויפט (ווערן דאָס אייגנטום פון קויפער, ווערן זיין קנין) דורך געלט, אָדער דורך אַ שטר, אָדער דורך חזקה (איבערנעמען עס). די פאַרמעגנס אָדער זאַכן, וועלכע טראָגן נישט קיין גאַראַנטיע (באַוועגלעכע זאַכן, מטלטלין, וואָס מען קאָן איבערטראָגן, ווי קליידער, פּרוכטן וכדומה, וואָס אויב דער פאַרקויפער איז שולדיק געלט, קאָן דער חוב־מאַנער נישט אָפּנעמען זיי פון די קויפערס פאַר זיין חוב), ווערן געקויפט (ווערן דאָס אייגנטום פון קויפער) נאָר דורך משיכה (דורך נעמען זיי). נכסים, אויך וועלכע ער איז ניט פאַראַן קיין גאַראַנטיע, ווערן געקויפט (ווערן דאָס אייגנטום פון קויפער) צוזאַמען מיט פאַר־מעגנס, אויף וועלכע עס איז יאָ פאַראַן אַ גאַראַנטיע, דורך געלט, דורך אַ שטר, אָדער דורך חזקה.

אין דער תורה באַגעגענען מיר אַ פאָרעם פון אַ קנין פון אומ־באַוועגלעכע גיטער, ווי אויך פון מטלטלין, — דורך באַצאָלן דעם געלט־פּרייז — **בכסף**. אַזוי האָט אונדזער שטאַם־פאָטער אברהם, באַ־קומען אַלס אייגנטום די **מערת המכפלה** דורך איבערגעבן דעם געלט־פּרייז. אַזעלכע פאַלן געפינען זיך אין דער תורה מערערע איבערהויפּט ביים פאַרקויף פון זאַכן, וואָס געהערן צום אוצר פון הקדש.

דער צושטאַנד פון זאַכן, האָט זיך אָבער דייטלעך געענדערט אין דער תקופה. די ענדערונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביי באַוועג־לעכע גיטער, האָט דאָס בלויזע איבערגעבן דעם געלט־פּרייז, אויפגע־הערט צו זיין אַ פאָרעם פון באַקומען זייער אייגנטום־רעכט, און אַנ־

---

2) זע די דערקלערונגען פון פאַראגר. 19.

שטאָט פון דער פאַרעם פון **כסף**, **איז איינגעפירט געוואָרן**, ווי אַ פאַר־עם פון קנין, די אויבן דערמאָנטע **משיכה** ד. ה. דורך איבערנעמען דעם אָביעקט פון קויף.

עס איז געקומען צו דער ענדערונג, ווי אין דער גמרא, איז עס אָנגעמערקט, 1) צוליב דעם, וואָס אין דער צייט ווען עס האָט גע־הערשט דער אַלטער אופן פון קנין (**כסף**), איז דער קונה דורכן באַ־צאָלן דעם געלט־פּרייז שוין געוואָרן דער אייגנטימער פון דער זאַך, און ער האָט שוין פון דעם מאָמענט אָן געטראָגן די פאַראַנטוואָר־טונג פאַר יעדע סכנה פון דער דאָזיקער זאַך, וועלכע האָט זיך נאָך געפונען ביי דעם סוחר (דעם פאַרקויפער). דער פאַרקויפער, דאַקעגן איז שוין פון דאַן אָן נישט געווען פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון דער באַוועגלעכער זאַך און ער האָט שוין נישט געהאַט קיין שום רעכטלעכע פליכט די זאַך צו היטן. דערפאַר איז איינגעפירט גע־וואָרן, אַז דאָס בלויזע באַצאָלן גיט נאָך נישט דאָס אייגנטום־רעכט פאַר דער זאַך, נאָר די זאַך בלייבט נאָך אַלץ דאָס אייגנטום פון דעם פאַרקויפער, וועלכער דאַרף עס ערשט צושטעלן און איבערגעבן דעם קויפער. דערמיט איז געשאַפן געוואָרן די קאָנסעקווענץ, אַז די גע־פאַר טראָגט ווייטער דער פאַרקויפער, וועלכער האָט ביי אַזאַ צו־שטאַנד דעם חוב זיך צו באַמיען פאַר דער זיכערקייט און גאַנצקייט פון דער געקויפטער זאַך. אַזוי לאַנג ער האָט די זאַך נישט אָפּגעלי־פערט שטייט זי אונטער זיין אחריות.

די נייע פאַרעם פון קנין פון באַוועגלעכע גיטער דורך **משיכה**, שטעלט מיט זיך פאָר, ווי אַן איינגעפירטע דורך אונדזערע לערער, אַ **קנין דרבנן**.

אויב אָבער עס איז געגאַנגען אין פאַרקויפן זאַכן פון אוצר פון בית המקדש (**הקדש**), איז געבליבן דער אַלטער אופן פון קנין (**כסף**), ווייל בהסכם מיט דער נייער פאַרעם פון קנין, איז דער קונה דורכן בלויזן באַצאָלן נאָך נישט געוואָרן דער אייגנטימער פון דער געקויפ־טער זאַך, וואָלט דאַן, ביי הקדש דער אָביעקט פון קויף נאָך ווייטער געדאַרפט אויפהאַלטן דעם כאַראַקטער פון אַ הייליקער זאַך, ביזן מאָמענט פון **משיכה**, אין דער צייט, וואָס מיט דער פאַרעם פון **כסף**, איז די זאַך שוין נישט מער געווען הייליק; וואָלט אַלזאָ די ענדע־רונג בנוגע דער פאַרעם פון קנין געברענגט אַן אויסערגעוויינלעכן

1) תלמוד (ב"מ מ"ז. ב"מ מ"ט, ב"מ צ"ט, ב"ק ע"ט).

1) רמב"ם ה' מכירה פ"ג ה"א.

דין. דעריבער איז בײ אַ קויף-פאַרקויף פון הקדש געבליבן די ביז איצטיקע פאָרעם פון קנין — (כסף). — 2)

אַ צװײטער אויסנאַם איז געװען די **נכסי יתומים**, ד. ה. װען עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן קויפן באַװעגלעכע גיטער פון יתומים, בעת אין דער תורה װערט **נכסי יתומים** פאַרגליכן צו הקדש און דעריבער איז אויך בײ **נכסי יתומים** פאַרבליבן די אַלטע פאָרעם פון **כסף**. — 3)

אַ װײטערדיקער אויסנאַם איז געװען דער פאָלגנדער. ערב יום טוב, בעת דער געברויך פון אַלערלײ שפּײַז-אַרטיקלען איז געװײנלעך געװען פאַרמערט און עס האָבן זיך אַרויסגעװיזן טענדענצן פון העכערן די פּרײַזן. האָט דער פאַרקויפער געקאָנט, אַזוי לאַנג װי **משיכה** האָט נישט געהאַט קײן ארט, הגם ער האָט שוין באַקומען דעם פּרײַז, אָפּטרעטן פון אָפּמאַך כדי דערנאָך צו פאַרקויפן פאַר אַ העכערן פּרײַז. דער קויפער װידער, װאָלט געבליבן אָן אַ גוטער סחורה, װעלכע װאָלט ערב יום טוב זײער שװער געװען ערגיץ אַנדערש צו קריגן. דעריבער איז אײַנגעפירט געװאָרן אַז אין דער צײַט איז פאַרפליכטעט די פאָרעם פון **כסף** און דאַן װערט דער קויפער דער אײגנטימער פון קויף נישט ערשט דורך **משיכה**, נאָר מיטן מאָמענט װען ער באַצאָלט דעם פּרײַז. — 1)

די אויבנדערמאָנטע **תקנות** בנוגע באַװעגלעכע גיטער קאָנען אָבער נישט אָנגעװענדעט װערן אין די פאַלן, װען דערװאָרבענע באַװעגלעכע גיטער זענען פאַרבונדן מיט אומבאַװעגלעכע גיטער, װײַל **קנין** בנוגע אומבאַװעגלעכע גיטער נעמט דאַן אַרום אויך די פאַרקויפטע באַװעגלעכע זאַכן (**אגב**) 2. די באַװעגלעכע זענען דאַן געבינדן מיט די אומבאַװעגלעכע און גײען צוזאַמען.

ב) **קנין חזקה**. די אײגנטום פון אומבאַװעגלעכע גיטער קען מען דערגרײכן אויך אָן איבערגעבן פון אַ װעלכן עס איז אײגנטימער און דאָס, אויף אַזאַ אופן, װען מען נעמט איבער דעם באַזיץ פון אַ פעלד אָדער פון אַ הויז. װען דער באַזיץ װערט אויסגעפירט אין משך פון דרײַ יאָר (באַזעצונג) כסדר אָן אויפהער װערט מען מיט דעם דער אײגנטימער פון דעם באַזיצטום.

---

2) תלמוד (קידושין כ"ח:) (רמב"ם פ"ט מ'ה מכירה).
3) תלמוד (גיטין נ"ב).
1) תלמוד (חולין פ"ג).
2) תלמוד (קדושין כ"ו).

4.—דער טערמין חזקה ווערט באַנוצט נישט בלויז כדי צו באַ־צייכענען דעם פיזישן באַזיץ פון דעם אייגנטום, נאָר ער האָט אויך אַ ווייטערדיקע, ברייטערע באַדייטונג. עס ווערט אַלזאָ פאַרשטאַנען אויך ווי אַן עקזיסטירנדיקער צושטאַנד פון זאַכן, אין וועלכער עס איז הינזיכט, וואָס דאַרף געהאַלטן ווערן און באַשטעטיקט זיין.

ביישפּילן פון דעם ווייטערדיקן באַדייט פון חזקה שוין פאַר די צייטן פון עזרא זענען די ווייטערדיקע:

**אמר רבי יוסי גדולה חזקה שנאמר (עזרא ב׳) ומבני הכהנים וכו׳ וכו׳, אלה בקשו כתבם המתיחשים ולא נמצאו ויגאלו מן הכהונה ואמר התרשתא להם אשר לא יאכלו מקודש הקדשים עד עמוד הכהן לאורים ותומים אמר להם הרי אתם בחזקתכם במה הייתם אוכלים בגולה בקדשי הגבול אף כאן בקדשי הגבול** (כתובות כ״א). — רבי יוסי זאָגט: אַ וויכטיקער ענין איז חזקה, ווייל אין כתבי הקודש ווערט געזאָגט אַז נאָכדעם ווי אַ גרופּע כהנים האָט זיך צוריקגעקערט פון בבל, האָבן זיי נישט געקאָנט צושטעלן זייערע יחוס־בריוו און נח־מיה האָט זיי דאַן בלויז פאַרווערט צו געניסן פון די קדשי המקדש.

פון דעם פאַל וואָס נחמיה האָט זיי נישט באַזייטיקט פון אָפּ־נעמען און זיך באַנוצן מיט דער **תרומה**, ברענגט אַרויס רבי יוסי אַז נחמיה האָט רעספּעקטירט די חזקה פון די כהנים, ווייל זיי האָבן דאָך אויך אין בבל גענומען און זיך באַנוצט מיט **תרומה**.

דער באַגריף פון חזקה איז דערנאָך צוגעפּאַסט געוואָרן אומע־טום, וואו עס איז געגאַנגען אין אַ שטרעבונג צו בייטן וועלכן עס איז פריערדיקן מצב און עס האָט געהערשט אַ טענדענץ צו באַשיצן מענטשן, זיך פאַררופנדיק אויף זייערע אַ געוויסע פּרנסה אָדער אַ פּאָזיציע, אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט.

5.—דער באַגריף חזקה שפּילט אויך אַ גרויסע ראָל אין ריטועלע ענינים, בעיקר בנוגע כשר און טריפה און אָט איז אַ ביישפּיל:

**בהמה בחייה בחזקת איסור עומדת עד שיוודע לך במה נשחטה, נשחטה בחזקת היתר עומדת עד שיוודע לך במה נטרפה** (חולין ט).

— אַ לעבעדיקע בהמה געפינט זיך אין צושטאַנד (אין חזקה) פון איסור (פאַרבאָטן צו עסן). ווייל מען טאָן דאָך נישט עסן קיין **אבר מן החי**, אַזוי לאַנג ביז עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די שחיטה איז געווען על פי דין, (הייסט עס אַלזאָ, אַז כדי צו בייטן דעם ביז איצטיקן מצב פון **איסור**, מוז אַריינקומען דער אומצווייפלהאַפטער פאַקט פון כשרער שחיטה). ווייבאַלד אָבער די בהמה איז געווען כשר געשחטן, געפינט זיך עס שוין אין מצב (חזקה) פון **היתר** (דערלויבט

צו עסן), און די ענדערונג פון דעם מצב קאָן בלויז אַרויסגערופן ווערן דורך אַ זיכערער סיבה פאַר אַ **איסור** (אַז עס איז פאַרבאָטן צו עסן).

6.—**קיום שטרות.** לויטן דין פון **חומש** נעמט מען אָן אַלס דין תורה בלויז דאָס מינדלעכע עדות. סיי אין ציווילע, סיי אין קרימי־נעלע ענינים. **על פי שנים עדים,** ווערט דייטלעך געזאָגט אין דער תורה, מיינט עס, דורך די **מיילער** פון צוויי עדות. אָבער **מדרבנן**, ד. ה. לויט אַ תקנה פון די חז"ל, ווערן אויך אָנגענומען עדות אין ציווילע ענינים דורך אַ שריפטלעכער דערקלערונג, וואָס ווערט אָנ־גערופן **עדות שבשטר.** — 1) — 2)

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ **שטר חוב,** אַ שריפט אויף אַ חוב, איז געווען געשריבן און אונטערגעשריבן נישט דורך די צדדים, נאָר דורך עדים. דעם **שטר חוב** האָט דער קרעדיטאָר צוגעשטעלט דעם בית דין, וועלכער האָט בהסכם מיט דער תקנה **מדרבנן** אויפגענומען די שריפטלעכע עדות, הגם די עדות האָבן זיך אַליין פאַרן בית דין נישט געשטעלט — האָט אָבער דער בית דין בלויז געדאַרפט פעסט־שטעלן די ריכטיקע אונטערשריפטן פון די עדות — **קיום שטרות.**

די תקנה איז איינגעפירט געוואָרן מיט דער כוונה — **כדי שלא תנעול דלת בפני לויין** — נישט צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די וואָס דאַרפן באָרגן, ווייל דאָס ברענגען עדות אין אַזאַ פאַל צום בית דין, וואָלט עס געווען זייער באַשווערט און עס וואָלט צו לאַנג גע־דויערט ביז דער וואָס נויטיקט זיך, וואָלט קאָנען קריגן די הלוואה.

7.—**שבועות אין בית דין.**

**מן התורה** ווערן אַרויפגעלייגט שבועות אויף פאָלגנדע פערזאָ־נען: 1) אויף אַ **מודה במקצת,** אויף דעם וואָס איז מודה אויף אַ טייל פון דער טענה; 2) אויף אַזאַ, וואָס איז נישט קיין מודה **במקצת,** נאָר ער לייקנט אינגאַנצן אָפּ, אָבער איין עדות שלאָגט אָפּ זיינע טענות: 3) אויך די אַזוי גערופענע **שבועת השומרים,** ד. ה. אויף אַ **שומר חינם, שומר שכר, שכיר,** אַזאַ וואָס איז על פי דין אין דער זעלבי־קער לאַגע ווי אַ **שומר שכר.**

די אַלע אויבנדערמאָנטע שבועות **מן התורה** האָבן דעם אַלגעמיי־נעם כאַראַקטער, אַז זיי דינען בלויז זיך צו באַפרייען פון צושטעלן עדות, די שבועות ווערן אַרויפגעלייגט בלויז אויפן **נתבע,** אויפן גע־מאָנטן, אָבער נישט אויפן **תובע,** אויפן מאָנער.

---

1) רמב"ם ה' (עדות פ"ג ה"ד).

2) תלמוד (כתובות כ"ח: ניטין נ'; ב"ב ק'ע).

די משנה זאָגט:

**שבועת הדיינין, הטענה שתי כסף וההודאה בשוה פרוטה ואם אין ההודאה ממין הטענה פטור** (שבועות ל״ח). — דער בית דין לייגט אַרויף אַ שבועה מן התורה, בלויז דאַן ווען דער נתבע איז אַ מודה במקצת (מודה אַ טייל פון דער טענה). דערקלערט די משנה אַז די הודאה דאַרף זיין ממין הטענה, פון דעם מין פון דער טענה (וואָס מען מאָנט ביי אים). מיר ברענגען אַ ביישפּיל פון דער זעלביקער משנה, וואָס קלערט אויף דעם ענין דייטלעכער.

**כיצד... מנה לי בידך, אין לך בידי פטור. מנה לי בידך, אין לך בידי אלא חמישים דינר חייב... טוענו חטים והודה בשעורים פטור** (שבועות ל״ח).

דער מאָנער זאָגט: הונדערט גילדן האָב איך ביי דיר. דער גע־מאָנטער ענטפערט: — האָסט ביי מיר גאָרנישט, אין דעם פאַל ווערט נישט אַרויפגעלייגט קיין שבועה אויפן געמאָנטן און די מאָנונג ווערט אַנולירט. דער מאָנער טענהט: — איך האָב ביי דיר הונדערט גילדן. דער געמאָנטער ענטפערט: האָסט ביי מיר בלויז 50 גילדן, דאַן ווערט לויט דער תורה אַרויפגעלייגט אויפן געמאַנטן אַ שבועה און ער ווערט פריי פון רעשט פון געמאַנטן חוב.

דער מאָנער פאָדערט ווייץ און דער געמאַנטער איז מודה אויף גערשטן, אין אַזאַ פאַל (**טוענו בחיטין והודה בשעורין**) גייט נישט אַריין קיין אָנערקענען פון אַ טייל פון דער מאָנונג (**הודאה במקצת הטענה**), ווייל די אנערקענונג באַציט זיך צו אַן אַנדער מין. עס איז דערפאַר נישטאָ קיין שבועה.

רבה זאָגט:

**אמר רבה מפני מה אמרה תורה מודה במקצת הטענה ישבע, חזקה אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו, האי בכוליה בעי דנכפרי׳, והא דלא כפריה משום דאין אדם מעיז פניו בפני בע״ח, והאי בכו־ליא בעי דלודי לי׳ והאי דלא אודי אשתמוטי קא משתמיט מיני׳ סבר עד דהוי לי זוזי ופרענא לי׳ ואמר רחמנא רמי שבועה עלי׳ כי היכי דלודי לי׳ בכולה** (ב״מ ג׳ ב׳־״ק ק״ז, שבועות מ״ב, כתובות ח׳ גיטין נ״א) רבה דערקלערט פאַרוואָס די תורה לייגט אַרויף אַ שבועה אין פאַל פון מודה במקצת מיט אַ פסיכאָלאָגישן מאָטיוו, אַז אַ מענטש האָט נישט קיין קופערנעם שטערן קעגן אַ בעל חוב. אויב אַלזאָ דער גע־מאַנטער לייקנט אינגאַנצן, האָט דאַן דער מאַנער, וועלכער האָט זיך נישט פאַרזיכערט מיט קיין שום באַווייז, קיין שום רעכט נישט צו פאַרלאַנגען אַ שבועה פון דעם געמאַנטן.

אויב אָבער דער געמאַנטער איז מודה אויף אַ טייל פון חוב,

קען מען שוין אננעמען אז ער וואלט וועלן די גאנצע טענה אפשלאגן, ער קאן עס אבער נישט טאן, ווייל ער האט נישט דערויף קיין קאָ־פערנעם שטערן, און דעריבער וואלט ער שוין געוואלט אלץ אנער־קענען. ער קען עס אבער נישט צוליב זיין שווערער מאטעריעלער לאגע און ער וויל עס אפציען. דעריבער אין אזא פאל לייגט די תורה ארויף א שבועה כדי צו דערגיין דעם אמת.

פון דעם אויבנדערמאנטן איז אויך צו זען, אז לויט דער תורה עקזיסטירט א שבועה בלויז מיטן ציל זיך צו באפרייען פון א צאלונג, ווייל דער, וואס איז מודה במקצת, באפרייט זיך מיט א שבועה פון באצאלונג.

זאגט אלזא, די משנה:

**כל הנשבעין שבתורה נשבעין ולא משלמין** (שבועות מ"ד). — די אלע וואס ווערן אין דער תורה דערמאנט אז זיי דארפן שווערן — שווערן זיי אז זיי זענען נישט שולדיק און זיי דארפן נישט באַ־צאלן.

ביידע אויבנדערמאנטע כללים, אז די שבועה עקזיסטירט בלויז אין פאלן פון מודה במקצת און אז די שבועה דינט צו באפרייען פון דער געפאדערטער באצאלונג (ד. ה. אז שווערן דארף בלויז דער אנגעקלאגטער), האבן אונדזערע חכמים אויסגעברייטערט.

א געהעריקע משנה זאגט:

**ואלו נשבעין ונוטלין, השכיר והנגזל והנחבל ושכנגדו חשוד על השבועה והחנוני על פנקסו** (שבועות מ"ד). — און אויך די שווערן און זיי נעמען. (דורך דער שבועה): 1) דער געדונגענער, 2) דער בארויבטער, 3) דער צעשלאגענער, 4) דער, וועמעס קעגנער איז א חשוד אויף א פאלשער שבועה און אויך 5) דער קרעמער אויף זיין בוך.

יעדער איינער פון די פאלן געפינט אין דער משנה פאלגנדיקע אויפקלערונג:

**השכיר כיצד, אמר לו תן לי שכרי שיש לי בידך, הוא אומר נתתי והלה אומר לא נטלתי, הוא נשבע ונוטל.** — א געדונגענער ארבעטער — ווי אזוי? ער זאגט: גיב מיר מיין לוין, וואס איך האב ביי דיר און יענער זאגט: איך האב דיר באצאלט. דער לוין־ארבע־טער טענהט: איך האב נישט באקומען, שווערט ער און באקומט זיין לוין. נישט דער ארבעט־געבער שווערט כדי זיך צו באפרייען פון באצאלונג נאר דער ארבעטער שווערט און נעמט.

**הנגזל כיצד היו מעידין אותו שנכנס לביתו למשכנו שלא בר־שות, הוא אומר כלי נטלת, והוא אומר לא נטלתי הרי זה נשבע**

ונוטל. — ב) דער באַרויבער — ווי אַזוי? מיט עדות האָט מען אים באַוויזן, אַז ער איז אַריין אין הויז פון דעם אָנקלאָגער אָפּצונעמען זיין משכון אָן רשות, דער באַרויבטער זאָגט: האָסט צוגענומען מיין כלי און דער טענהט (דער אָנגעקלאָגטער): — ניין, איך האָב נישט גענומען. שווערט ער און נעמט אָפּ זיין משכון.

דער רמב״ם קלערט אויף דעם פאַל זייער גענוי אויף פאָלגנדן אופן:

**הרי שנכנס לתוך בית חברו, ומשכנו בפני עדים, ולא הי' כלום תחת כנפיו ויצא וכלים מוטלים לו תחת כנפיו, ולא ידעו העדים מה הן, בעה״ב אומר כך וכך גזלתני, בין שאמר הגזלן לא נכנסתי ולא נטלתי כלום, בין שאמר נכנסתי כמו שראו העדים אבל לא נטלתי ולא היו תחת כנפי אלא כלים שלי, בין שאמר נטלתי כלי זה, ובעה״ב טוען שנטל כלי זה וכלי אחר, בעה״ב נשבע ונוטל. —**

ער איז אַריינגעקומען אין הויז פון זיין חבר כדי צונעמען זיין משכן אין קעגנוואַרט פון עדות און ער האָט קיין זאַך נישט גע־האַט אונטער זיינע פאַלעס (ד. ה. ביי זיך) און ווען ער איז אַרויס, האָט מען געפונען ביי אים זאַכן, אָבער די עדות ווייסן נישט, וואָס דאָס זענען פאַרא זאַכן. דער בעל הבית טענהט: דאָס און דאָס האָט ער ביי מיר גערויבט, — צי דאַן לייקנט דער רויבער, אַז ער זאָל בכלל דאָרט האָבן אַריינגעגאַנגען און עפּעס צוגענומען, צי ער זאָגט אַז ער איז יאָ אַריינגעגאַנגען אַזוי ווי די עדות האָבן עס געזען, כדי אָפּצונעמען זיין משכון, אָבער ער האָט עס נישט גענומען און ער האָט גאָרנישט אונטער זיינע פאַלעס, אויסער זיינע אייגענע כלים, צי ער האָט אָבער געזאָגט: — איך האָב גענומען איין זאַך, קיין אַנדער זאַך האָב איך נישט גענומען — אין יעדער פאַל שווערט דער בעל הבית און נעמט.

**הנחבל כיצד. היו מעידים אותו שנכנס תחת ידו שלם, ויצא חבול ואמר לו חבלת בי והוא אומר לא חבלתי הרי זה נשבע ונוטל:** — ג) דער צעשלאָגענער — ווי אַזוי? מיט עדות האָט מען אים באַוויזן אַז דער אָנקלאָגער איז אַריין צו אים אין הויז אַ גאַנצער און אַרויס אַ צעשלאָגענער, און ער זאָגט: דו האָסט מיך געשלאָגן, דער אַנדערער טענהט: איך האָב דיר ניט געשלאָגן — דעמאָלסט שווערט דער צעשלאָגענער און נעמט.

**וכשכנגדו חשוד על השבועה כיצד. אחת שבועות העדות ואחת שבועות הפקדון ואפילו שבועות שוא הי' אחד מהם משחק בקוביא ומלוה ברבית ומפריחי יונים וסוחרי שביעית שכנגדו נשבע ונוטל.**

ד) דער, וועמעס קעגנער איז פאַרדעכטיק אין פאַלשער שבועה

— ווי אַזוי? צי ער איז חשוד אין פאַלש שווערן ווי אַן עדות, צי ביי אַ שבועה ביי אַ זאַך וואָס איז אים געגעבן געוואָרן צו היטן, צי ביי אַ שבועה אין ריטועלע זאַכן — און אויך דער, וואָס שפּילט אין קאַרטן (ער לעבט דורכוים פון די געווינסן), און אויך דער, וואָס גיט געלט אויף פּראָצענט, דער וואָס פאַנגט פרעמדע טויבן מיט דער הילף פון זיינע טויבן, (ער לעבט פון צונעמען פרעמד אייגנטום), דער וואָס האַנדלט מיט פּירות אין שמיטה-יאָר — אַ קעגנער פון אַזעל־כע פאַרשוינען, שווערט און נעמט.

**החנוני על פנקסו כיצד. לא שיאמר לו כתוב על פנקסי שאתה חייב לי מאתים זוז, אלא אומר לו תן לבני סאתים חטין תן לפועלי בסלע מעות הוא אומר נתתי והן אומרים לא נטלנו הוא נשבע ונוטל והן נשבעין ונוטלין (שבועו מ"ה). —**

ה) — אַ סוחר אויף זיין בוך — ווי אַזוי? דאָ גייט נישט אַריין דער פאַל, אַז דער סוחר זאָל זאָגן: — אויף מיין בוך איז פאַרשריבן דיין חוב אויף 200 גילדן, נאָר מיר האָבן דאָ פאָלגנדן פאַל:

איינער פאַרלאַנגט פון סוחר אַז ער זאָל אַרויסגעבן זיין זון צוויי מעסטלעך ווייץ, אָדער אַרויסגעבן זיין אַרבעטער אַ טאַלער. דער זאָגט אַז ער האָט געגעבן און זיי (דער זון, דער אַרבעטער) טענהן אַז זיי האָבן נישט גענומען. אין אַזאַ פאַל שווערט דער סוחר און נעמט און אויך זיי( דער זון און דער אַרבעטער) שווערן און נעמען.

דער רמב"ם דערקלערט:

**חנוני שהי' נותן לבעה"ב מן החנות כל מה שירצה בתורת הלואה ומקיפו עד שיתקבץ הכל ופורע לו וא"ל הבעה"ב תן לפוע־לים סלע או לבע"ח מנה שיש לו אצלי ואני אתן לך והרי החנוני אומר נתתי והפועל או בע"ח אומר לא לקחתי הרי הפועל או בע"ח נשבע ונוטל חובו מבעה"ב וכן החנוני נשבע ונוטל מבעה"ב מה שטען שנתן שהרי הוא אמר לו ליתן והפועל נשבע במעמר החנוני וכן החנוני במעמד הפועל או בע"ח כדי שיכלמו זה מזה — (רמב"ם ה' מלוה פט"ז ה"ה).**

דער סוחר בלייבט מיטן בעל הבית אין אַזעלכע באַציאונגען אַז ער גיט אים אַרויס אַלץ אויף קרעדיט. האָט אים דער בעל הבית אָנגעזאָגט אַז ער זאָל זיינע אַרבעטער אויסצאָלן אַ טאַלער, אָדער ער זאָל פאַר אים באַצאָלן אַ חוב אין סכום פון 100 גילדן, זאָגט דער סוחר אַז ער האָט די באַפעלן אויסגעפירט ער האָט אַרויסגע־געבן צי באַצאַלט לויטן פאַרטראַג. און דאַקעגן דער אַרבעטער, אָדער דער קרעדיטאָר לייקענען אָפּ אַז זיי זאָלן עפּעס האָבן דער־האַלטן פון דעם סוחר. דעריבער מאַנען זיי זייער חוב פון בעל הבית.

דער אַרבעטער אָדער דער קרעדיטאָר שווערן קעגן דעם בעל בית און נעמען אָפּ דעם חוב; אַזוי אויך דער סוחר שווערט קעגן בעל הבית און באַקומט פון אים, דאָס וואָס ער טענה'ט אַז ער האָט אויף זיין חשובן אויסגעצאָלט.

די שבועה פון אַרבעטער און סוחר ווערט דורכגעפירט אין פאָרעם פון אַ קעגנזייטיקער קאָנפראָנטאַציע, ביי וועלכער עס מוז אַרויסקומען דער פולער אמת.

8.—אין דער תקופה איז אויך אויפגעקומען אַ גאַנצע גרופּע **תקנות**, צענויפגעקליבענע אין איין פרק פון דער מסכתא גיטין, פון וועלכע מיר וועלן אייניקע ציטירן:

**הנזקין שמין להם בעידיות ובעל חוב בבינונית וכתובת אשה בזיבורית** — (גיטין מ"ה) — אַ געשעדיקטן ווערט אַנערקענט צו באַקומען אַנטשידיקונג, אָדער פאַרגיטיקונג, פון דעם בעסטן מין. — אַ קרעדיטאָר, באַקומט פון מיטעלן סאָרט און די כתובה פון אַ פרוי, פון ערגסטן סאָרט.

בנוגע פאַרגיטיקונג פאַר אַ שאָדן, שטיצט זיך די **תקנה** אויפן דין פון דער תורה „**מיטב שדהו ומיטב כרמו ישלם**" (שמות כ"ב ד) — מיטן בעסטן פון זיין פעלד און מיטן בעסטן פון זיין ווייַנגאָרטן זאָל ער באַצאָלן, און די חז"ל האָבן פאַרברייטערט דעם דין אויף אַזוי פיל, אַז אויב דער שולדיקער פאַרמאָגט זאַכן פון בעסערן סאָרט, דאַרף דער שולדיקער געבן פון זיין בעסטן סאָרט — 1).

בנוגע דעם קרעדיטאָר האָבן אונדזערע חכמים געדרונגען אַז קודם כל, לויטן דין פון דער תורה געהערט אים דער ערגסטער מין. דער פסוק פון חומש זאָגט וועגן דעם: **בחוץ תעמוד והאיש אשר אתה נושה בו יוציא אליך את העבוט החוצה** (דברים כ"ד י"א).

אויפן הויף זאָלסטו בלייבן, און דער מענטש, וועלכן דו האָסט געבאָרגט, וועט פאַר דיר אַרויסטראָגן דעם משכון פון שטוב אויפן הויף. דאָס ליגט אין דער נאַטור פון דער זאַך. אַז אַ מענטש, וואָס האָט רעכט אַליין צו געבן אַ משכון, וועט זיכער געבן פון ערגסטן קוואַליטעט. דערפון זעט מען, אַז די רעכטלעכע כוונה פון דער תורה איז, אַז דעם קרעדיטאָר קאָן מען געבן ווי אַ פאַרגיטיקונג פון דעם ערגסטן סאָרט. בהסכם מיט דער אויבנדערמאָנטער **תקנה** געהערט אָבער דעם בעל חוב אַ מיטעלער סאָרט, צוליב דעם **כדי שלא תנעול**

---

1) תלמוד (גיטין מ"ח) רמב"ם פירוש המשניות.

**דלת בפני לווין**, ד. ה. כדי עס זאָל נישט אונטערגעגראָבן ווערן דער קרעדיט.

**כתובת אשה** איז אַ געוויינלעכע אָבליגאַציע און די פרוי איז די קרעדיטאָרין. היות, ווי דאָ גייט נישט אַריין ווי אין אַנדערע פאַלן, דער אויסקוק אויף קרעדיט, איז דעריבער איינגעשטעלט געוואָרן דער יסוד פון דער תורה, ווי עס איז אויבן געבראַכט געוואָרן.

9.—**„אין נפרעין מנכסים משועבדים במקום שיש נכסים בני חורין ואפילו הן זיבורית"**.

עס ווערט אין דער ערשטער ריי באַמערקט, אַז מיטן מאָמענט, ווען עס קומט אויף די פאַרפליכטונג, זענען יורידיש די באָדנס פון דעם פאַרפליכטעטן, געוואָרן באַלאַסטעט (משועבדים) אויפן חשבון פונ'ם תובע, פון (דעם מאַנער) אויב דער פאַרפליכטעטער האָט פאַרקויפט זיין באָדן (נאָכן אויפקומען פון דער פאַרפליכטונג), האָט דער מאַנער געקאָנט פון דעם קונה אַרויסקריגן צוריק דעם באָדן, כדי צו באַרואיקן זיין טענה **(טורף את הלקוחות)**. — ווי עס ווייזט אויס, האָט דער קונה געהאַט זיינע טענות און תביעות קעגן פאַרקויפער (דעם פאַרפליכטעטן).

דער רמב"ם קלערט אויף די אויבנדערמאָנטע **תקנה** אויף פאָלגענדן אופן, 1)

אויב איינער איז צוליב אַ שאָדן, וואָס ער האָט געמאַכט, געווען פאַרפליכטעט צו אַ פאַרגיטיקונג (פאַרשטייט זיך אַז פון בעסטן פארט) און נאָכן אויפקום פון דער פאַרפליכטונג, האָט ער פאַרקויפט זיין בעסטן באָדן, זיך איבערלאָזנדיק דעם ערגסטן באָדן, **(זיבורית)** — לפי זה פאַרמאָגט ער איצט בלויז די איבערגעבליבענע **(זיבורית)**, קאָן ער פון די זבורית שאַפן אַ פאַנד פאַר דער פאַרגיטיקונג. דער באַשעדיקטער קען נישט פאָדערן פון קונה, אַז ער זאָל אים אַרויסגעבן דעם פאַרקויפטן בעסטן באָדן **(עידיות)** כדי אויפצומאַנען זיין פאַרגיטיקונג.

10.—**אין נפרעין מנכסי יתומים אלא מן הזיבורית** (גיטין מח: גיטין נ:) מען מוז אָפּנעמען פון יתומים ווי אַ דעקונג פון אַ **תביעה**, בלויז מיטן ערגסטן באָדן **(זיבורית)**. די גענויע אויפקלערונג פון דער **תקנה** בעיקר בנוגע דעם עלטער פון די יתומים, קומט שפּעטער — 2)

---

1) רמב"ם אין פירוש המשניות).

2) תלמוד )גיטין ג', כתובות ק"י, רמב"ם ה' מלוה ולוה פ"ט ה"א).

**11.—אין מוציאין לאכילת פירות ולשבח קרקעות ולמזון האשה והבנות מנכסים משועבדים.**

— מען נעמט נישט אָפּ פון באַלאַסטעטן באָדן (**טורף את הלקו־חות**) כדי צו פאַרגיטיקן תביעות פאַר אויפגעגעסענע פּרוכטן, פאַר דער אויסבעסערונג פון באָדן און פאַר די שפּייז פון דער ווייב און די טעכטער.

הייסט עס: אַז איינער האָט גערויבט אַ פעלד און ער האָט עס פאַרקויפט אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ גוטע כוונה, איז דער ריכ־טיקער בעל הבית בארעכטיקט אָפּצונעמען זיין באָדן צוזאַמען מיט די פּרוכט און מעליאָראַציעס (אויסבעסערונגען) און ער דאַרף אומ־קערן דעם קונה בלויז די פאַקטישע תוצאות, וואָס זענען געווען פאַר־בונדן מיטן צורעכטן און אויסבעסערן דעם באָדן. אויב אָבער דער קונה האָט אויפגעגעסן פּרוכט, דאַרף ער זייער באַטרעף באַצאָלן דעם ריכטיקן בעל הבית. דער קונה פון זיין זייט, מאָנט ביי דעם פאַרקויפער (**גזלן**), ער זאָל אים אומקערן די איינגעצאָלטע געלט פאַרן באָדן, פאַר די פירות און אַ פאַרגיטיקונג פאַר זיין אַריינגע־לייגטער אַרבעט אַרום דער מעליאָראַציע (טריקענען די זומפּן, פלאַנ־צן פּרוכט-ביימער א.א.וו.). און דאָ איז זיין ערשטער תביעה, ד. ה. וועגן אומקערן אים דאָס געלט פאַרן באָדן, איז דער קונה באַרעכ־טיקט צו **טורף את הלקוחות** אָדער ער קאָן זיך פאַרגיטיקן מיטן באָדן פון פאַרקויפער (**גזלן**), וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן נאָכן אויפקומען פון דער תביעה. בנוגע די אַנדערע, אויסגערעכנטע תביעות, דינט נישט דעם קונה דאָס רעכט פון **טורף את הלקוחות**, נאָר די פאַרגי־טיקונג בלויז פון נישט באַלאַסטעטן באָדן.

אויך דער פרוי און די טעכטער זיינע דינט נישט דאָס רעכט פון פאַרגיטיקן זייערע טענות אָדער אַלימענטן — **טורף את הלקוחות** און עס ווערט פאַרגיטיקט אויסשליסלעך פון נישט באַלאַסטעטן באָדן (**בני חורין**).

**12.—המוציא מציאה לא ישבע מפני תיקון העולם** (גיטין מ״ק). דער וואָס קערט אום אַן אבדה, דאַרף נישט שווערן אַז ער קערט אום דאָס גאַנצע (ווייל דאָס וואָלט גורם געווען אַז מענטשן זאָלן צוליב דער איבעריקער טרחה בכלל נישט אומקערן קיין פאַרלוסטן).

**13.—יתומים שסמכו אצל בעל הבית או שמינה להם אביהם אפיטרופוס חייב לעשר פירותיהן.** (גיטין נ״ב).

אויב יתומים געפינען זיך ביי אַ בעל הבית (ד. ה. זיי האָבן זיך אַליין באַשטימט אַן אפיטרופּוס), אָדער אַז דער טאַטע האָט פאַר זיי

באשטימטן אן אפיעקון, איז ער פארפליכטעט אפצוגעבן מעשר פון זייערע פירות.

14.—**אפיטרופוס שמינהו אבי יתומים ישבע. מנהו בי"ד לא ישבע אבא שאול אומר חילוף הדברים** (גיטין נ"ב).

דער אפיעקון וואס איז דורכן פאטער באשטימט געווארן פאר די יתומים, דארף נישט אפגעבן קיין שבועה; אן אפיעקון וואס איז אבער באשטימט געווארן דורכן בית דין, דארף שווערן אז ער האט אויסגעפירט זיין פליכט אן אינטערעסן (רמב"ם פי"א ה" נחלות ה"ה).

דער געדאנק פון דער תקנה איז דער: מענטשן וואלטן אפגעזאגט די יתומים אדער זייער פאטער, אנצונעמען די פליכטן פון אן אפיעקון, אויב דערמיט וואלט געווען פארבונדן א שבועה. די דאזיקע מורא קומט אבער נישט אין באטראכט ווען עס האנדלט זיך וועגן א אפיעקון, וואס איז באשטימט דורכן בית דין, ווייל באקומען אזא אמט פון בית דין איז געווען א גרויסער כבוד און מענטשן האבן געשטרעבט צו אזא כבוד.

15.—**המטמא והמדמע והמנסך בשוגג פטור במזיר חייב** (גיטין נ"ב).

ווער עס איז מטמא אדער, ווער עס מישט אוים א טייל הייליקע מיט אומריינע און עס ווערט טמא (**המדמע**), אדער ווער עס מישט צו וויין פון א קרבן צו פרעמדע געטער (געטשעם) אדער וויין. וואס מען טאר נישט באנוצן (**המנסך**), אויב ער טוט עס נישט ווילנדיק, איז ער פטור און אויב ער טוט עס מיט א כוונה, מוז ער באצאלן דעם שאדן.

דאס ווערט אנגערופן **היזק שאינו ניכר**, ד. ה. א באגריף פון א שאדן, וואס איז **מאטעריעל נישט־מערקבאר**.

16.—**הכהנים שפגלו במקדש מזידין חייבים**. (גיטין נ"ד)

די כהנים, וועלכן האבן באוואוסטזיניק צעשטערט קרבנות דורך עובר זיין אויף די דינים, זענען מחויב אומצוקערן דעם שאדן. דאס איז אויך א פאל פון **היזק שאינו ניכר**.

17.—**ועל המריש הגזול שבנאו בבירה שיטול את דמיו מפני תקנת השבים**. (גיטין נ"ה).

אויב א גערויבטער באלקן איז איינגעמויערט געווארן אין א הויז, קען דער אייגנטימער פון באלקן פאדערן אנטשעדיקונג פארן באלקן און נישט אז מען זאל אים ארויסגעבן פון הויז דעם באלקן.

די ביז אהער געבראַכטע תקנות טראָגן דעם נאָמען מפני תי־קון עולם.

עס פאָלגן אויך אין דעם זעלביקן פרק, די אַזוי גערופענע תקנות מפני דרכי שלום ד. ה. אַזעלכע תקנות, וואָס זענען ארויסגעגעבן געוואָרן כדי אויפצוהאַלטן דעם שלום. אייניקע פון זיי האָבן מיר דאָ שוין געבראַכט וועלן מיר אָבער דאָ ברענגען נאָך אַנדערע:

18.—בור שהיא קרוב לאמה מתמלא ראשון מפני דרכי שלום (גיטין נ"ט).

אַ גרוב וואָס איז דער נענטסטער צו אַ קוואַל (וואָס דינט אָנ־צוקלייבן וואַסער אָנצוטרינקען די פעלדער), דאַרף פריער ווערן אָנ־געפילט, — דאָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אויסצומיידן אַ מחלוקת.

19.—מצודות חי' ועופות ודגים יש בהם משום גזל מפני דרכי שלום. (גיטין נ"ט)

בנוגע נעצן וואָס איינער האָט אויפגעשטעלט און די נעצן האָבן געפאַנגען חיות, פויגל און פיש, טאָר אַ צווייטער נישט אַרויס נעמען דעם פאַנג כאָטש דער פאַנג אַליין איז הפקר. דער נעץ איז אייגענ־טום און וואָס עס געפינט זיך אין דעם נעץ געהערט צו זיין אייגנ־טימער.

20.—מחזיקין ידי נכרי בשביעית אבל לא ידי ישראל ושואלין בשלומם מפני דרכי שלום. — (גיטין ס"א)

א) אויך אין שמיטה־יאָר דאַרף מען די געטשנדינער (ביי דער אַרבעט אין פעלד) פריינדלעך באַגריסן (די באַגריסונג פלעגט קלינ־גען תחזקנה ידיכם, זאָלן אייערע הענט זיך שטאַרקן), אָבער אַ יידן, וועלכער אַרבעט דאָן אין פעלד, טאָר מען נישט באַגריסן (ווייל ער טאָר אין שמיטה־יאָר נישט אַרבעטן).

ב) די געטשנדינער דאַרף מען שטענדיק באַגריסן צוליב פריינד־לעכן צוזאַמענלעבן.

21.—צו דער תקופה געהערט אויך די פאָלגנדע משנה:

ארבעה אבות נזיקין השור והבור והמבעה וההבער לא הרי הד־שור כהרי המבעה ולא הרי המבעה כהרי השור ולא זה וזה שיש בהם רוח חיים כהרי האש שאין בו רוח חיים ולא זה וזה שדרכן לילך ולהזיק הצד השוה שבהן שדרכן להזיק ושמירתו עליך וכשהזיק חב המזיק לשלם תשלומי נזק במיטב הארץ (ב"ק ב').

פיר זענען די מינים פון די הויפּט־שעדיקער: דער אָקס, דער גרוב, דער צאָן און דער פייער. דער אָקס איז נישט אַזוי ווי דער

**צאָן, און דער צאָן איז נישט אַזוי ווי דער אָקס, און נישט איינער און דער אַנדערער, וואָס פאַרמאָגן לעבן, זענען דאָס זעלביקע ווי דאָס פייער, וואָס האָט נישט אין זיך קיין לעבן און ווידער, זענען די דריי, וואָס גייען און מאַכן שאָדן נישט גלייך צום גרוב, וועלכער באַוועגט זיך נישט צו מאַכן שאָדן. איין גלייכע אייגנשאַפט האָבן די אַלע, וואָס זיי ברענגען שאָדן און דו דאַרפסט זיי היטן. אין פאַל פון אַ שאָדן, דאַרפסטו באַצאָלן פון דעם בעסטן סאָרט פון דיין באָדן.**

די אויבנגעבראַכטע, אין דער משנה, פיר טיפן הויפט-שעדיקער זענען דייטלעך אויסגערעכנט געוואָרן אין חומש, ווי עס פאָלגט:

1) **וכי יגח שור** (שמות כ"א כ"ח) — אויב אַן אָקס וועט שטויסן מיט די הערנער...

2) **כי יפתח איש בור**... (שמות כ"א ל"ג) — אויב איינער וועט עפענען אַ גרוב...

3) **כי יבעיר איש שדה או כרם** (שמות כ"ב ד') — אויב איינער וועט שיקן זיין סטאַדע זיך פאַשן אין אַ פרעמדן פעלד...

4) **כי תצא אש** (שמות כ"ב ה') — אויב עס וועט אַרויס אַ פייער...

און עס איז דורכוים נויטיק געווען אויסצורעכענען גענוי די פיר טיפן ווייל פון איינעם פון די טיפן, וואָלטן מיר נישט געקאָנט דרינגען וועגן די אַנדערע טיפן, ווייל יעדער איינער פון זיי, צייכנט זיך אויס מיט עפּעס אייגנאַרטיקס, אַזוי ווי דאָס איז אין דער גמרא גענוי אַרויסגעבראַכט. אויב אָבער די תורה האָט, פאַר אונדז, די פיר טיפן שעדיקער דייטלעך פאַרגעשטעלט, דאַרפן מיר געפינען אין זיי די געמיינזאַמע אייגנשאַפט, וועלכע פאַרפליכטעט צו אַנטשעדיקונג, און אויב די געמיינזאַמע אייגנשאַפט געפינט זיך אויך אין אַן אַנדערן שעדיקער, וועט דאַן די דאָזיקע לאַגע זיין אַ יסוד פאַר אַנטשעדיקונג אויך בנוגע דעם אַנדערן שעדיקער, וועלכער איז נישט דייטלעך דערמאָנט. דער אופן פון דעדוקציע איז איינע פון די דרייצן מעטאָדעס פון אינטערפּרעטאַציע (י"ג מידות) און ווערט אָנגערופן **צד השוה**. עס ווערט אָנגעוויזן אַז די משנה איז אינגאַנצן רעדאַקטירט דורך די סופרים. 1)

22.—**החובל בחבירו חייב עליו משום המשה דברים בנזק בצער ברפוי בשבת ובושת** (ב"ק פ"ג) — דער וואָס באַשעדיקט זיין חברס גוף, איז ער פאַרפליכטעט אים צו צאָלן פאַר פינף זאַכן: פאַרן הויפּט-

1) תלמוד (שקלים פ"ה).

שאָדן (**נזק**), פאַרן ווייטיק (צער), פאַר דער קוראַציע (**רפוי**), פאַרן זיצן אָן אַרבעט (**שבת**) און פאַר דער חרפה (**בושת**).

**נזק כיצד, סימא את עינו קטע את ידו, שיבר את רגלו, רואין אותו כאילו הוא עבד נמכר בשוק ושמין כמה הי' יפה וכמה הוא יפה** (ב"ק פ"ג).

א) דער הויפט-שאָדן — ווי אַזוי? אויב ער האָט אים אויסגעהאַקט אַן אויג, האָט אים אָפּגעהאַקט אַ האַנט, האָט אים צעבראָכן אַ פוס — שאַצן מיר אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ קנעכט צו פאַרקויפן אויפן מאַרק, און ער ווערט געשאַצט, וויפל ער וואָלט ווערט געווען פריער מיט דעם אבר און וויפל ער איז איצטער ווערט אָן דעם אבר.

**צער. כוואו בשפוד או במסמר אפילו על צפורנו מקום שאינו עושה חבורה אומדין כמה אדם כיוצא כזה רוצה ליטול להיות מצטער כך** (ב"ק פ"ג).

ב) ווייטיק: אויב ער האָט אים אָפּגעבריט מיט אַן אָנגעגליטן שפּיז אָדער מיט אַ טשוואַק, אפילו בלויז אויפן נאגל אָדער אויף אַן אָרט, אויף וועלכן עס זעט זיך נישט אָן די באַשעדיקונג, שאַצט מען אָפּ, וויפל אַ מענטש וואָס איז ענלעך צו דעם באַשעדיקטן, וואָלט וועלן באַקומען פאַר אַזאַ ווייטיק.

**רפוי. הכהו חייב לרפאותו עלה בו צמחים אם מחמת המכה חייב שלא מחמת המכה פטור חייתה ונסתרה חייתה ונסתרה חייב לרפאותו חייתה כל צרכה אינו חייב לרפאותו** (ב"ק פ"ג).

ג) קוראַציע: אויב ער האָט אים צעשלאָגן, איז ער אים מחוייב צו היילן; אויב עס זענען אויף אים אַרויסגעקומען בלאַטערן, איז — אויב זיי זענען אַ רעזולטאַט פון די קלעפּ — דאַרף ער היילן, און אויב זיי זענען נישט קיין רעזולטאַט פון די קלעפּ, דאַרף ער נישט היילן. אויב נאָך דער קוראַציע, עס זענען ווייטער געבליבן די סימנים פון די קלעפּ, דאַרף ער אים ווייטער היילן.

**שבת. רואין אותו כאילו הוא שומר קישואין שכבר נתן לו דמי ידו ורגלו.** (ב"ק פ"ג).

ד) דאָס זיצן (פאַרלוסט פון פאַרדינסט): באַטראַכט מען אים (דעם באַשעדיקטן) ווי אַ היטער ביי קרויט (צו וועלכן אויך אַ קאַליקע איז פעיק, אָבער וואָס דער באַשעדיקטער האָט אין דער צייט פון זיין קוראַציע נישט געקאָנט אויספירן), ווייל פאַרן פאַרלוסט פון אַ האַנט און אַ פוס, האָט ער אים שוין באַצאָלט.

**בושת. הכל לפי המבייש והמתבייש** — (ב"ק פ"ג).

ה) פאַר פאַרשעמונג: אַלץ ווענדט זיך אין דעם, ווער עס פאַרשעמט און וועמען. (זייער פּאָזיציע און באַציאונגען).

די גמרא פרעגט:

**„אמאי עין תחת עין אמר רחמנא אימא עין ממש".**

פאַרוואָס? די תורה זאָגט דאָך „אַן אויג פאַר אַן אויג" — וואָלטן מיר דאָך געדאַרפט זאָגן „אַן אויג אין דער ווירקלעכקייט". פרעגט זיך פאַרוואָס באַשטימט די משנה, אַז מען צאָלט פאַרן אויג און מען האַקט נישט אויס קיין אויג דעם שולדיקן? אַלס ענטפער דערויף ווערט געבראַכט אין דער גמרא אַ ברייתא, וועלכע זאָגט:

**הרי הוא אומר לא תקחו כופר לנפש רוצח אשר הוא רשע למות, לנפש רוצח אי אתה לוקח כופר אבל אתה לוקח כופר לראשי אברים.**

די תורה זאָגט:... „איר זאָלט נישט נעמען קיין אויסלייז-געלט פאַר אַ רוצח, וואָס דערהרגעט אַ מענטשן און עס קומט אים טויט-שטראָף, זאָל ער געטויט ווערן". — אַלזאָ בלויז פאַר אַ מאָרד טאָר מען נישט נעמען קיין אויסלייז-געלט, אָבער מען מעג נעמען אויס-לייז-געלט פאַר באַשעדיקטע אברים פון גוף.

23.—אייניקע דינים בנוגע די קאָמפּעטענצן פון בית דין און דער פּראָצעדור:

א) **דיני ממונות בשלשה גזלות וחבלות בשלשה נזק וחצי נזק תשלומי כפל ותשלומי ארבעה וחמשה בשלשה** — (סנהדרין ב').

געלט-פּראָצעסן ווערן דעצידירט אין אַ געריכט פון דריי מיט-גלידער, רויבערייען און קלעפּ ווערן אויך געמשפּט דורך דריי, אַ טאָפּעלן באַצאָלונג פאַר גנבה, אָדער אַ פירפאַכיקע באַצאָלונג און פינף-פאַכיקע (טבח ומכר), ווערט אויך געמשפּט דורך דריי.

ב) **דיני נפשות בעשרים ושלשה** (סנהדרין ב').

מאָרדן, וואָס ווערן געמשפּט מיט טויט-שטראָף, ווערן דורכגע-פירט אין באַשטאַנד פון דריי און צוואַנציק שופטים.

ג) **אין דנין לא את השבט ולא את נביא השקר ולא את כהן גדול אלא על פי בית דין של שבעים ואחד** (סנהדרין ב').

מען משפּט נישט קיין שבט, קיין פאַלשן נביא און קיין כהן גדול, סיידן אין אַ גרויסן סנהדרין פון איין און זיבעציק.

ד) **אין מוציאין למלחמת הרשות אלא על פי בי"ד של שבעים ואחד.** — (סנהדרין ב').

מען גייט נישט אַרויס אין קיין מלחמה, וועלכע איז נישט אָנ-געזאָגט אין דער תורה (מלחמת הרשות), אָן דער דעציזיע פון גרויסן סנהדרין אין צוזאַמענשטעל פון איין און זיבעציק מיטגלידער.

29.—**אחד דיני ממנות ואחד דיני נפשות בדרישה וחקירה.** — (סנהדרין ל"ב).

סיי אין געלט־פּראָצעסן, סיי אין קרימינעלע פּראָצעסן, פאַר וועלכע עס קומט טויט־שטראָף, ווערט אַרויסגעטראָגן דער פסק דין אויפן יסוד פון אַ גענויער אויספאָרשונג (**חקירה ודרישה**).

דער דאָזיקער פּרינציפּ ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער תורה ביי **דיני נפשות**.

די באַדייטונג פון דעם געבאָט וועגן חקירה ודרישה גיבן מיר אַן גענויער ביי דער אויפקלערונג פון דער געהעריקער משנה.

**25.—דיני ממנות פותחין בין לזכות בין לחובה דיני נפשות פותחין לזכות ואין פותחין לחובה.**

אין געלט־ענינים ריכטעט זיך דער טענדענץ פון משפט, אַן אונטערשייד צי שולד, אָדער אומשולד ווען אַרויסקומען ווי אַ פועל יוצא פון משפט. אין קעגנטייל, אין **דיני נפשות**, פאַר וועלכע עס קומט טויט־שטראָף, ריכטן זיך די פאַרהאַנדלונגען מיט דער טענדענץ צו **זכות**, ד. ה. אין דער ריכטונג פון באַפרייען דעם אָנגעקלאָגטן. — 1)

די גמרא דערקלערט די משנה:

**רבי אומר אם לא שכב איש אותך ואם לא שטית מכאן שפותחין בדיני נפשות לזכות תחילה** (סנהדרין ל"ג).

אין דער תורה ווערן געבראַכט די ווערטער פון כהן, מיט וועלבע ער האָט זיך געדאַרפט ווענדן צו דער **סוטה** (די אומטרייע פרוי). דאָס דאָזיקע פאַרוואָרט הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אויב עס האָט דיך נישט באַקענט קיין פרעמדער מאַן און אויב דו האָסט נישט פאַרראַטן". דאָס מיינט מיט דער אומשולד.

אויסערדעם רעדט פון דאָרט אַ כוונה, אויף וויפל נאָר מעגלעך אַנצונעמען שולד־מאַנגל.

**26.—דיני ממנות מטין על פי אחד בין לזכות בין לחובה דיני נפשות מטין על פי אחד לזכות וע"פ שנים לחובה.** (סנהדרין ל"ב).

אין געלט־ענינים משפט דער בית דין תמיד מיט אַ מערהייט פון איינעם — אין **דיני נפשות** פאַלט אַ באַפרייאונגס־אורטייל מיט אַ מערהייט פון איין שטים, אָבער אַ באַשולדיקונגס־אורטייל — מיט אַ מערהייט פון צוויי.

**27.—דיני ממנות מחזירין בין לזכות ובין לחובה דיני נפשות מחזירין לזכות ואין מחזירין לחובה** (סנהדרין ל"ב).

---

1) ברטנורה שם.

אין געלט-ענינים קאָן מען באַנייען דעם פּראָצעס סיי לטובת דעם באַשולדיקטן, סיי קעגן אים; ביי דיני נפשות אָבער קאָן מען דעם פּראָצעס באַנייען בלויז צום גונסטן פון באַשולדיקטן.

28.—**דיני ממונות דנין ביום וגומרין בלילה דיני נפשות דנין ביום וגומרין ביום** (סנהדרין ל"ב).

געלט-פּראָצעסן קאָן מען דורכפירן דורכן טאָג און משפּטן ביי-נאַכט; ביי דיני נפשות פירט זיך דער פּראָצעס דורכוים בייטאָג און דער פּסק דין ווערט אויך אַרויסגעטראָגן בייטאָג.

29.—**דיני ממונות גומרין בו ביום בין לזכות בין לחובה דיני נפ-שות גומרין בו, ביום לזכות וביום של אחריו לחובה** (סנהדרין ל"ב).

געלט-פּראָצעסן קאָן מען שטענדיק ענדיקן אין דעם זעלביקן טאָג, סיי צום גונסטן פון פּראָצעסירטן, סיי קעגן אים; ביי דיני נפ-שות קאָן מען משפּטן אין זעלביקן טאָג נור צו באַפרייען דעם באַ-שולדיקטן; אין פאַל אָבער אים צו פאַרמשפּטן, ווערט דער פּסק דין אַרויסגעטראָגן דעם אַנדערן טאָג.

30.—**סנהדרין היתה כחצי גורן עגולה כדי שיהיו רואין זה את זה ושני סופרי הדיינין עומדים לפניהם אחד מימין ואחד משמאל וכו-תבין דברי המזכין ודברי המחייבין** (סנהדרין ל"ו).

די סנהדרין (ד. ה. די מיטגלידער פון געריכט, וואָס איז באַ-שטאַנען פון 23 מיטגלידער) זענען געזעסן אין אַ האַלבן קרייז, כדי איינער זאָל דעם אַנדערן קאָנען זען. די פּראָטאָקאָליסטן זענען גע-שטאַנען פאַר זיי, איינער פון דער רעכטער זייט און דער אַנדערער פון דער לינקער זייט און פאַרשרייבן די ווערטער פון פאַרטיידיקער און די ווערטער פון באַשולדיקער. — (1

31.—**ביצד מאיימין את העדים על דיני נפשות היו מכניסין אותן ומאיימין עליהן, שמא תאמרו מאומד ומשמועה עד מפי עד ומפי אדם נאמן. שמא אי אתם יודעין שסופנו לבדוק אתכם בדרישה וחקירה. הוו יודעין שלא כדיני ממונות דיני נפשות, דיני ממונות אדם נותן ממון ומתכפר לו, דיני נפשות דמו ודם זרעותיו תלויין בו עד סוף העולם, שכן מצינו בקין שהרג את אחיו שנאמר דמי אחיך צועקים. אינו אומר דם אחיך אלא דמי, דמו ודם זרעותיו... לפיכך נברא אדם יחידי ללמדך שכל המאבד נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאילו איבד עולם מלא וכל המקיים נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאילו קיים עולם מלא. ומפני שלום הבריות שלא יאמר אדם לחברו אבא גדול מאביך ושלא יהיו המינים אומרים הרבה**

**רשויות בשמים ולהגיד גדולתו של הקב"ה שאדם טובע כמה מט־בעות בחותם אחד וכולן דומים ומלך מלכי המלכים הקב"ה טבע כל אדם בחותמו של אדם הראשון ואין אחד מהם דומה לחברו. לפיכך כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם. ושמא תאמרו מה לנו ולצרה הזאת הרי כבר נאמר והוא עד או ראה או ידע אם לא יגיד ונשא עונו, ושמא תאמרו מה לנו לחוב בדמו של זה והלא כבר נאמר באבד רשעים רנה** (סנהדרין ל"ז).

ווי אזוי האָט מען ביי דיני נפשות מאיים געווען די עדות, זיי זאָלן נישט זאָגן קיין ליגן, מען פלעגט זיי אריינפירן און כדי זיי מאיים צו זיין, פלעגט דער בית דין צו זיי אזוי רעדן: אפשר ווילט איר עדות זאָגן אויפן יסוד פון צוטראַכטן, אָדער דאָס וואָס איר האָט פון אַנדערע געהערט דערציילן, זאָל עס זיין פון אַן אַנדער עדות, מעג עס זיין פון אַ באַגלויבטן מענטשן? — אָדער אפשר ווייסט איר נישט אַז מיר וועלן דאָך סוף כל סוף געבני פאַרשן און דערגיין? — זאָלט איר וויסן זיין, אַז ניט ווי **דיני ממנות** איז ביי **דיני נפשות**. ביי געלט־ענינים קען מען די עוולה פאַרגיטיקן מיט געלט, אָבער ביי דיני נפשות גייט עס דאָך נישט בלויז וועגן דעם בלוט פון דעם אָנ־געקלאָגטן, נאָר עס גייט דאָך אויך וועגן בלוט פון די דורות נאָך אים, וועלכע וואָלטן אין אַלע צייטן געקאָנט דערנאָך אויפקומען, ווייל אזוי האָט דאָך געזאָגט גאָט צו קינען: **שטראָמען בלוט (דמי) פון דיין ברודער רופן צו מיר**". גאָט האָט נישט געזאָגט פשוט בלוט (דם) נאָר טאַקע שטראָמען בלוט און דאָס באַדייט דאָס בלוט פון הבל'ען און זיינע אַלע פאַרלאָרענע דורות.

דערפאַר איז באַשאַפן געוואָרן דער מענטשן־מין אין געשטאַלט פון איין מענטשן — **אדם הראשון**, כדי דו זאָלסט לערנען אַז ווער עס ברענגט אום איין מענטשן פון ישראל, פאַררעכנט אים די תורה, ווי ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט, און ווער עס ראַטע־וועט אָפּ איין מענטשן פון ישראל, — ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט. ווייטער אויך כדי אויפצוהאַלטן דעם שלום צווישן מענטשן, אַז איינער זאָל נישט זאָגן צום אַנדערן: מיין פאָטער איז געווען גרעסער פאַר דיינעם. ווייטער אויך כדי די געטשנדינער זאָלן נישט זאָגן אַז עס איז דאָ מער ווי איין געטלעכער כוח אין הימל — און כדי אויסצודריקן די גרויסקייט פון אייביקן, ווייל דער מענטש שלאָגט אויס אַ סך מטבעות פון איין פאָרעם און איין מטבע איז ענלעך צו דער אַנדערער, בעת דער אייביקער האָט באַשאַפן אַלע מענטשן אין געשטאַלט פון אדם הראשון און דאָך, איז קיין איינער נישט ענלעך צום אַנדערן, דעריבער איז מחויב יעדער איינער צו

זאָגן: צוליב מיר איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט. — און אפשר וועט איר זאָגן: צו וואָס דאַרפן מיר די צרה? ווערט אָבער דייטלעך גע־זאָגט: „אויב ער האָט געזען און געוואוסט און ער האָט ניט מעיד געווען, פאַלט אויף אים די שולד".

און אפשר וועט איר זאָגן: צי דאַרפן מיר זיך באַלאסטן מיט יענעמס בלוט, ווי רש"י זאָגט: מיר ווילן בעסער די עברה פאַרדעקן — ווערט אַלזאָ געזאָגט אין די הייליקע שריפטן „ווען די רשעים קומען אום, פרייט זיך די וועלט". אויף אַזאַ אופן האָט מען אָנגע־הויבן פאַרהערן די עדות.

דער פאָרוואָרט פון בית דין צו די עדות, וואָס נעמט אַרום אַ גאָר גרויסע און טיפע לערע און די וואָרענונג פאַר די עדות ווערט זייער ברייט און אַלזייטיק קאָמענטירט אין תלמוד.

32.—**היו בודקין אותן בשבע חקירות באיזו שבוע באיזו שעה באיזו חודש בכמה בחודש באיזו יום באיזו שעה באיזו מקום** (סנ־הדרין מ').

דער אויסדרוק **חקירה**, מיינט דערגיין. דעריבער זענען די פראַ־געס וועגן אָרט און צייט פון דעם אַקט, די קעגנשטאַנדן פון דער **חקירה**. די פראַגעס, וואָס באַציען זיך אויף אַנדערע אומשטענדן, ווי די קליידונג פון דעם אָנגעקלאָגטן, די כלים פון דעם אַקט א. אַ. וו. זענען די קעגנשטאַנדן פון **בדיקה**, פון פאָרשן.

די דאָזיקע פאַנאַנדערטיילונג צווישן **חקירה** און **בדיקה** האָט אין אונדזער הלכה אַ גרויסן באַדייט — וועגן וועלכן מיר וועלן שפּעטער רעדן, בעיקר בעת מיר באַהאַנדלען די אַקטיוויטעטן פון רבי שמעון בן שטח.

# ב.

## ריטואַל-געזעלשאַפטלעכע דינים.

א) תרומה — אָפּטיילונג.

אין חומש ווערט געזאָגט:

**וזה יהיה משפט הכהנים מאת העם... ראשית דגנך תירושך ויצהריך וראשית גז צאנך תתן לו** (דברים י״ח ג׳ ד.( — און דאָס זאָל זיין דאָס רעכט פון די כהנים, פון דעם פאָלק... דאָס ערשטע פון דיין תבואה, פון דיין וויין און פון דיין אייל, און דאָס ערשטע פון דיין שערונג פון דיין שאָף, זאָלסטו אים געבן.

ב) **מעשר ראשון** — דער ערשטער מעשר (דער צענטער טייל).

אין חומש ווערט אָנגעזאָגט:

**ולבני לוי הנה נתתי כל מעשר בישראל חלף עבודתם אשר הם עובדים את עבודת אוהל מועד** (מבדבר י״ח כ״א). — און צו די קינ־דער פון לוי, זע, האָב איך געגעבן יעטוועדער מעשר אין ישראל פאַר אַן ארב, פאַר זייער דינסט, וואָס זיי דינען, דעם דינסט פון אוהל מועד.

און ווייטער זאָגט די תורה ביי מעשר:

**ואכלתם אותו בכל מקום אתם וביתכם כי שכר הוא לכם חלף עבודתכם באוהל מועד** (במדבר י״ח ל״א) — און איר מעגט עם עסן אין יעטוועדער ארט, איר און אייער הויזגעזינט, ווארום דאָס איז אייך אַ לוין פאַר אייער דינסט אין אוהל מועד.

ג) **מעשר מן המעשר** אָדער **תרומת מעשר**.

אין דער תורה איז אָנגעזאָגט געוואָרן די לויים:

**כי תקחו מאת בני ישראל את המעשר אשר נתתי לכם מאתכם בנחלתכם והרמותם ממנו תרומת ה׳ מעשר מן המעשר** (במדבר י״ח כ״ו).

אַז איר וועט נעמען פון די קינדער פון ישראל דעם מעשר, וואָס איך האָב אייך געגעבן פון זיי פאַר אייער אַרבונג, זאָלט איר אָפּ־

שיידן דערפון אַן אָפּשיידונג צו גאָט, מעשר פון דעם מעשר.

ד) מעשר שני. — דער צווייטער מעשר.

**עשר תעשר את כל תבואת זרעך היוצא השדה שנה שנה ואכלת לפני ד' אל"... למען תלמד ליראה את ה' אל" כל הימים: וכי ירבה ממך הדרך כי לא תוכל שאתו... ונתת בכסף וצרת הכסף בידך והלכת... ונתת הכסף בכל אשר תאוה נפשך. ואכלת שם לפני ה' אל" ושמחת אתה וביתך:** (דברים י"ד כ"ב — כ"ו).

— מעשרן זאָלסטו מעשרן דעם גאַנצן איינטראָג פון דיין זריעה, וואָס קומט אַרויס פון דיין פעלד יאָר־יערלעך. און דו זאָלסט עסן פאַר גאָט דיין גאָט... כדי זאָלסט לערנען מורא צו האָבן פאַר גאָט דיין גאָט אַלע טעג; און אויב דער וועג וועט זיין צופיל פאַר דיר, אויב דו וועסט עס נישט קענען אַוועקטראָגן... זאָלסטו עס מאַכן צו געלט, און נעמען דאָס געלט איינגעבונדן אין דיין האַנט און גיין... און זאָלסט אויסגעגעבן דאָס געלט, אויף אַלץ וואָס דיין האַרץ וועט גלוסטן... און זאָלסט דאָרט עסן פאַר גאָט דיין גאָט, און זיך פרייען, דו און דיין הויזגעזינט.

ה) מעשר עני — דער מעשר פאַר די אָרעמעלייט.

**מקצה שלש שנים תוציא את כל מעשר תבואתך בשנה ההיא והנחתו בשעריך ובא הלוי... והגר והיתום והאלמנה אשר בשעריך ואכלו ושבעו** (דברים י"ד כ"ח כ"ט) — צום סוף פון אַלע דריי יאָר־ זאָלסטו אַרויסטראָגן דעם גאַנצן מעשר פון דיין תבואה, און אַוועק־ לייגן אין דיינע טויערן; און זאָל קומען דער לוי... און דער פרעמדער און דער יתום און די אלמנה, וואָס אין דיינע טויערן און זיי זאָלן עסן און זאט זיין.

פון די אויבנדערמאָנטע געבאָטן ווייזט זיך אַרויס איבערהויפּט דער פאָלגנדער מצב פון זאַכן:

נאָכן רייף ווערן און אָפּשניידן די תבואה, האָט דער אייגנטימער געדאַרפט קודם כל 1) אָפּטיילן די **תרומה** פאַרן כהן. דערביי איז חומש נישט אָנגעגעבן די צאָל (**שיעור**), וואָס דעם כהן געהערט אַלס **תרומה**.

ביי דעם דין פון **תרומה** איז אָנגעזאָגט געוואָרן דעם בעל הבית אַז ער זאָל אָפּטיילן די **תרומה** פון יעטוועדער שייער (**גורן**) באַזונ־ דער און ער זאָל אָפּטיילן אויף אַזאַ אופן, וואָס ווערט אָנגערופן **מן המוקף** 2) ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט אָפּצוגעבן אַ גרעסערע

---

1) תלמוד (תרומות פ"ג מ"ז)

2) (ספרי שלח)

צאָל פון איין שייער, כדי צו פטרן דעם אַנדערן שייער. ער האָט געמוזט אָפּשיידן תרומה פון יעדן באַזונדערן שייער.

פּראָדוקטן פון וועלכע עס איז נישט אָפּגעטיילט געוואָרן קיין **תרומה**, זענען געווען **טבל** און פאַרבאָטן צו באַנוצן. 1)

נאָכן אָפּטיילן די **תרומה** איז דער בעל הבית געווען פאַרפליכטעט פון דער איבערגעבליבענער צאָל פּראָדוקטן אָפּצוגעבן פאַר די לויים דעם **מעשר ראשון**. ביי דעם **מעשר ראשון** האָט נישט געגאָלטן דער דין פון **מן המוקף**, ד. ה. אַז דער בעל הבית האָט געקאָנט אָפּגעבן דעם מעשר אין אַ גרעסער צאָל פון איין זאפאס — און דערמיט דערפילן זיין חוב בנוגע צו די אַנדערע זאפאסן.

דער **כהן** האָט געקאָנט באַנוצן די דערהאַלטענע **תרומה** אין די שטחים פון לאַנד, אָבער בלויז אין צושטאַנד פון **טהרה** ד. ה. אין ריטועלער ריינקייט. אַ לוי האָט געקאָנט געניסן פון זיין דערהאַלטענעם מעשר אויך אין **חוץ לארץ**, אָן אַכטונג אויף ריטועלער ריינקייט (אויך אין **טומאה**). 2)

דער לוי איז מחוייב געווען פון דערהאַלטענעם מעשר אָפּצוגעבן זיין צענטל דעם כהן אַלס **תרומה**, וואָס האָט זיך גערופן **תרומת מעשר** אָדער **מעשר מן המעשר**.

דער אויבנדערמאָנטער **מעשר שני**, אין פּאַראַגראַף ד) איז ניט געווען באַשטימט פאַר די לויים, נאָר פאַרן **בעל הבית אַליין**, וועלכער איז מחויב געווען דעם מעשר, אין נאַטור, אָדער אין דעם ווערט צו פאַרנוצן אין ירושלים. (**פדיון**).

צוויי מאָל אין זיבן יאָר (**שמיטה, שביעית**) ד. ה. אין דריטן און זעקסטן יאָר האָט דער **מעשר שני** אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון **מעשר עני** (אויבן פּאַראַגראַף ה) דאָס הייסט, אַז מען האָט באַדאַרפט דעם מעשר צו פאַרטיילן אין דער היים צווישן יתומים און אלמנות.

ו) אויסערדעם האָט די תורה אָנגעזאָגט צו צאָלן נאָך אַ שטייער — **חלה**.

און חומש ווערט געזאָגט:

**והי' באכלכם מלחם הארץ תרימו תרומה לה': ראשית עריסותיכם תרימו תרומה כתרומת גורן כן תרימו אותה.** — (במדבר כ"ו כ') — אַז איר וועט עסן פון ברויט פון לאַנד, דאָס ערשטע פון אייערע טייגמולטערס, זאָלט איר אָפּשיידן חלה פאַר אַן אָפּשיידונג; ווי די אָפּשיידונג פון שייער, אַזוי זאָלט איר עס אָפּשיידן.

---

1) זע די דערקלערונגען 20.

2) תלמוד (יבמות פ"ו: כפתור ופרח פכ"ה).

ווי עס איז צו זען פון די אויבנדערמאָנטע ציטאַטן אין חומש, איז נישט אָנגעמערקט אין דער תורה דער שעור, ד. ה. די צאָל בנוגע דער תרומה גדולה און אין דער הינזיכט האָבן די סופרים באַשטימט:

33.—שיעור תרומה עין יפה א׳ מארבעים, הבינונית מחמשים והרעה מששים. (תרומות פ"ד מ"ג).

די צאָל וואָס דאַרף אָפּגעטיילט ווערן פון תרומה טראָגט אויס פאַר פרייגיביקע מענטשן איינס פון פערציק, פאַר מיטעלע מענטשן, איינס פון פופציק און פאַר קאַרגע — אַ זעכציקסטע טייל.

דער מחבר פון כפתור ופרח באַזירט די דאָזיקע תקנה בנוגע מי־טעלע מענטשן (1-50), מיטן לשון וואָס דערקלערט דאָס וואָרט תרומה, וואָס באַדייט לויט זיין מיינונג תרי מאה אָדער 2-100 און דאָס הייסט 1-50.

34.—שיעור חלה אחד מעשרים וארבעה העושה עיסה לעצמו והעושה למשתה בנו אחד מעשרים וארבעה נחתום שהוא עושה למכור בשוק וכן האשה שהיא עושה למכור בשוק אחר מארבעים ושמונה (חלה פ"ג מ"ז).

די צאָל פון חלה איז אַ פיר און צוואַנציקסטער חלק, אַ בעקער אָדער אפילו אַ בעקערין (פון קלענערן פאַרנעם), וועלכע באַקן אויף צו פאַרקויפן, טיילן אָפּ חלה בלויז אַן אַכט און פערציקסטן חלק.

35.—ווייטער האָבן די סופרים באַשטימט אין דער משנה, וואָס איז דורך זיי אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט געוואָרן 1):

חמשה לא יתרומו ואם תרמו אין תרומתן תרומה החרש השוטה והקטן והתורם את שאינו שלו נכרי שתרם את של ישראל אפילו ברשות אין תרומתו תרומה (תרומות פ"א).

פינף קאַטעגאָריעס מענטשן קאָנען נישט אָפּטיילן קיין תרומה, און אויב זיי טוען עס, האָט די תרומה נישט קיין ווערט פון קיין הייליקער תרומה:

1 — אַ טויב־שטומער, 2 — אַ נאַר, 3 — אַ מינדעריעריקער, 4 — דער וואָס האָט נישט קיין רשות פון אייגנטימער, 5 — אַ גע־טשנדינער, און דאָס אפילו אין פאַל ווען אַ ייד וואָלט אים באַפול־מעכטיקט אָפּצוטיילן תרומה.

36.—בנוגע חלה, פעלט אויך אין חומש אַ באַצייכענונג פון די מינים קוכנס, פון וועלכע עס דאַרף געגעבן ווערן חלה, האָבן דאָן

---

1) תלמוד (שקלים פ"ה).

די סופרים 1) אָנגעמערקט די מינים תבואה, אָדער קוכן, פון וועלכע מען דאַרף געבן חלה.

**חמשה דברים חייבים בחלה החטים והשעורים והכוסמין והשבולת שועל ושיפון הרי אלה חייבים בחלה.** — (חלה פ״א מ״א).

— פינף זאַכן זענען מחויב אין חלה. ווייץ און גערשטן, און שפעלץ (ארקיש), און האבער און קארן, די דאָזיקע זענען מחויב אין חלה.

און אַרויסגעדרונגען האָבן די סופרים די תקנה בנוגע חלה פון דעם דין פון אכילת מצה: ווייל אַזוי ווי דאָרט, קומט אויך דאָ, אין דער תורה דער אויסדרוק לחם (ברויט). צעגלייך ווי מצה דאַרף געבאקן ווערן פון איינעם פון די פינף מינים תבואה, 2) אַזוי פאַרפליכטעט אויך דער דין פון חלה, בלויז פון אַזאַ קוכן, וואָס איז געבאקן פון די פינף מינים תבואה. דאָס איז אַ ביישפיל פון אינטערפּרעטאַציע דורך אַ גזירה שוה, פון דעם וואָרט חלה וואָס געפינט זיך דאָ און דאָרט.

37.—עזרא הסופר נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט ער אינגאַנצן אָפּגעשאַפט די אינסטיטוציע פון מעשר, און דאָס האָט ער געטאָן, ווי עס דערקלערט די גמרא אַלס אַ שטראָף פאַר לויים. וועלכע זענען נישט מיטגעגאַנגען מיט אים פון בבל אין הייליקן לאַנד. דערציילט אַלזאָ, עזרא:

**ואקבצם אל הנהר הבא אל אהוא ונחנה שם ימים שלשה ואבינה בעם ובכהנים ומבני לוי לא מצאתי שם** (יבמות פ״ו; עזרא ח׳).

— איך האָב צענויפגענומען דאָס גאַנצע פאָלק ביי דעם טייך אהוא. מיר האָבן זיך דאָרט פאַרהאַלטן דריי טעג און איך האָב איבערגעקוקט דאָס פאָלק און די כהנים, אָבער קיין לויים האָב איך דאָרט נישט געפונען.

38.—**אילו דברים שאין להם שיעור הפאה והבכורים והראיון וגמילות חסדים ותלמוד תורה** (פאה פ״א מ״א).

— די דאָזיקע זאַכן האָבן נישט קיין שיעור: הפאה — דער ברעג פון פעלד, וואָס דאַרף ווערן איבערגעלאָזט פאַר אָרעמעלייט; די בכורים — די ערשט-צייטיקע פרוכט, וואָס מען דאַרף ברענגען אין בית המקדש פאַר די כהנים; והראיון — זיך ווייזן, דריי מאָל אין יאָר, צו די שלש רגלים דאַרף מען זיך ווייזן אין בית המקדש,

1) תלמוד (שקלים פ״ה).
2) תלמוד (פסחים ל״ה).

אָבער נישט מיט קיין לײדיקע הענט, נאָר מען דאַרף אין שלש רגלים (פסח, שבועות און סוכות) ברענגען קרבנות אין בית המקדש; גמילות חסדים (צדקה, הלוואות א.א.וו.) ותלמוד תורה — לערנען תורה.

39.—אין פוחתים לפאה מששים (פאה פ"ב מ"ב).

— מען גיט נישט קיין פאה װײניקער פון אַ זעכציקסטל. די חכמים האָבן מתקן געווען פון פאה נישט װײניקער פון 1-60 כדי עס זאָל עפּעס בלײבן פאַר די אָרעמעלײט, הגם אין דער תורה איז נישטאָ דערויף קיין שיעור.

40.—דרײ מאָל איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער תורה:

ראשית בכּוּרי אדמתך תביא בית ה" אלקיך (שמות כ"ג י"ט, שמות ל"ד כ"ו, דברים כ"ו).

— די ערשטע פּריצײטיקע פון דײן ערד זאָלסטו ברענגען אין הויז פון גאָט דײן גאָט.

דער געבאָט װערט אין דער תורה גענויער אויפגעקלערט:

והיה כי תבוא אל הארץ... ולקחת מראשית כל פרי האדמה... ושמת בטנא והלכת אל המקום אשר יבחר ה" אל" לשכן שמו שם ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם ואמרת אליו הגדתי היום לה' אל' כי באתי אל הארץ אשר נשבע ה' לאבותינו לתת לנו. ולקח הכהן הטנא מידיך והניחו לפני מזבח ה' אל' וענית ואמרת לפני ה' אל' ארמי אבד אבי וירד מצרימה... ונצעק... ויוציאנו ה' ממצרים... ויביאנו אל המקום הזה ויתן לנו את הארץ הזאת ארץ זבת חלב ודבש ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה אשר נתת לי ה' והנחתו לפני ה' אל' והשתחוית לפני ה' אל' (דברים כ"ו א — י"ב).

— און עס װעט זײן, אַז דו װעסט קומען אין דעם לאַנד... זאָלסטו נעמען פון ערשטן פון יעטװעדער פּרוכט פון דער ערד... און זאָלסט אַרײנטאָן אין אַ קאָרב און גײן צו דעם אָרט װאָס גאָט דײן גאָט װעט אויסדערװײלן צו מאַכן רוען זײן נאָמען דאָרטן. און זאָלסט קומען צו דעם כהן װאָס װעט זײן אין יענע טעג, און זאָגן צו אים: איך זאָג הײנט פאַר גאָט דײן גאָט, אַז איך בין געקומען אין דעם לאַנד װאָס גאָט האָט געשװאָרן אונדזערע עלטערן, אונדז צו געבן. און דער כהן זאָל נעמען דעם קאָרב פון דײן האַנט און אים אַװעקשטעלן פאַרן מזבח פון גאָט דײן גאָט. און זאָלסט אויסרופן און זאָגן פאַר גאָט דײן גאָט: דער ארם, האָט געװאָלט מאַכן פאַרלירן מײן פאָטער, און ער האָט גענידערט קײן מצרים... און די מצרים האָבן אונדז שלעכטס געטאָן... און מיר האָבן געשריען... און גאָט האָט

אונדז אַרויסגעצויגן פון מצרים... און ער האָט אונדז געבראַכט צו דעם דאָזיקן אָרט, און אונדז געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד, אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און מיט האָניק. און אַצינד זע, איך האָב געבראַכט דאָס ערשטע פון דער פרוכט פון דער ערד, וואָס דו גאָט, האָסט מיר געגעבן. און זאָלסט עס אַוועקלייגן פאַר גאָט, דיין גאָט, און זיך בוקן פאַר גאָט, דיין גאָט.

די משנה קלערט אונדז אויף גענוי דעם געבאָט און גיט אונדז גלייכצייטיק אַ פּרעכטיק בילד פון דער פייערלעכקייט פון די בכו־רים.

**כיצד מפרישין הבכורים יורד אדם בתוך שדהו ורואה תאנה שבכרה אשכל שבכר רמון שבכר קושרו בגמי ואומר הרי אלו בכו־רים (בכורים פ"ג מ"א).**

— ווי אַזוי שיידט מען אָפּ בכורים? אַז אַ מענטש גייט אַריין אין זיין פעלד און זעט אַ פייג, וואָס איז געוואָרן פרי צייטיק, אַ הענגל וויינטרויבן, וואָס איז געוואָרן פרי צייטיק, אַ מילגרוים וואָס איז געוואָרן פרי צייטיק, בינדט ער עם אַרום מיט אַ גראָז־ריטל. ער זאָגט: „דאָס זאָל זיין בכורים".

41.—**כיצד מעלין את הבכורים כל העיירות שבמעמד מתכנסות לעיר של מעמד ולנין ברחובה של עיר ולא היו נכנסין לבתים ולמ־שכים הי' הממונה אומר קומה ונעלה ציון אל בית אל" (בכורים פ„ג מ"ב).**

— ווי אַזוי ברענגט מען אַרויף די בכורים? אַלע שטעטלעך פון דעם מעמד האָבן זיך צענויפגעקליבן אין דער שטאָט פון מעמד. און זיי פלעגן נעכטיקן אין מאַרק־פּלאַץ פון דער שטאָט, און זיי זענען ניט אַריינגעגאַנגען אין קיין הייזער (נעכטיקן). און ווען עס איז אָנגעקומען דער פרימאָרגן, האָט דער עלטסטער (פון די לאַנדווירטן) אויסגערופן: „שטייט אויף און לאָמיר אויפגיין קיין ציון, צום הויז פון גאָט, אונדזער גאָט!".

42.—**הקרובים מביאים התאנים והענבים והרחוקים מביאים גרו־גרות וצמוקים והשור הולך לפניהם וקרניו מצופות זהב ועטרת של זית בראשו החליל מכה לפניהם עד שמגיעים קרוב לירושלים, הגיעו קרוב לירושלים שלחו לפניהם ועטרו את בכוריהם הפחות הסגנים והגזברים יוצאים לקראתם לפי כבוד הנכנסים היו יוצאים וכל בעלי אומניות שבירושלים עומדים לפניהם ושואלין בשלומם, אחינו אנשי המקום פלוני באתם לשלום (בכורים פ"ג מ"ג).**

— די נאָנטע ברענגען פייגן און וויינטרויבן, און די וויטע

ברענגען דארע פייגן און געטריקנטע וויינטרויבן (ראזשינקעס). און דער אָקס גייט פאָרויס פאַר זיי, און זיינע הערנער זענען באַדעקט מיט גאָלד און אַ קרוין פון איילבירטן אויף זיין קאָפּ. דאָס פייפערל קלינגט פאָרויס פאַר זיי ביז זיי קומען נאָנט צו ירושלים. ווען זיי זענען אָנגעקומען נאָנט צו ירושלים, האָבן זיי געשיקט שליחים (אין ירושלים מודיע צו זיין, אַז זיי קומען אָן) און זיי האָבן באַפּוצט זייערע ביכורים. די הויכע שרים (פון די כהנים), און די שטעל-פאַרטרעטער און די שאַצמייסטער (פון בית המקדש) גייען אַרויס זיי אַנטקעגן; לויט דעם כבוד פון די אָנקומענדיקע זענען זיי אַרויסגעגאַנגען. און אַלע בעלי מלאכות אין ירושלים שטעלן זיך אויף פאַר זיי און באַגריסן זיי: „אונדזערע ברידער, איינוואוינער פון דעם און דעם אָרט, קומט בשלום״.

43.—**החליל מכה לפניהם עד שמגיעין להר הבית אפילו אגריפס המלך נוטל הסל על כתפו ונכנס עד שמגיע לעזרה ודברו הלויים בשיר, ארוממך ה׳ כי דליתני ולא שמחת אויבי לי** (תהילים ל׳) בכורים פ״ג מ״ד).

— דער פייפער קלינגט פאָרויס פאַר זיי ביז זיי קומען אָן צו הר הבית (דער באַרג פון בית המקדש). ווען זיי זענען אָנגעקומען צום בית המקדש-באַרג, נעמט אפילו דער קעניג אגריפס דעם קויש (מיט די בכורים) אויף זיין אַקסל, און גייט אַריין ביז ער קומט צו דער עזרה )בית המקדש-הויף). ווען ער (דער בכורים-טרעגער) איז אָנגעקומען אין בית המקדש-הויף, האָבן די לוויים אָנגעהויבן זינגען שירה „ארוממך ה׳ כי דליתני ולא שמחת אויבי לי״.

44.—**עדהו הסל על כתפו קורא מ„הגדתי היום לה״ אלי׳״ עד שגומר כל הפרשה ומניחו בצד המזבח והשתחוה ויצא.** (בכורים פ״ג מ״ו).

— ווען דער קויש איז נאָך אויף זיין (דעם בכורים-ברענגערס) אַקסל, לייענט ער פון „הגדתי היום לה׳ אל״ (דברים כ״ו) ביז ער פאַרענדיקט די גאַנצע פרשה.

דאַן לייגט ער אַוועק דעם קויש ביי דעם מזבח און בוקט זיך, און גייט אַוועק.

45.—**בראשונה כל מי שיודע לקרות קורא וכל מי שאינו יודע לקרות מקרין אותו נמנעו מלהביא התקינו שיהא מקרין את מי שיודע ואת מי שאינו יודע** (בכורים פ״ג מ״ז).

— צוערשט (אין די ערשטע צייטן), ווער עס האָט געקאָנט

אַליין לייענען די פּרשה (פון בכורים), האָט אַליין געלייענט; און ווער עס האָט נישט געקאָנט לייענען, האָט מען פאַר אים פאָרגע־לייענט, האָבן מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט לייענען אויפ־געהערט ברענגען בכורים (צוליב בושה); האָט מען מתקן געווען אַז מען זאָל פאַרלייענען סיי פאַר די וואָס קאָנען און סיי פאַר די, וועלכע קאָנען נישט.

די גמרא דערקלערט די תקנה, אַז זי געפינט איר קוואַל אין חומש גופא ווייל עס ווערט דייטלעך געזאָגט: **ועָנית ואמרת** — און דו וועסט ענטפערן און דו וועסט זאָגן ד. ה. — דו וועסט נאָכזאָגן, איז געוואָרן איינגעפירט דעריבער, אַז אַן אַנדערער האָט פאָרגע־לייענט און דער, וואָס ברענגט די בכורים האָט איבערגעזאָגט. — 1)

46.—**באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים** (שקלים ב).

דעם ערשטן טאָג אין חודש אדר האָט מען צו־וויסן געגעבן וועגן די שקלים (אַ פאָלקס־שטייער פאַרן בית המקדש) און אַ וואָרנונג אַז מען זאָל נישט זיין עובר אויף **כלאים**.

בנוגע **כלאים** ווערט אָנגעזאָגט אין דער תורה אַז מען טאָר ניט זייען געמישט פון פאַרשיידענע מיני תבואה.

47.—**ובחמשה עשר בו קורין את המגילה בכרכים ומתקנין את הדרכים ואת הרחובות ואת מקוות המים ועושין כל צרכי הרבים ומציינין את הקברות ויוצאין אף על הכלאים** (שקלים ב').

— פופצן טאָג אין אדר לייענט מען די מגילה אין די גרויסע שטעט, מען פאַרריכט די וועגן, די גאַסן די מקוות און מען פאַרענ־דיקט אַלע עפנטלעכע ענינים.

ווי עס דערקלערט די גמרא, מיינט מיט די „עפנטלעכע ענינים" סיי די געריכטלעכע ענינים, די ציווילע ווי די קרימינעלע, ווי אויך די זאַכן, וואָס זענען נויטיק פאַרן כלל, ווי ענדיקן גראָבן אַ ברונעם. פאַרענדיקן האָט מען דאָס אַלץ געדאַרפט, ווייל עס האָט זיך דער־נענטערט דער סוף יאָר, וועלכער הייבט זיך אָן מיטן חודש ניסן.

מען פרישט אויך אָפּ די קברים (די מצבות) און מען גייט אַרויס אויף אַכטונג געבן בנוגע **כלאים**.

48.—**בראשונה היו עוקרין ומשליכין לפניהם והיו שמחין שתי שמחות אחת שהיו מנכשין שדותיהן ואחת שהיו נהנין מן הכלאים משרבו עוברי עבירה היו משליכין על הדרכים אעפ"כ היו שמחים**

---

1) (רמב"ם פיר' המשניות בשם הספרי ותוי"ט).

**שהיו מנכשין שדותיהם התקינו שיהו מפקירין כל השדה כולה** (שקלים ג').

פריער פלעגט מען אַרויסרייסן און אַרויסוואַרפן (די, וועלכע זענען געגאַנגען קאָנטראָלירן, האָבן אַרויסגעריסן און אַרויסגעוואָרפן די **כלאים**), אָבער די וואָס האָבן עובר געווען, זענען דערפון געווען צעפרידן צוליב צוויי סיבות: ראשית, ווייל מען האָט זיי אויסגעיע־טעט די פעלדער, והשנית, האָבן זיי דערפון גענאָסן, ווייל די אַרויס־געריסענע **כלאים** האָבן זיי געגעבן עסן זייערע בהמות. היות אָבער עס האָבן זיך דעריבער פאַרמערט עוברים אויף **כלאים**, האָט מען שוין דאָן די **כלאים** אַרויסגעוואָרפן אויף די וועגן. איז אָבער נאָך איבערגעבליבן דער נוצן פון די אויסגעיעטעטע פעלדער, האָט מען איינגעפירט אַז בנוגע דעם פעלד, אויף וועלכן עס איז געפונען גע־וואָרן **כלאים**, איז אויסגערופן געוואָרן הפקר, אָדער אַז עס געהערט נישט צו קיינעם.

פרעגט די גמרא:

**מנין שהפקר בית דין הפקר, דכתיב וכל אשר לא יבא לשלשת הימים כעצת השרים והזקנים יחרם כל רכושו והוא יבדל מקהל הגולה** (שקלים ג').

— פון וואַנען איז עס באַוואוסט, אַז דער **בית דין** האָט אַ מאַכט אויסצורופן עמעצנס אייגנטום אַלס **הפקר**? איז דאָך געשריבן אין די כתבי הקודש: עזרא הסופר האָט אויסגערופן: ווער עס וועט ניט קומען ביז דריי טעג לויט אַ באַשלוס פון די הארן און עלטסטע, דעם'ס גאַנצער פאַרמעגן וועט ווערן קאָנפיסקירט און ער וועט ווערן אויס־געשלאָסן פון קהל.

דערפון איז אַלזאָ קלאָר, אַז דער **בית דין** האָט געהאַט אַ מאַכט בנוגע **חרם**.

דער יסוד פון **הפקר** דורכן **בית דין**, האָט אין אונדזער הלכה אַ גרויסע באַדייטונג.

## ג.

# ריטועלע דינים.

אין חומש ווערט געזאָגט וועגן **שבת — לא תעשה כל מלאכה** (שמות כ׳ י׳).

— זאָלסט נישט טאָן קיין מלאכה! — דערביי איז אָבער נישט באַצייכנט וואָס עס דאַרף באַטראַכט ווערן פאַר אַ פאַרבאָטענער אַרבעט.

49.—די סופרים האָבן דערקלערט, אַז אין דעם פאַל דאַרף מען פאַרשטיין, אַז די פאַרבאָטענע **מלאכות** דאַרפן אַרומנעמען די אַלע אַרבעטן וואָס זענען אין יענער ביבלישער צייט געטאָן געוואָרן ביי דער בוי־אַרבעט פון משכן און ביי דער גאַנצער עבודה אין משכן. (שבת כ״ט).

אַ ראיה דערצו, אַז די פאַרבאָטענע אַרבעטן אום שבת, דאַרף מען געפינען אין בוי און דינסט פון משכן, האָבן אונדזערע חכמים געפונען אין חומש גופא.

אומיטלבאַר, באַלד נאָכן אָנזאָג צו בויען דעם משכן, ווערט געזאָגט אין חומש: **אך את שבתותי תשמורו,** אָבער מיינע שבתים זאָלט איר היטן — איז דערפון געדרונגען, אַז די פאַרבאָטענע אַרבעטן זענען אידענטיש מיט די אַרבעטן, וואָס זענען נויטיק געוועזן צו בויען דעם משכן און אין דער גאַנצער עבודה פון **משכן.** — 1

נאָך אַ גרינדלעכן באַטראַכטן פון יענע (ביבלישע) פאַרהעלטנישן, האָבן די **סופרים** געפונען ניין און דרייסיק אַרבעטס־טיפּן, וועלכע זענען אין יענער צייט פאַקטיש געוואָרן דורכגעפירט און במילא פאַלן זיי אַרונטער אונטערן אויבן־דערמאָנטן פאַרבאָט. די דאָזיקע 39 טיפּן אַרבעטן האָבן די **סופרים** אַ נאָמען געגעבן **אבות מלאכות.**

---

1) (מכילתא תשא, ויקהל).

עס עקזיסטירן אויך אַזעלכע אַרבעטן, וואָס זענען נישט געווען דורכגעפירט ביי דעם משכן, אָבער וואָס זייער ציל איז דער זעלביקער, ווי וועלכע עס איז פון די ניין און דרייסיק אַרבעטן, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן ביי דעם משכן. אַזאַ מין אַרבעט פאַלט אויך אַרונטער אונטערן פאַרבאָט פון דער תורה און די **סופרים** האָבן אַזעלכע אַרבעטן אָנגערופן **תולדות**, אָפּשטאַמיקע. אַזאַ **תולדה** איז פּשוט אין חומש אָנגעוויזן ווי אַ פאַרבאָטענע (רמב״ם פ״ח מ״ה שבת), ווייל זי איז אויך אָנגערופן געוואָרן **מלאכה**.

**אבות מלאכה ארבעים חסר אחת הזורע, והחורש, והקוצר, והמעמר, הדש והזורה, הבורר, הטוחן, והמרקד, והלש והאופה. הגוזז את הצמר, המלבנו, והמנפצו, והצובעו, הטווה, והמוסך, והעושה שתי נירין והאורג שני חוטין והפוצץ ב׳ חוטין, הקושר והמתיר והתופר שתי תפירות, הקורע על מנת לתפור שתי תפירות, הצד צבי השוחטו והמפשיטו, המולחו והמעבד את עורו והמוחקו והמחתכו. הכותב שתי אותיות, והמוחק ע״מ לכתוב שתי אותיות. הבונה והסותר, המכבה והמבעיר, המכה בפטיש והמוציא מרשות לרשות, הרי אלו אבות מלאכות ארבעים חסר אחת** (שבת ע״ג).

50.—עיקרדיקע טיפּן אַרבעטן זענען פאַראַן 39.

1) ווער עס זייט. לויטן תלמוד נעמט אַרום דער טיפּ אויך פלאַנצן אָדער פלעגן ביימער, און ווי אַ **תולדה** (אָפּשטאַמיקע אַרבעט) פאַלן אַרונטער אונטערן טיפּ **הזורע**, די אַרבעטן פון יעטן און באַגיסן 1) פעלדער 2) וועלכע באַצוועקן די פאַרבעסערונג פון דער זריעה. דערביי איז אָבער נישט אָנגעמערקט דער שיעור ד. ה. די צאָל פון דער אַרבעט, ווייל די מינימאַלסטע אַרבעט (**כל שהוא**) איז פאַרבאָטן.

2.—ווער עס אקערט (**החורש**). אונטער דעם טיפּ פאַלן אויך אַרונטער ווי **אבות** אַזעלכע אַרבעטן, ווי גראָבן און אויסגלייכן דעם באָדן. ווי **תולדות**, געהערן אויך אַזעלכע אַרבעטן באַמיסטיקן, צעשלאָגן די ערד און אויסגראָבן דערנער. און דערביי איז אַ יסוד **כל שהוא** (ירושלמי פ״ג דשבת).

3) ווער עס שניידט-**הקוצר**. צו די **אבות** געהערן דאָ אויך די אַרבעטן, ווי אָפּשניידן און אָפּטרייסלען פרוכט פון די ביימער און ווי **תולדות**, אַזעלכע אַרבעטן ווי אַרויסרייסן זאַנגען מיט דער האַנט.

4) ווער עס בינדט גארבן (**המעמר**). אונטער **אבות** פאַלט דאָ

---

1) (כ״מ פ״ח ה׳ שבת).

2) (מ״ק ה׳).

אַרונטער אויך דאָס בינדן אין פעלד גרינסן. ווי אַ **תולדה** — אַלע אופנים פון אַרומנעמען זאַנגען, ווי אַ שטייגער אַרויפציען פייגן אויף אַ שטרויעלע.

5) ווער עס דרעשט (**הדש**). צו די **אבות** ווערן דאָ צוגערעכנט אַנאַלאָגישע אַרבעטן מיט ליינען, קאַנאַפּליעס. ווי אַ **תולדה** — רייבן זאַנגען אין גאַרשטשן אָדער אַרויסנעמען קערנער פון פרוכטן און אויך — אויסקוועטשן ווייַן אָדער אייל.

6) ווער עס לופטערט דורך, **הזורה**, וואַרפט דורך קערנער פון תבואה זיי צו רייניקן.

7) ווער עס קלייבט איבער (**בורר**), ווי אַ **תולדה**, דורכזיפן פּלי־סיקייטן.

8) ווער עס מאָלט (**הטוחן**). ווי אַ **תולדה**, צעשניידן פרוכטן, וועלכע טויגן נישט צו עסן רוי, אויף דראָבנע שטיקלעך און צעברעק־לען מעטאַל.

9) ווער עס זיפט דורך מעל (**המרקד**).

10) ווער עס קנעט טייג (**הלש**). ווי אַ **תולדה**, צעקנעטן ליים און ענלעכעס.

11)ווער עס באַקט (**אופה**), ווי ווייטערדיקע **אבות**, קאָכן, בראָטן. ווי **תולדות**, צעלאָזן וואַקס, פעטס און אויסגיסן מעטאַל.

12) ווער עס שערט די וואָל פון פעל פון אַ שעפּס (**הגוזז**). ווי אַ **תולדה**, פליקן פעדערן און שניידן נעגל.

13) ווער עס וואַשט איבער וואָל אין טייך (**המלבן**).

14) ווער עס קאַמט אויס די וואָל (**המנפץ**).

15) ווער עס פאַרבט וואָל (**הצובעו**).

16) ווער עס שפינט (**הטווה**).

17) ווער עס נעמט פאַנאַנדער פעדעם אויף אַ וועבשטול (**המיסך**).

18) ווער עס לייגט אויס אין דער לענג און אין דער ברייט פאַ־דים צו וועבן (**העושה בי בתי נירין**).

19) ווער עס וועבט (**האורג**).

20) ווער עס פלעכט (**הפוצע**).

21) ווער עס פאַרבינדט (**הקושר**).

22) ווער עס בינדט אויף (**המתיר**).

23) ווער עס נייט (**התופר**), דאָ גילט נישט **כל שהוא**, נאָר עס פאַרדינט אַ שטראָף דער וואָס מאַכט צוויי נעט. ווי אַ **תולדה** גע־הערט יעדע צוזאַמענקלעפּונג.

24) ווער עס צערייסט כדי אויפצענייען (**קורע**).

25) ווער עס פאַנגט אַ הירש (**צד צבי**). ווי **אבות** געהערט דאָ

די פאַנג פון חיות, פייגל. ווי אַ תולדה, אויסשטעלן נעצן אויף חיות און פייגל אָדער צו פאַנגען פיש.

26) ווער עס שעכט (השוחט). ווי אבות, טויטן אויף וועלכן עס איז אופן (נטילת נשמה). ווי אַ תולדה, שעדיקן אַ מענטשן.

27) ווער עס ציט אַראָפּ די פעל פון אַ חיה (המפשיט).

28) ווער עס באַזאַלצט פעל פאַר דער אויסאַרבעטונג (המולח).

29) ווער עס גארבט פעל (והמעבד).

30) ווער עס רייניקט אָפּ די פעל צום גארבן (הממחקו). ווי אַ תולדה, פוצן שיך.

31) ווער עס צעשניידט פעל (אין דער גארבעריי) — (המחתך).

32) ווער עס שרייבט (הכותב). ווי אַ (תולדה, מאַכן צייכנס אָן פאַרב און דרוקן.

33) ווער עס מעקט אָפּ כדי ווידער צו שרייבן (המוחק).

34) ווער עס בויט (הבונה). ווי אַ תולדה, אויפשטעלן אַ שטענדיקן געצעלט.

35) ווער עס צעשטערט (והסותר).

36) ווער עס לעשט אוים אַ ליכט אָדער האָלץ וואָס ברענט (המכבה). ווי אַ תולדה, פארלעשן אָנגעגליטן אייזן.

37) ווער עס צינדט אָן אַ פייער (המבעיר). ווי אַ תולדה, צעגליען מעטאַל.

38) ווער עס ענדיקט אוים וועלכע עס איז אַרבעט (המכה בפטיש).

39) ווער עס טראָגט איבער באַוועגלעכע גיטער פון איין רשות אין אַנדערן. המוציא מרשות לרשות (זע אויבן זייט 41).

אין תלמוד ירושלמי ווערט געזאָגט:

**ר' יוחנן ור"ש בן לקיש עבדין הוויי בהדא פרקא תלת שנין ופלג אפקון מניה ארבעין חסר אחת תולדות על כל חדא וחדא** (ירושלמי שבת פ"ז ה"ב).

—רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש האָבן דורכגעפירט אין דעם פרק ויכוחים, וואָס האָבן געדויערט דריי מיט אַ האַלב יאָר. דער פועל יוצא פון די וויכוחים איז געווען די קאָנסטאַטירונג אַז עס עקזיסטירן 39 **תולדות פאַר יעדער אב מלאכה.**

איז אַלזאָ פאַראַן אַלע תולדות צוזאַמען 39 מאָל 39.

51.—**כלל גדול אמרו בשבת כל השוכח עיקר שבת ועשה מלאכות הרבה בשבתות הרבה אינו חייב אלא חטאת אחת והיודע עיקר שבת ועשה מלאכות הרבה בשבתות הרבה חייב על כל שבת ושבת.**

**היודע שהוא שבת ועשה מלאכות הרבה בשבתות הרבה חייב על כל אב מלאכה ומלאכה.**

אַ גרויסן כלל האָבן זיי געזאָגט וועגן **שבת.**

א) ווער עס ווייס בכלל נישט וועגן דער עקזיסטענץ פון שבת (צ. ב. אַ יידיש קינד, וואָס איז געהאָדעוועט געוואָרן אין אַ פרעמד־דער סביבה) און ער האָט במשך פון אַ סך שבתים געטאָן אַ סך אַרבעטן, איז ער שולדיק בלויז איין קרבן חטאת.

ב) ווער עס ווייסט וועגן דער עקזיסטענץ פון **שבת** און ער האָט געטאָן כלערליי אַרבעטן אין אַ סך שבתים (נישט ווייסנדיק דאַן אַז עס איז געווען שבת), איז ער שולדיק פאַר יעדער שבת אַ באַזונדער קרבן חטאת.

ג) ווער עס האָט געוואוסט אַז עס איז שבת און ער האָט געטאָן כלערליי אַרבעטן אין אַ סך שבתים (נישט ווייסנדיק אַז די אַרבעטן טאָר מען שבת נישט טאָן), דאַרף ער פאַר יעדער עיקר־אַרבעט ברענגען אַ קרבן חטאת.

עס ווערט דערקלערט די אויבנגעבראַכטע משנה אין פאָלגנדע ריכטונגען:

קודם כל ווערט דאָ אָנגעמערקט, אַז אין די אַלע פאַלן וואָס ווערן פאָרויסגעזען אין דער משנה, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אומווילנדיקע עבירות **(בשוגג).**

ביי אַזאַ **שוגג** איז דער כלל אַזאַ, אַז ער ברענגט אַ קרבן זיך צו רייניקן פון די זינד, דאַן ווען ער האָט זיך **דערוואוסט (ידיעה)** (שבת ע) און אין פאַל אַז ער האָט זיך דערוואוסט נאָכדעם, ווי ער האָט אַ סך מאָל געטאָן אַזעלכע עבירות, דאַרף ער באַלד נאָך דער **ידיעה** ברענגען **בלויז איין קרבן חטאת,** ווייל ער איז מחוייב צו ברענגען דעם קרבן **צום מאָמענט** ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז באַגאַנגען זיין עבירה בשוגג.

אין ערשטן פאַל (א) באַשטייט די עבירה אויפן מאַנגל אין וויסן וועגן דער אינסטיטוציע **שבת.** נאָך דער **ידיעה** ברענגט ער איין קרבן פאַר אַלע עבירות אין די שבתים. אין צווייטן פאַל (ב), נעמט מען אָן אַז צווישן איין שבת און דעם צווייטן, האָט דער בעל עבירה זיך שוין געקאָנט דערוויסן אַז עס איז געווען שבת און ער האָט מחלל שבת געווען, בעת ער האָט געטאָן אַרבעטן, וואָס זענען שבת פאַרבאָטן, אָדער עס הייסט אַ נאָך יעדן שבת אין שוין געווען די **ידיעה,** דאַרף ער דעריבער פאַר יעדן שבת ברענגען אַ באַזונדער קרבן חטאת.

אין דריטן פאַל (ג), וואו ער האָט געוואוסט וועגן דער אינסטי־

טוציע פון שבת און אז עס איז דאָן געווען שבת; ער האָט אָבער נישט געוואוסט אז די סארטן אַרבעטן, וואָס ער האָט געטאָן, זענען פאַרבאָטן, איז אָבער בנוגע יעדער אַרבעט, אַ באַזונדער ידיעה, און דערפאַר איז ער פאַר יעדן מין אַרבעט שולדיק אַ באַזונדער קרבן חטאת, אפילו ווען פון דעם מין, זאָל ער האָבן געטאָן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטן.

52.—ווייטער זאָגט די משנה:

**העושה מלאכות הרבה מעין מלאכה אחת אינו חייב אלא חטאת אחת** (שבת ס"ח).

ווער עס טוט אַ סך אַרבעטן, וואָס געהערן צו איין קאַטעגאָריע, איז שולדיק נאָר איין קרבן חטאת.

דאָ ליגט דער אונטערשיד פון **אב** ביז **תולדה**, ווייל פאַר צוויי **אבות** קומט צוויי קרבנות, און פאַר אַ **אב** מיט אַ **תולדה** פון דעם אב, קומט אויך בלויז איין קרבן. (רמב"ם פ"ז מ"ה שבת).

53.—**ועוד כלל אחר אמרו כל הכשר להצניע ומצניעין כמוהו והוציאו בשבת חייב חטאת עליו וכל שאינו כשר להצניעו ואין מצניעין כמוהו והוציאו בשבת אינו חייב אלא המצניעו** — (שבת ע"ה).

און זיי האָבן געשאַפן נאָך אַ כלל:

וואָס עס איז ווערט צו באַהאַלטן און איין אַ צאָל לאָזט זיך עס באַהאַלטן און עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן שבת פון איין רשות אין אַנדערן, איז דער בעל עבירה שולדיק אַ קרבן חטאת.

וואָס עס איז אָבער נישט ווערט צו באַהאַלטן און לאָזט זיך נית אין אַ צאָל באַהאַלטן און עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן שבת, איז דער וואָס האָט עס אַרויסגעטראָגן, פריי; — סיידן אַז דער אַרויס־טראָגער האָט דער זאַך צוגעגעבן אַ באַזונדער וואָג און באַדייטונג.

54.—**ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו למה נאמר לפי שהוא אומר לא תעשה כל מלאכה אין לי אלא דברים שהם משום מלאכה דברים שהם משום שבות מנין ת"ל ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו** — (מכילתא משפטים).

אין דער תורה איז געשריבן:

**ששת ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבות.. ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו** (שמות כ"ג י"ב י"ג) — זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבעט און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען... און אין אַלץ, וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט, זאָלט איר זיין אָפּגעהיט.

צו וואָס איז דאָס געזאָגט געוואָרן (דער לעצטער פסוק)? ווייל

אין די ווערטער **לא תעשה כל מלאכה** — זאָלסט נישט טאָן קיין אַרבעט, וואָלט דערפון געוועזן געדרונגען אַז עס זענען פאַרבאָטן בלויז די אַרבעטן, וואָס זענען **מלאכה**, (ד. ה. יעדער איינע פון די 39 **אבות** און זייערע **תולדות**, אָבער ווי אַזוי וואָלטן מיר געוואוסט אַז עס זענען אויך פאַרבאָטן יענע אַקטיוויטעטן, וואָס זענען בלויז קעגן דעם באַגריף פון **שבות** — רוען (און זיי לאָזן זיך נישט סומירן צווישן די פאַרבאָטענע אַרבעטן)? דעריבער שטייט געשריבן: **ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו** — בנוגע אַלץ וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט, זאָלט איר זיין אָפּגעהיט.

55.—דער באַגריף **שבות** איז אַנטוויקלט און אויפגעקלערט אויך אין דער פאָלגנדער ברייתא:

**אך את שבתותי תשמרו למה נאמר לפי שהוא אומר לא תעשו כל מלאכה אין לי דברים שהוא משום מלאכה משום שבות מנין ת"ל את שבתותי להביא דברים שהוא משום שבות.** — (מכילתא תשא).

אין דער תורה שטייט געשריבן „אָבער מיינע שבתים זאָלט איר אָפּהיטן". צו וואָס איז דאָס געשריבן? ווייל פון דעם אויסדרוק „לא תעשו כל מלאכה" איר זאָלט נישט טאָן קיין אַרבעט, וואָלט געדרונגען אַז בלויז טעטיקייטן, וואָס פאַלן אַרונטער אונטערן באַגריף **מלאכה**, זענען פאַרבאָטן, פונוואַנען אָבער ווייסן מיר אַז אויך טעטיקייטן, וואָס זענען בלויז קעגן דעם באַגריף **שבות**, זענען אויך פאַרבאָטן? איז דעריבער געשריבן אין דער תורה **אך את שבתותי תשמורו**, אָבער מיינע שבתים זאָלט איר היטן!

56.—אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן באַגריף **שבות** האָט אונדז גע־געבן דער רמב"ם.

**נאמר בתורה תשבות אפילו מדברים שאינן מלאכה חייב לשבות מהן, ודברים הרבה הן שאסרו חכמים משום שבות, מהן דברים אסורים מפני שהן דומין למלאכות ומה הן דברים אסורים גזרה שמא יבא מהן לידי איסור סקילה.** (רמב"ם ה' שבת כ"א ה"א).

— עס ווערט געזאָגט אין דער תורה **תשבות**, דו דאַרפסט רוען, דאַרפסטו דעריבער זיך אָפּהאַלטן פון וועלכע עס איז טעטיקייטן אפילו אויב זיי פאַלן נישט אַרונטער אונטער קיינעם פון די טיפּן פאַרבאָטענע אַרבעטן, אויב זיי שטערן בלויז דעם **שבת**־רו.

אַ סך טעטיקייטן האָבן טאַקע די חז"ל פאַרבאָטן צוליבן באַ־גריף **שבות**, און דאָס אַזעלכע, וואָס זענען ענלעך צו די פאַרבאָטענע אין דער תורה און אויך אַזעלכע וואָס זיי האָבן פאַרבאָטן בדרך

**גזירה**, ווייל זיי האָבן געקאָנט פירן צו עובר זיין אויף אַרבעטן, וואָס זענען בפירוש פאַרבאָטן.

אויף דעם וועג איז מען אויך דערגאַנגען צו אַ ווייטערדיקן באַגריף, און דאָס איז **עובדא דחול** — **טעטיקייטן פון וואָכעדיקע טעג**, וועלכע באַליידיקן מיט זייער וואָכעדיקייט דעם שבת־רו, אויסער די אויבנדערמאָנטע מאָמענטן, ווערט דאָ אויך גענומען אין אַכט דער מאָמענט פון **טרחא יתירה** — איבעריקע אָנשטרענגונג, הגם עס ווערט דערביי נישט אויסגעפירט קיין שום מלאכה פון די „ל״ט מלאכות, וואָס זענען פאַרבאָטן צו טאָן שבת.

האָט אויך אויף דעם אָנגעוויזן דער רמב״ם, אַז אונדזערע נביאים האָבן געלייגט אַכט אויפן אויבנדערמאָנטן באַגריף **שבות**, וועלכער דרינגט אַרוים פון דעם פאַרבאָט **לא תעשה כל מלאכה**.

און אַזוי זאָגט דער נביא ישעיה:

**אם תשוב משבת רגליך עשות חפציך ביום קדשי וקראת לשבת עונג לקדוש ה׳ מכובד. וכבדתו מעשות דרכיך ממצוא חפצך ודבר דבר.** (ישעי׳ נ״ח י״ג).

— אַז דו וועסט אָפּהאַלטן צוליב שבת דיין פוס, פון טאָן דיינע עסקים אין מיין הייליקן טאָג; און דו וועסט רופן שבת אַ תענוג, דעם הייליקן טאָג פון גאָט געערלעכט; און וועסט אים ערלעכן, נים צו טאָן דיינע גאַנגען, נישט צו געפינען דיר אַן עסק אָדער אָפּרעדן אַ זאַך.

דער נביא נחמיה זאָגט:

**ואריבה את חורי יהודה ואומרה להם מה הדבר הרע הזה אשר אתם עושים ומחללים את יום השבת** (נחמי״ ג׳ י״ז).

— האָב איך זיך געקריגט מיט די אדלליים פון יהודה, און איך האָב צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלעכטע זאַך, וואָס איר טוט, און פאַרשוועכט דעם טאָג פון שבת?

די דאָזיקע האַרבע רייד האָט דער נביא גערעדט דערפאַר וואָס אין יהודה איז פאַרקויפט געוואָרן פיש אום שבת.

ווי עס זאָל נישט זיין, פאַלט דאָך **מקח וממכר**, קויף און פאַרקויף נישט אַרונטער אונטער די „**ל״ט מלאכות** און זיי ווערן נישט אַרומגענומען פון פאַרבאָט **לא תעשה כל מלאכה**; דאָך אָבער פון שטאַנדפּונקט פון **שבות** האָט דער נביא באַטראַכט דאָס האַנדלען אום שבת פאַר אַ **חילול שבת**.

בהסכם מיטן **רמב״ן** זענען איבערגעבליבן פון די צייטן פון עזרא און די **סופרים אויך** אַנדערע טעטיקייטן, וואָס זענען פאַרבאָטן צו

טאָן שבת, אין איינקלאַנג מיטן פאַרבאָט צו שטערן דעם שבת־רו (שבות). — 1)

57.—פירט אויך ווייטער אוים דער רמב"ם:

**אסרו חכמים לטלטל מקצת דברים כדרך שהוא עושה בחול ומפני מה נגעו באיסור זה, אמרו ומה אם הזהירו נביאים וצוו שלא יהיה הילוכך בשבת כהילוכך בחול, ולא שיחת השבת כשיחת החול שנאמר ודבר דבר קל וחומר שלא יהי' טלטול בשבת כטלטול בחול כדי שלא יהיו כיום חול בעיניו ויבוא להגביה ולתקן... שהרי הוא בטל ויושב בביתו ויבקש דבר שיתעסק בו ונמצא שלא שבת ובטל הטעם שנאמר בתורה למען ינוח** (רמב"ם ה שבת פכ"ד הי"ב).

— די חכמים האָבן פאַרבאָטן צו טראָגן געוויסע זאַכן אום שבת, ווי דאָס ווערט געוויינלעך געטאָן אין די וואָכעדיקע טעג. און צוליב וועלכע סיבה האָבן זיי איינגעפירט דעם פאַרבאָט? זיי האָבן געזאָגט: אויב די נביאים האָבן פאַרזאָגט אַז דיין גאַנג אין שבת זאָל נישט זיין ווי דיין גאַנג אין די וואָכעדיקע טעג, אויך דיין רעדן דאַרף נישט זיין שבת, ווי אין די וואָכעדיקע טעג, ווי עס ווערט געזאָגט **ודבר דבר**, אַרומרעדן ענינים, דעריבער טאָרסטו אום שבת נישט טראָגן קיין זאַכן ווי אין די וואָכעדיקע טעג, כדי זאָלסט נישט קומען דערצו אַז דו זאָלסט דאַרפן עפּעס אויפהייבן, פאַרריכטן און באַהאַלטן, ווייל אויב דו זיצסט ליידיק אין שטוב דאַן זוכסטו זיך באַשעפטיקונג און ווילסט זיך נישט אָפּרוען, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה למען ינוח, כדי זאָלסט רוען.

58.—**ועוד כשיבקר ויטלטל כלי' שמלאכתן לאיסור אפשר שיעסק בהן מעט ויבא לידי מלאכה. ועוד מפני שמקצת העם אינן בעלי אומניות אלא בטלין כל ימיהן כגון הטיילין ויושבי קרנות שכל ימיהן הן שובתין ממלאכה ואם יהי' מהלך ומדבר ומטלטל כשאר הימים נמצא שלא שבת שביתה הניכרת לפיכך שביתה מדברים אלו היא שביתה השוה לכל אדם.** (רמב"ם ה' שבת פכ"ד הי"ג).

און אויך אויב ער וועט פאַרשן, וועט אָנגעמען כלים, וואָס דינען פאַר די פאַרבאָטענע אַרבעטן, וואָלט דאַן מעגלעך זיין אַז ער זאָל מיט זיי עפּעס טאָן און ער וועט דערגיין צו טאָן אַרבעט. אויך, צוליב דעם, וואָס אַ טייל מענטשן באַשטייען נישט פון קיין בעלי מלאכה, נאָר פון ליידיק־גייערס, וואָס אַרבעטן נישט זייער גאַנץ לעבן, נאָר זיי לעבן פון דער „לופט", זיי לעבן אויף די עפּנטלעכע

1) (רמב"ן בהשגות על ס' המצות סוף שרש ב').

פלעצער און פאַרנעמען זיך זייער גאַנץ לעבן נישט מיט קיין שום אַרבעט — און אויב זיי וועט דערלויבט זיין אַרומגיין, אַרומריידן און זיך באַנעמען ווי אין די וואָכעדיקע טעג, וואָלט דער רעזולטאַט געווען, אַז די מענטשן (וואָס אַרבעטן נישט), וואָלטן נישט געהאַט קיין מערקבאַרן אָפּרו. דעריבער איז פאַרזאָגט געוואָרן אָפּצולאָזן אַלע עסקים, כדי אַ מערקבאַרער אָפּרו זאָל זיין פאַר אַלעמען.

59.—די גמרא זאָגט אַז פון די סופרים שטאַמט אויך פאָלגנדע משנה:

**בראשונה היו אומרין שלשה כלים נטלים בשבת מקצוע של דבלה וזוהמא ליטרטין של קדרה וסכין קטנה על גבי שלחן התירו והזרו והתירו וחזרו והתירו עד שאמרו כל הכלים נטלים בשבת חוץ מן מסר הגדול ויתד של מחרשה.** — (שבת קכ"ג:).

פריער (אין די צייטן פון נחמיה, ווען דאָס פאָלק האָט וויניק אַכט געלייגט אויף הייליק האַלטן שבת און מען האָט געדאַרפט דעם געפיל פאַר קדושת השבת צוריק איינפלאַנצן אין פאָלק), האָט מען געזאָגט: נאָר דריי כלים זענען דערלויבט אָנצונעמען שבת: אַ מע־סערל פאַר געטריקנטע פייגן, אַ לעפל צו שעפן פון טעפל און אַ טיש־מעסער. מיט דער צייט (ווען עס האָט זיך שוין אָנגעזען דער רע־זולטאַט פון דער אויבנדערמאָנטער באַגרענעצונג, ד. ה. ווען דער כלל האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו האַלטן הייליק דעם שבת,) האָט מען ביסלעכווייז דערלויבט אָנצונעמען אויך אַנדערע כלים ביז זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אַ כלל: אַלע כלים מעגן שבת אָנגענומען ווערן מיטן אויסנאַם פון דער גרויסער זעג און דעם אַקער.

60.—אין דער גמרא ווערט געבראַכט פאָלגנדע באַשרייבונג פון דעם אויסרופן אַז עס קומט אָן שבת קודש:

**שש תקיעות תוקעין ערב שבת, התחיל לתקוע תקיעה ראשונה, נמנעו העומדים בשדה מלעדור, ומלחרוש, ומלעשות כל מלאכה שב־שדות, ואין הקרובין רשאין ליכנס עד שיבואו רחוקין ויכנסו כלם כאחד ועדיין חנויות פתוחות ותריסין מונחין, התחיל לתקוע תקיעה שנייה נסתלקו התריסין וננעלו החנויות ועדיין חמין מונחין על גבי כירה וקדרות מונחות על גבי כירה התחיל לתקוע תקיעה שלישית, סילק המסלק, והטמין המטמין, והדליק המדליק ושוהה כדי צליית דג קטן או כדי להדביק פת בתנור ותוקע ומריע ותוקע ושובת** (שבת ל"ח).

— זעקס תקיעות (זעקס מאָל האָט מען געבלאָזן אין שופר) האָט מען געבלאָזן **ערב שבת.** מען האָט אָנגעהויבן מיט דער ערשטער

תקיעה, האָט מען אויפגעהערט אַרבעטן אויף די פעלדער; מען האָט אויפגעהערט בראַנאַווען, אַקערן און טאָן וועלכע עס איז אַרבעט אין די פעלדער. די נאָנטע (פון שטאָט) האָבן נישט געטאָרט אַריינ־קומען (אין שטאָט), ביז עס זענען נישט געקומען די ווייטע און אַלע צוזאַמען זענען אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין. — און די גע־וועלבער זענען נאָך אָפן און די אויסגעלייגטע סחורות זענען נאָך געלעגן, און עס האָט זיך דערהערט די צווייטע תקיעה, האָט מען צענויפגענומען די אויסגעלייגטע סחורות און מ'האָט פאַרמאַכט די געוועלבער. און די הייסע געקעכצן און די טעפּ זענען נאָך געשטאַ־נען אויפן פייער און ס'האָט זיך דערהערט די דריטע תקיעה. האָט מען זיי אַראָפּגענומען און אָנגעצונדן די ליכט. האָט מען צוגעוואַרט אַזוי פיל, וויפל עס דויערט אָפּבאַקן אַ קליין פישל אָדער אָפּבאַקן ברויט אין אויוון: דערנאָך האָט מען געבלאָזן תקיעה תרועה תקיעה און עס איז געקומען דער שבת.

61.—די דינים פון **קדושת השבת.**

**ארבעה דברים נאמרו בשבת שנים מן התורה ושנים מדברי סופרים והן מפורשין ע"י הנביאים. שבתורה זכור ושמור** (רמב"ם ה' שבת פ"ל ה"א).

זאָגט דער רמב"ם: פיר זאַכן זענען געזאָגט געוואָרן וועגן שבת: צוויי, פון דער תורה און צוויי, פון די תקנות פון די סופרים, וואָס עס ווערט דערקלערט דורך די נביאים. וואָס אין דער תורה ווערט געזאָגט זכור ושמור — **געדענק און היט.**

לאָמיר זיך קודם כל קלאָר זיין וואָס די תורה זאָגט וועגן **שבת.**

**כי אות היא ביני וביניכם לדורותיכם לדעת כי אני ה' מקדי־שכם.** (שמות ל"א י"ד).

וואָרים אַ צייכן איז דאָס צווישן מיר און צווישן אייך, אויף אייע־רע דורות, כדי איר זאָלט וויסן, אַז איך גאָט, הייליק אייך.

דערביי איז אָנגעמערקט אַז פּאַקטיש איז **שבת** אַ דערמאָנונג פון דעם וועלט־בשאַף **(מעשה בראשית)**, ווייל אַזוי שטייט געשריבן אין דער תורה. **כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש** (שמות ל"א י"ז). זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט. — און דערפאַר האָט גאָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט. אָבער גאָט האָט געגעבן די קדושה פון **שבת** בלויז דעם פאָלק ישראל ווי אַן ארב — 1) און דאָס ווערט

1) תלמוד (שבת י').

דייטלעך אויסגעדריקט מיט די ווערטער: **כי אני ה" מקדישכם** — דאָס הייסט אַז מיט קדושה **פון שבת איז בלויז ישראל געוואָרן געהייליקט.**

**קדושת השבת** באַטייט — אַנאַלאָגיש צו דער הייליקייט פון ארט, ווי **ארץ הקדושה**, ירושלים און דער בית המקדש — אַ באַגריף וועגן הייליקייט פון צייט. שבת שטייגט אריבער מיט זיין קדושה אַלע אַנדערע געהייליקטע טעג.

דערפאַר געפינען מיר אין **חומש** זיבן מאָל איבערגעחזרט די געבאָטן וועגן שבת אין זיבן באַזונדערע סדרות **(בשלח, יתרו, משפטים, תשא, ויקהל, אמור, ואתחנן)**. — דערמיט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אַז אַלע זיבן טעג פון דער וואָך אָדער **די גאַנצע צייט אין אַלגעמיין** עקזיסטירט בלויז צוליבן הייליקן **שבת.**

62.—די נביאים אין זייערע ריטמישע שורות, האָבן זיי כסדר געוועקט דאָס פאָלק צו היטן שבת. דער נביא ישעיה (ישעיה נ"ה) זאָגט: **כל שומר שבת מחללו... ומחזיקים בבריתי** (ישעיה נ"ו ב־ה) דער, וואָס היט שבת אים נישט צו פאַרשוועכן... און האַלטן זיך אָן מיין בונד — פון וועלכע עס ווערט קלאָר אַז דער נביא האָט געהאַלטן דאָס אָפּהיטן שבת אַזוי וויכטיק ווי אויפהאַלטן אַ בונד מיט גאָט בכלל.

אַזוי אויך די נביאים **ירמיה** און **יחזקאל** האָבן אין האַרצן פון פאָלק אַריינגעהויכט דעם געפיל פון **קדושת השבת**, ווי אַ באַדינג פאַרן קיום און דערפאָלג.

63.—ווייטער זאָגט דער רמב"ם, אויפנעמענדיק די אויסדרוקן פון תלמוד: **שנים מדברי סופרים... ושנתפרשו ע"י הנביאים כבוד שנאמר וקראת לשבת ענג ולקדוש ה' מכובד** (רמב"ם ה' שבת פ"ל ה"א). — און וואָס עס איז אויפגעקלערט געוואָרן דורך די נביאים, איז **כבוד ועונג** — כבוד און הנאה, ווי עס שטייט געשריבן: „און זאָלסט אָנרופן דעם שבת **עונג** און דעם הייליקן טאָג פון דעם אייביקן, זאָלסטו אָפּגעבן **כבוד.**

46.—**אי זה כבוד זה שאמרו חכמים שמצוה על אדם לרחוץ פניו, ידיו ורגליו בחמין לכבוד שבת ומתעטף בציצית ויושב בכובד ראש מיחל להקבלת פני השבת כמו שהוא יוצא לקראת המלך, וחכמים הראשונים היו מקבצין תלמידיהם בערב שבת ומתעטפים ואומרים בואו ונצא לקראת שבת המלך.** — (רמב"ם ה" שבת פ"ל ה"ב).

ווי אַזוי (דאַרף זיך אויסדריקן) דער כבוד? אַט וואָס עס האָבן

געזאָגט אונדזערע חכמים: עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן דעם מענטשן, אַז ער זאָל וואַשן ערב שבת זיין פּנים, הענט און פיס אין וואַרעמע וואַסער לכבוד שבת; ער האָט זיך איינגעהילט אין טלית און זיך געזעצט ערנסט אָפּוואַרטן דעם אָנקומען פון שבת, אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען מקבל פּנים זיין אַ מלך.

אַמאָל פלעגן די חכמים צוזאַמענקלייבן זייערע תלמידים ערב שבת; פלעגן זיך אָנטאָן יום טובדיקע בגדים און אויסרופן: **לאָמיר אַרויסגיין מקבל פּנים זיין דעם מלך — שבת!**

ווייטער זאָגט דער רמב״ם:

**ומכבוד שבת שילבש כסות נקי׳ ולא יהי׳ מלבוש החול כמלבוש השבת ואם אין לו להחליף ישלשל טליתו כדי שלא יהא מלבושו כמ־לבוש החול ועזרא תיקן שיהו העם מכבסים בחמישי מפני כבוד השבת** (רמב״ם פ״ל ה׳ שבת ה״ג).

עס פאָדערט אויך דער כבוד פון שבת, אָנצוטאָן אַ ריינעם מל־בוש און אַז דער שבתדיקער מלבוש זאָל נישט זיין אַזאַ ווי דער וואָכעדיקער. און אויב איינער פאַרמאָגט נישט קיין מלבוש איבער־צובייטן, זאָל ער אים אָנטאָן אויף אַן אַנדער אופן, נישט געוויינ־לעך (ווי אין די וואָכעדיקע טעג), און עזרא האָט איינגעפירט, אַז דאָס פאָלק זאָל דאָנערשטיק וואַשן די וועש לכבוד שבת.

56.—**אי זה עונג זהו שאמרו חכמים שצריך לתקן תבשיל שמן ביותר ומשקה מבושם לשבת הכל לפי ממונו של אדם וכל המרבה בהוצאות שבת ובתיקון מאכלים רבים וטובים הרי זה משובח. —** (רמב״ם פ״ל ה׳ שבת ה״ז).

אין וואָס באַשטייט דער **עונג שבת?** דאָס וואָס עס האָבן געזאָגט די חכמים. אַז מען דאַרף צוגרייטן די געשמאַקסטע מאכ־לים און אַ געשמאַקע משקה, און דאָס — לויט די מעגלעכקייטן פון די מענטשן. לויב פאַרדינט דער, וואָס גיט אויס אַ סך לכבוד שבת און גרייט צו אַ סך און פון די בעסטע מאכלים.

66.—די משנה זאָגט:

**שלשה דברים צריך אדם לומר בתוך ביתו ערב שבת עם חשי־כה עשרתם עירבתם הדליקו את הנר;** (שבת ל״ד).

דריי ענינים דאַרף דער מענטש דערמאָנען ביי זיך אין הויז **ערב שבת,** ווען עס ווערט טונקל: צי האָט איר אָפּגעגעבן מעשר? (פון וואָס עס איז געווען אָפּהענגיק דאָס רעכט צו באַנוצן די פּראָ־דוקטן). צי האָט איר איינגעאָרדנט דעם עירוב? (בנוגע באַוועגן זיך שבת). צינדט אָן ליכט!

76.—דערקלערט דער רמב"ם:

**הדלקת נר בשבת אינה רשות אם רצה מדליק ואם רצה אינו מדליק ולא מצוה שאינו חייב לרדוף אחרי'... אלא חובה ואחד אנ־שים ואחד נשים חייבין להיות בבתיהן נר דלוק בשבת אפילו אין לו מה יאכל, שואל על הפתחים ולוקח שמן ומדליק את הנר שזה בכלל עונג שבת וחייב לברך קודם הדלקה... להדליק נר של שבת, כדרך שמברך על כל הדברים שהוא חייב בהם מדברי סופרים.** (רמב"ם ה' שבת פ"ה ה"א).

צינדן ליכט לכבוד שבת איז נישט קיין פרייוויליקייט, — עס איז אויך נישט עפּעס אַן אַנגעזאָגטע מצוה, צו וועלכער מען זאָל נישט זיין שטאַרק פאַרפליכטעט נאָר עס איז אַ (חובה), סיי מענער, סיי פרויען, זענען פאַרפליכטעט צו צינדן ליכט לכבוד שבת, און אפילו איינער וואָס האָט נישט וואָס צו עסן, דאַרף גיין איבער די הייזער, בעטן אויף שבת-ליכט, ווייל דאָס איז אַ דין, וואָס גייט אַריין אין **עונג שבת**. — און מען דאַרף מאַכן אַ ברכה פאַרן ליכט־צינדן, ווי מען מאַכט אַ ברכה איבער אַלע אַנדערע ריטועלע אַקטן, וואָס זענען איינגעפירט געוואָרן דורך די **סופרים**.

69.—**במה מדליקין ובמה אין מדליקין לא בלכש ולא בחוסן ולא בכלך ולא בפתלת האידן ולא בפתילת המדבר ולא בירוקה שעל פני המים. ולא בזפת ולא בשעוה ולא בשמן קיק.** (שבת כ').

— מיט וואָס דאַרפן די ליכט געצונדן ווערן און מיט וואָס טאָרן זיי נישט געצונדן ווערן? מען צינדט נישט אָן מיט קיין באָוול פון הויכע ביימער, נישט מיט רויען לייַן, נישט מיט קיין אָפּפאַל פון זייד, און נישט מיט קיין באָוול פון קוסטעס, און נישט מיט קיין גראָזן פון סטעפּעס און נישט מיט קיין וואַסער-גראָזן (דאָס באַציט זיך צו די קנויטן — דער ווייטערדיקער טייל גיט זיך אָפּ מיטן ברען־שטאָף), נישט מיט קיין וואַקס (צעשמאָלצן אין אַ כלי) און נישט מיט קיין פעטס פון אויסגעקוועטשטן אוילבירטן.

69.—**ת"ר זכור את יום השבת לקדשו זוכרהו על היין בכניסתו, אין לי אלא בלילה ביום מנין ת"ל לומר זכור את יום השבת** (פסחים ק"ו).

אין דער תורה ווערט אַנגעזאָגט: געדענק דעם טאָג שבת אים צו הייליקן. הייסט עס, אַז מען דאַרף הייליקן דעם שבת מיט וויין, ווען ער קומט אָן. ווייס איך דערפון, אַז אין אָוונט, **בכניסתו** — ווען ער קומט אָן, דאַרף מען מאַכן קידוש. פון וואַנען ווייסן מיר, אַז אויך אינדערפרי דאַרף מען מאַכן קידוש? שטייט דאָן געשריבן:

**זכור את יום השבת** — דערמאָן דעם טאָג שבת, איז דעריבער דער חוב צו היילִיקן אויך דעם טאָג.

איז אַלזאָ די עסענץ גופא פון קידוש — **מן התורה**, פאַרזאָגט אין חומש, בלויז די פאָרעם פון קידוש איז געשאַפן געוואָרן דורך די **אנשי כנסת הגדולה**.

70.—און אזוי זאָגט די גמרא:

**אנשי כנסת הגדולה תקנו להם לישראל ברכות ותפלות קדושות והבדלות. בתחלה קבעוה בתפלה העשירו קבעוה. על הכוס חזרו והענו קבעוה בתפלה והם אמרו המבדיל בתפלה צריך שיבדיל תכוס.**

די **אנשי כנסת הגדולה** האָבן איינגעפירט אין ישראל ברכות, תפילות, קדושות (פאַר שבת און יום טוב) און הבדלות (צעטיילונ-גען), ד. ה. ברכות נאָכן אַוועקגיין פון שבת אָדער יום טוב, כדי אונטערצושטרייכן זייער אונטערשיד פון די וואָכעדיקע טעג. די דאָ-זיקע הבדלות זענען אין אָנהייב געשאַפן געוואָרן דורך תפילות (**אתה חוננתנו**), אָבער אַז עס איז געוואַקסן דער וואוילזיין, האָבן זיי עס איינגעשטעלט ביי אַ כוס וויין און ווען דער וואוילזיין איז ווידער געפאַלן, האָט מען עס ווידער איינגעשטעלט אין די תפילות. דערביי האָבן זיי געזאָגט, אַז נאָכדעם ווי הבדלה איז געזאָגט געוואָרן אין דער תפילה, דאַרף נאָך די הבדלה געמאַכט ווערן איבער וויין.

עס איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך די **סופרים** אַז דער וויין, וואָס ווערט באַנוצט צום קידוש דאַרף האָבן די זעלביקע אייגנשאַפט, ווי עס וואָלט געווען וויין וואָס ווערט גענוצט פאַרן אַ קרבן אויפן מזבח אין בית המקדש. ווייל אין תלמוד ווערט געזאָגט: **יין הראוי לנסכן על גבי המזבח** (ב"ב צ"ז).

קידוש מוז געמאַכט ווערן דורכווים אויפן אָרט פון דער סעודה.
**אין קידוש אלא במקום סעודה** (פסחים ק"א).

עס באַגרינדן דאָס דער רי"ף און דעם **רשב"ם** דערמיט, וואָס אין די כתבי הקודש איז געשריבן **וקראת לשבת עונג**, זאָלסט אוים-רופן דעם שבת ווי אַן עונג. אַלזאָ דאַרף זיין **וקראת לשבת**, אויסרופן דעם שבת, ד. ה. קידוש און באַלד דערנאָך — **עונג** — די שבתדיקע סעודה. (רשב"ם ע"פ ק"א).

71.—**כופין בני העיר זה את זה לבנות ביניהן בית הכנסת ולקנות להם ספר תורה נביאים וכתובים** (תוספתא מביאה הרי"ף סוף פ"ק דב"ב).

עס צווינגען אַרויף די מענטשן פון שטאָט איינער דעם אַנדערן צוזאַמען צו בויען אַ שול — אַ **בית הכנסת** (אַ זאַמל-הויז), צו קויפן

א ספר תורה און די כתבי הקודש. די פאנדן דערצו דארפן געזאמלט ווערן אויף אזא אופן, אז א העלפט פון די קאסטן ווערט ארויפגע־לייגט גלייך אויף אלע נפשות, און די אנדערע העלפט ווערט ארויפ־געלייגט אויף די רייכערע, לויט זייערע מעגלעכקייטן.

דער דאזיקער פרינציפ דריקט זיך אויס אין דעם זאץ: חציה לפי ממון וחצי׳ לפי נפשות.

72.—מצות עשה להתפלל בכל יום שנאמר ועבדתם את ה׳ אל׳ מפי השמועה למדו שעבודה זו היא תפלה... ואין משנה התפלה הזאת מן התורה ואין לתפלה זמן קבוע מן התורה (רמב״ם ה׳ תפלה פ״א ה״א).

— עס איז א געבאט פון דער תורה תפלה צו טאן יעדן טאג, ווייל עס איז געזאגט אין חומש: און איר זאלט דינען אייער אייביקן גאט, לערנט מען פון דער טראדיציע, אז די דינסט, איז די תפילה... און דער אופן פון דער תפילה און די צייט זענען נישט מן התורה.

73.—אם הי׳ רגיל מרבה בתחנה ובקשה ואם הי׳ ערל שפתים מדבר כפי יכלתו ובכל עת שירצה וכן מנין התפלות כל אחד כפי יכלתו יש מתפלל פעם אחת ביום ויש מתפללים פעמים הרבה... וכן היו הדברים תמיד ממשה רבינו עד עזרא (רמב״ם שם).

— אויב איינער איז געווען געוואוינט, האט ער מער מתפלל גע־ווען, און אויב איינער איז געווען שווער אויפן לשון, האט ער גע־דאוונט וויפל ער האט געקענט און ווען ער האט צייט געהאט אויך די צאל פון די תפילות איז געווען לויט דער מעגלעכקייט פון יעדער פערזאן. איינער האט מתפלל געווען איין מאל און אן אנדערער — מערער מאל אין טאג... און אזוי איז עס געווען פון משה רבינו ביז עזרא הסופר.

74.—כיון שגלו ישראל בימי נבוכדנצר הרשע נתערבו בפרס ויון ושאר האומות ונולדו להם בנים בארצות הגויים ואותן הבנים נת־בלבלו שפתיהם והיתה שפת כל אחד ואחד מעורבת מלשונות הרבה וכיון שהי׳ מדבר אינו יכול לדבר כל צורכו בלשון אחת אלא בשי־בוש... ומפני זה כשהי׳ אחד מהם מתפלל תקצר לשונו לשאול חפציו או להגיד שבח הקדוש ברוך הוא בלשון הקודש עד שיערבו עמה לשונות אחרות וכיון שראה עזרא ובית דינו כך עמדו ותקנו להם שמונה עשרה ברכות על הסדר שלש ראשונות שבח לה׳ ושלש אח־רונות הודי׳ ואמצעות יש בהן שאלת כל הדברים... כדי שיהיו ערו־כות בפי הכל (רמב״ם ה׳ תפלה ה״ד).

— נאָכדעם ווי די בני ישראל זענען פאַרטריבן געוואָרן דורך נבוכדנצר הרשע (קיין בבל), האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט פערסן און יונים, און מיט אַנדערע פעלקער און דעריבער איז געקומען אַ צעמישעניש פון דער שפּראַך, בעיקר ביי די יונגע קינדער, וואָס זע־נען געבוירן געוואָרן אין די לענדער, האָט שוין דער נייער דור גע־האַט אַ צעמישטע שפּראַך, און עס איז שוין געווען אַ סך וואָס האָבן נישט געקאָנט רעדן אויף איין שפּראַך, נאָר זיי האָבן זיך באַנוצט טיילווייז מיט דער אייגענער שפּראַך און טיילווייז מיט דער פרעמ־דער שפּראַך אין אַ שלעכטער פאָרעם. — זיי האָבן אַלזאָ נישט גע־האַט קיין מעגלעכקייט אויסצודריקן אין אַ תפילה אַלע זייערע פאַר־לאַנגען, צער און שטרעבונגען. עזרא און זיין בית דין האָבן דערזען אַזאַ מצב, האָבן זיי איינגעפירט די תפילה שמונה עשרה, אַכצן ברכות, פון וועלכע: די ערשטע דריי ברכות זענען אַ לויב צום איי־ביקן, די לעצטע דריי — אויך אַ לויב צו גאָט און אין מיטן, אַנט־האַלטן די תפילות אַלע פאַרלאַנגען, סיי פון יחיד, סיי פון כלל...

אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן אַן איינהייטלעכע תפילה פאַר אַלעמען, סיי פאַר די, וואָס האָבן אַ שאַרפן לשון, סיי פאַר די, וואָס קאָנען זיך נישט אויסדריקן.

75.—די ברכות פון אינדערפרי און פון אָוונט.

**בשחר מברך שתים לפניה ואחת לאחריו ובערב מברך שתים לפניה ושתים לאחרי' אחת ארוכה ואחת קצרה מקום שאמרו לה־אריך אינו רשאי לקצר, לקצר אינו רשאי להאריך לחתום אינו רשאי שלא לחתום, שלא לחתום אינו רשאי לחתום.** (ברכות י"א).

אין דער פרי זאָגט מען צוויי ברכות, איינע פאַר **קריאת שמע** און אַ צווייטע נאָך קריאת שמע; אין אָוונט — צוויי פאַר **קריאת שמע** און צוויי נאָך קריאת שמע. און דאָס, איז נאָך **קריאת שמע** איז איין ברכה אַ לענגערע און די צווייטע — אַ קירצערע. דאָרט וואו עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ לענגערע ברכה, טאָר מען נישט פאַרקירצן און דאָרט וואו אַ קירצערע ברכה, טאָר מען נישט פאַר־לענגערן. אַזוי אויך, וואו עס איז באַשטימט געוואָרן צו ענדיקן מיט **ברוך**, דאַרף מען אַזוי פאַרענדיקן און דאָרט וואו עס איז נישט באַ־שטימט געוואָרן צו פאַרענדיקן מיט **ברוך**, טאָר מען אַזוי נישט פאַרענדיקן.

76.—אין פאַרבינדונג מיט דער משנה, זאָגט דער רמב"ם:

**ברכות אלו עם שאר כל הברכות הארוכות בפי כל ישראל עזרא הסופר ובית דינו תקנום ואין אדם רשאי לפחות מהם ולא להוסיף**

**עליהם... כללו של דבר כל המשנה ממטבע שטבעו חכמים בברכות הרי זה טועה וחוזר ומברך כמטבע** (רמב"ם ה' ק"ש ה"ז).

— די ברכות צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ברכות האָט געשאַפן עזרא הסופר און זיין בית דין, און דעריבער טאָר קיינער נישט עפּעס אַראָפּנעמען אָדער, עפּעס צולייגן... דער כלל פון דער זאַך איז, אַז ווער עס ענדערט עפּעס אין אַ ברכה — ווי אין אַ מטבע וואָס די חכמים האָבן אויסגעשלאָגן, דער האָט אַ טעות געמאַכט און ער דאַרף נאָכאַמאָל איבערחזרן די ברכה, געענוי לויטן נוסח פון די **סופרים.**

77.—ברכות פאַרן עסן און פאַר וועלכן עס איז געברויך — **ברכות הנהנין.**

**ומדברי סופרים שיברך על המאכל תחלה ואחר כך יהנה ממנו** (רמב"ם ה' ברכות פ"א ה"ב).

די סופרים האָבן איינגעשטעלט ברכות, וועלכע עס איז אַ חוב צו זאָגן פאַרן עסן אָדער אַנדער געברויך.

78.—**קריאת התורה.**

דער רמב"ם זאָגט וועגן קריאת התורה:

**משה רבינו תיקן להם לישראל שיהו קורין בתורה ברבים בשבת ובשני ובחמישי בשחרית כדי שלא ישהו שלשת ימים בלא שמיעת התורה, ועזרא תיקן שיהו קורין במנחה בכל שבת משום יושבי קר־נות וגם הוא תיקן שיהו קורין בשני ובחמישי שלשה בני אדם ולא יקראו פחות מעשרה פסוקים** (רמב"ם ה' תפלה פי"ב ה"א).

משה רבינו האָט איינגעשטעלט פאַר ישראל, אַז מען זאָל לייענען אין דער תורה פאַרן עולם, שבת, מאָנטיק און דאָנערשטיק אינדער־פרי, כדי עס זאָלן נישט דורכגיין קיין דריי טעג אָן הערן די תורה. און עזרא האָט איינגעפירט אַז מען זאָל אויך לייענען די תורה שבת פאַרנאַכט צו מנחה צוליב די, וואָס זענען פאַרנומען און קאָנען מאָנ־טיק און דאָנערשטיק נישט זיין ביי דעם לייענען די תורה. עזרא האָט אויך איינגעפירט אַז מאָנטיק און דאָנערשטיק דאַרפן לייענען דריי מענטשן און נישט ווייניקער פון דריי פסוקים פון דער תורה.

79.—די משנה זאָגט אין דער הינזיכט:

**בשני ובחמישי בשבת במנחה קורין שלשה אין פוחתין ואין מוסיפין עליהם ואין מפטירין בנביא, הפותח והחותם בתורה מברך לפני' ולאחרי' זה הכלל כל שיש בו מוסף ואינו יום טוב קורין אר־בעה ביום טוב חמשה ביום הכפורים ששה בשבת שבעה אין פוחתין**

**מהם אבל מוסיפין עליהן ומפטירין בנביא הפותח והחותם בתורה מברך לפני' ולאחרי'.** (מגילה כ"א).

מאַנטיק און דאָנערשטיק און שבת פאַרנאַכט (צו מנחה) לייענען דריי מענטשן נישט מער און נישט ווייניקער און מען לייענט נישט קיין אַפּשניט פון אַ נביא, וואָס רופט זיך מפטיר, אָדער הפטרה, (די סופרים האָבן איינגעפירט נאָכן לייענען די תורה, מפטיר זיין און לייענען פון אַ נביא — (די הפטרה). פאַרן לייענען די תורה און נאָכן לייענען, מאַכט מען אַ ברכה, דעם ערשטן טאָג פון חודש (ראש חודש) און אין די וואָכעדיקע טעג צווישן די ימים טובים (חול המועד) לייענען פיר די תורה, נישט מער און נישט ווייניקער און מען לייענט נישט קיין הפטרה. פאַרן לייענען און נאָכן לייענען מאַכט מען די ברכות.

און דאָס איז דער כלל: אין די טעג, אין וועלכע מען איז מקריב דעם קרבן מוסף (אַ צוגאָב-קרבן) און וועלכע זענען נישט קיין פייער־לעכע ימים טובים, לייענען פיר. אין פייערלעכע ימים טובים לייע־נען פינף, יום כיפור לייענען זעקס, שבת — זיבן, נישט ווייניקער, אָבער מעגלעך אויך מער; מען לייענט די הפטרה, און פאַר און נאָכן לייענען מאַכט מען די ברכות.

08.—דער באַגריף מנין — (צען פּערזאָן).

זאָגט די משנה:

**אין פורסין על שמע ואין עוברין לפני התיבה ואין נושאין את כפיהם ואין קורין בתורה ואין מפטירין בנביא ואין עושין מעמד ומושב ואין אומרים ברכות אבלים ותנחומי אבלים וברכת חתנים ואין מזמנין בשם פחות מעשרה.** — (מגילה כ"ג).

— מען טאָר נישט פאַרלייענען קריאת שמע און מען טאָר ניט גיין דאַווענען פאַרן עמוד און די כהנים טאָרן נישט דוכענען און מען טאָר נישט לייענען די תורה און זאָגן די הפטרה און מען טאָר ניט מאַכן אַ שטיי אָדער אַ זיץ (מעמד או מושב) ביי אַ קבורה און מען זאָגט נישט די ברכה פאַר אבלים און די טרייסט פאַר אבלים און די ברכה פאַר אַ חתן (די שבע ברכות) און מען בענטשט נישט מיט דעם שם מיט ווייניקער פון צען מענטשן.

91.—**ארבע פרשיות** אָדער די דריי ספּעציעלע פרשיות פון דער תורה, וואָס דאַרפן געלייענט ווערן.

די משנה זאָגט:

**ר"ח אדר שחל להיות בשבת קורין פרשת שקלים... בשני זכור בשלישית פרה אדומה ברביעית החודש הזה לכם** (מגילה כ"ט).

— אויב ראש חודש אדר פאַלט אויס אום שבת, לייענט מען די פרשה שקלים...

דעם צווייטן שבת דערנאָך (ד. ה. שבת פאַר פורים) לייענט מען זכור, דעם דריטן שבת (שבת נאָך פורים) לייענט מען די פרשה פרה אדומה, אין פערטן שבת (שבת פאַר ראש חודש ניסן) לייענט מען די פרשה „החודש הזה לכם".

82.—הלל — די לויב-תפילה.

א ברייתא דערציילט:

ת"ר הלל זה מי אמרו ר"א אומר משה וישראל אמרוהו בשעה שעמדו על הים אמרו לא לנו ה' לא לנו ורוח הקודש משיבה ואומרה להם למעני אעשה. ר"י אומר יהושע וישראל אמרוהו בשעה שעמדו עליהן מלכי כנען וכו' רבי אלעזר המודעי אומר דבורה וברק אמרוהו בשעה שעמד עליהם סיסרא וכו' ר"א בן עזרי' אומר חזקי' וסיעתו אמרוהו בשעה שעמד עליהם סנחריב. ר"ע אומר חנניי מי־שאל ועזריי אמרוהו בשעה שעמד עליהם נבוכדנצר הרשע וכו' ר' יוסי הגלילי אומר מרדכי ואסתר אמרוהו בשעה שעמד עליהם המן הרשע וכו' וחכמים אומרים שנביאים שביניהן תקנו להם לישראל שיהו אומרים על כל פרק ופרק ועל כל צרה וצרה שלא תבוא עליהן לישראל ולכשנגאלין אומרים אותו על גאולתן (פסחים קי"ז).

אונדזערע חכמים האָבן געלערנט:

דעם הלל — ווער האָט געזאָגט (דער ערשטער)?

רבי אליעזר זאָגט: משה און ישראל האָבן אים געזאָגט דאַן ווען זיי זענען געשטאַנען איבערן ים. זיי האָבן געזאָגט: לא לנו, לא לנו.

— נישט פאַר אונדז, נישט פאַר אונדז און דער רוח הקודש האָט געענטפערט: למעני — פאַר זיך וועל איך עס טאָן! (תהילים).

רבי יהודה זאָגט: יהושע און ישראל האָבן געזאָגט הלל אין דעם מאָמענט, ווען עס זענען קעגן זיי אַרויסגעקומען די מלכים פון כנען.

רבי אליעזר המודעי זאָגט: דבורה און ברק האָבן געזאָגט הלל אין דער צייט, ווען קעגן זיי איז אַרויסגעטרעטן סיסרא א. א. וו.

רבי אליעזר בן עזריה זאָגט: דער מלך חזקיהו און זיין סוויטע, בעת עס איז אַרויסגעקומען קעגן אים סנחריב מלך אשור א. א. וו.

רבי עקיבא זאָגט: חנניה, מישאל און עזריה האָבן געזאָגט הלל אין דער צייט, ווען דער רשע נבוכדנצר איז ארויס קעגן זיי...

רבי יוסי הגלילי זאָגט: מרדכי און אסתר האָבן געזאָגט הלל ווען המן הרשע איז אויפגעשטאַנען קעגן זיי...

אונדזערע חכמים זאָגן: די נביאים פון זייער צייט האָבן איינגע־

פירט פאַר ישראל צו זאָגן הלל אין פאַרשידענע צייטן, אין אַ צרה וואָס זאָל נאָר נישט טרעפן פאַר ישראל, און ווען עס קומט דאָן די גאולה, זאָל מען אויך זאָגן הלל אויף דער גאולה.

83.—בדיקת חמץ — זוכן חמץ.

אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר כל מקום שאין מכניסין בו חמץ אין צריך בדיקה (פסחים ב).

אין דער נאַכט פון פערצנטן טאָג (אין ניסן) דאַרף מען זוכן חמץ (ד. ה. נאָכן טאָג פון 13-טן ניסן) ביי אַ ליכטל. אין ערטער, וואו עס ווערט נישט אַריינגעטראָגן קיין חמץ, דאַרף מען ניט זוכן.

84.—סדר — די סדר-נאַכט.

עס איז פאַראָרדנט אין דער משנה:

ערבי פסחים סמוך למנחה לא יאכל אדם עד שתחשך. אפילו עני שבישראל לא יאכל עד שיסב ולא יפחתו לו מארבע כוסות של יין ואפילו מן התמחוי. (פסחים צ"ט).

ערב פסח נאָך מיטאָג-צייט (נאָענט צו דער צייט, ווען עס ווערט געבראַכט דער קרבן מנחה) ד. ה. פון 1 אַ זייגער נאָך מיטאָג טאָר קיינער נישט עסן ביז עס ווערט טונקל (ביזן סדר). אפילו דער אָרעמס־טער ביי יידן, טאָר נישט עסן אַנדערש ווי אָנגעלענט (ווי אַ צייכן פון פרייהייט) אין די צייטן פון די סופרים האָבן בלויז די הארן גע־געסן אָנגעלענט). אפילו דער אָרעמסטער מוז אויסטרינקען פיר כו־סות (די ארבע כוסות) וויין, אפילו אַזאַ וואָס נעמט צדקה פון קהל.

85.—לויט דער משנה איז דער ערשטער כוס באַשטימט פאַר קידוש. (פסחים קי"ד).

די משנה וואָס באַציט זיך אויפן צווייטן כוס, דערקלערט: מזגו לו כוס שני וכאן הבן שואל ואם אין דעת בבן אביו מלמדו (פסחים קט"ז).

— ער גיסט אָן דעם צווייטן כוס, און דער זון פרעגט דעם טאַטן און אויב דער זון ווייס נישט, דאַרף אים דער טאַטע לערנען. (דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם באַקאַנטן טעקסט פון מה נשתנה).

86.—ולפי דעתו של בן אביו מלמדו מתחיל בגנות ומסיים בשבח.

און לויט דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון זון, דאַרף אים דער טאַטע לערנען. ער הויבט אָן די הגדה פון די נעגאַטיווע מאָמענטן, ווען „אונדזערע עלטערן האָבן געדינט פרעמדע געטער" (מתחלה עובדי ע"ז היו אבותינו) און ער ענדיקט מיט יציאת מצרים און הלל פאַר דער גאולה.

87.—**מוזגין לו כוס שלישי מברך על מזונו רביעי גומר עליו את ההלל (פסחים קי"ז).**

עס ווערט אָנגעגאָסן דער דריטער כוס און מען בענטשט נאָכן עסן, עס ווערט אָנגעגאָסן דער פערטער כוס און מען זאָגט **הלל.**

88.—די מדרגות פון קדושה פון ארט:

**עשר קדושות הן ארץ ישראל מקודשת מכל הארצות... עיירות המוקפות חומה מקודשות ממנה שמשלחים מתוכה את המצורעים... לפנים מן החומה מקודש מהם... הר הבית מקודש ממנו... עזרת ישראל מקודשת ממנו... בין האולם והמזבח מקודש ממנה... ההיכל מקודש ממנו... קודש הקדשים מקודש ממנו שאין נכנס לשם אלא כהן גדול ביום הכפורים בשעת העבודה (כלים פ"א מ"ו).**

— צען הייליקע ערטער זענען פאַראַן, ארץ ישראל איז הייליקער פון אַלע לענדער... די שטעט וואָס זענען אַרומגערינגלט מיט אַ מויער זענען הייליקער פון איר (פון אַנדערע ערטער אין ארץ ישראל), דערמיט וואָס מען האָט פון דאָרט אַרויסגעשיקט די מצורעים... אינעווייניק פון דעם מויער (אין ירושלים) איז הייליקער פון זיי (פון די אַנדערע אַרומגעמויערטע שטעט)... דער הר הבית איז הייליקער (פון דער שטאָט ירושלים)... **עזרת ישראל** איז הייליקער פון איר (פון עזרת נשים...

צווישן אולם און מזבח איז הייליקער... דער היכל (דער זאַל פון בית המקדש) איז הייליקער פון אים... דער קודש הקדשים איז הייליקער פון אים, דערמיט וואָס קיינער איז דאָרט נישט אַריינגעקומען אויסער דעם כהן גדול יום כפור ווען ער גייט טאָן די עבודה.

89.—**וועגן נטילת ידים** — וואַשן די הענט, זאָגט די משנה:

**נוטלין לידים לחולין ולמעשר ולתרומה ולקודש מטבילין ולחטאת אם נטמאו ידיו נטמא גופו.** — (חגיגה י"ח).

מען וואַשט די הענט (דורך אָפּגיסן) כדי צו געניסן פון שפייז, (דער לוי) — צום מעשר, (דער כהן) — צו תרומה, צו געניסן פון דער הייליקייט פון בית המקדש (פון קרבן **שלמים**) דאַרפן מען איינטונקען די הענט, (אין מקוה פון בית המקדש), און בנוגע **מי חטאת,** דאָס שפּרענגוואַכער אָפּצורייניקן פון טומאה דאַרף מען דעם גאַנצן גוף טובלען אין וואַסער.

90.—**הטובל לחולין והוחזק לחולין אסור למעשר טבל למעשר והוחזק למעשר אסור לתרומה. טבל לתרומה והוחזק לתרומה אסור לקודש. טבל לקודש והוחזק לקודש אסור לחטאת. טבל לחמור מותר לקל. טבל ולא הוחזק כאילו לא טבל.** (חגיגה י"ח).

אויב איינער האָט זיך געטובלט אין וואַסער, כדי צו געניסן פון געוויינלעכע שפּייז, (נישט קיין היליקע), איז עס ניט גענוג כדי צו געניסן פון מעשר. אויב ער האָט זיך געטובלט כדי צו געניסן פון מעשר, איז נישט גענוג די **טבילה** צו געניסן פון **תרומה**. אויב ער האָט זיך געטובלט כדי צו געניסן פון תרומה, איז נישט גענוג די טבילה צו געניסן פון קודש קדשים. אויב ער האָט זיך געטובלט כדי צו געניסן פון קודש קדשים, איז די טבילה נישט גילטיק בנוגע צו **מי חטאת**. — האָט ער זיך געטובלט פאַר קדושה, איז עס גילטיק פאַר וויניקער קדושה. אויב ער האָט זיך **סתם** געטובלט; ד. ה. אָן וועלכן עס איז צוועק, איז עס ווי ער וואָלט זיך בכלל נישט געטובלט.

91.—**בגדי עם הארץ מדרס לפרושין, בגדי פרושין מדרס לאוכלי תרומה, בגדי אוכלי תרומה, מדרס לקודש, בגדי קודש מדרס לחטאת. יוסף בן יועזר הי׳ חסיד שבכהונה והיתה מטפחתו מדרס לקודש, יוחנן בן גודגדא היי אוכל על טהרת הקודש כל ימיו והיתה מטפחתו מדרס לחטאת.** (חגיגה י״ח).

די בגדים פון אַ פּראָסטן מענטשן זענען טמא פאַר די פּרושים (ד. ה. אויב איינער פון די פּרושים זאָל זיך צו זיי צורירן, דאַרף ער זיך באַלד טובלען אין וואַסער. די בגדים פון די פּרושים זענען טמא פאַר די וואָס עסן תרומה. די בגדים פון די וואָס עסן תרומה זענען טמא פאַר די וואָס געניסן פון קודש. די בגדים פון די וואָס עסן פון קודש זענען טמא פאַר די וואָס דאַרפן זיך באַשעפטיקן ביים מי חטאת.

יוסף בן יועזר איז געווען אַ חסיד צווישן די כהנים און דאָך איז זיין בגד געווען טמא פאַר אַ פּערזאָן, וועלכע האָט געדאַרפט געניסן פון קודש.

יוחנן בן גודגדא צוליב זיין פּאַרזיכטיקייט, זענען זיינע בגדים געווען טמא בלויז פאַר מי חטאת.

ד.

## איניקע דינים פון פאַמיליע-רעכט.

92.—זאָגט די משנה:

**האשה נקנית בשלש דרכים... נקנית בכסף, בשטר ובביאה.** (קי-דושין ב.)

— די פרוי ווערט דאָס ווייב פון איר מאַן דורך דרייערליי וועגן, מיט געלט, מיט אַ שטר אָדער מיט ביאה (דורך קומען צו איר).

אויף דעם זאָגט דער רמב״ם:

**בביאה ובשטר מן התורה ובכסף מדברי סופרים** (רמב״ם פ״א ה׳ אישות ה״ב).

באַקומען די פרוי דורך קומען צו איר און דורך אַ קאָנטראַקט זענען פאַרזען אין דער תורה, אָבער דאָס באַקומען אַ פרוי דורך געלט, איז איינגעפירט געוואָרן דורך די **סופרים**.

די גמרא קלערט אויף, אַז „קומען" איז דייטלעך דערמאָנט אין חומש דורכן אויסדרוק **ובעלה** (ד. ה. **דורך באַציאונגען**) (קידושין ד.)

בנוגע דעם **שטר** (קאָנטראַקט) דערקלערט די גמרא, אַז דער אופן פון באַקומען אַ פרוי, ווערט אַרויסגעדרונגען פון דער תורה דורך היקש, (זע אויבן זייט 10), און אַזוי איז וועגן דעם געזאָגט אין דער תורה:

**ויצאה מביתו והלכה והיתה לאיש אחר** (דברים כ״ד ב׳).

— און זי וועט אַוועק פון זיין הויז, און גיין און ווערן אַ פרוי צו אַן אַנדערן מאַן.

אַזוי ווי **ויצאה**, דאָס אַרויסגיין פון איר מאַן, קומט פאַר נאָר דורך אַ ספר דורך אַ שריפטלעכן דאָקומענט — **אַ גט**, אַזוי קאָן אויך זיין **והיתה**,) זי וועט ווערן אַ ווייב, אויך דורך אַ דאָקומענט, ד. ה. אַ קאָנטראַקט (**אַ כתובה**).

בנוגע דער פאָרעם **כסף**, דערקלערט די גמרא:

**גמר קיחה קיחה משדה עפרון כתיב הכא כי יקח איש אשה וכתיב התם נתתי כסף השדה קח ממני.** (קדושין ב).

דאָס ווערט אַרויסגעלערנט דורך דער הילף פון אַ **גזירה שוה** (זע אויבן זייט 11) ווייל דער אויסדרוק אָדער טערמין **קיחה** קומט ביי אַ קויף (**מערת המכפלה**); דער אויסדרוק **קיחה** שטייט אויך ביי נעמען אַ פרוי. אַזוי ווי די **קיחה** ביי דער **מערת המכפלה** איז דורכגעפירט געוואָרן דורך געלט, אַזוי קומט אויך די **קיחה** ביי אַ פרוי, דורך געלט.

עס איז צו באַמערקן אַז שפּעטער איז איינגעפירט געוואָרן ווי די איינציקע פאָרעם צו נעמען אַ פרוי, דורך **כסף**.

93.—דורכן אויספירן וועלכע עס איז פון די דריי אויבנדערמאַנטע פאָרמעס, פון באַקומען אַ פרוי, איז די פרוי אַן **ארוסה** ד. ה. אַ כלה — אַ באַשטימטע.

האָבן די **סופרים** איינגעפירט אַז אויסער די אויבנדערמאַנטע קידושין אין איינער פון די דריי פאָרמעס, דאַרף נאָך זיין **נשואין**, און דאָס איז ביז היינט די פאַרפליכטנדיקע פאָרעם פון חתונה. די **נשואין** באַשטייען פון **חופה** און **ברכות**, ד. ה. אַז דאָס פּאָרל חתן־כלה ווערט געשטעלט אונטער אַ חופה און עס ווערן געמאַכט די געהעריקע ברכות.

אַזוי לאַנג ווי עס איז נישט דורכגעפירט געוואָרן די **נשואין**, איז נישט דערלויבט זיך צו פאַראייניקן מיט דער פרוי.

אין דער הינזיכט זאָגט דער רמב"ם:

**הארוסה אסורה לבעלה מדברי סופרים כל זמן שהיא בבית אבי'... כניסה לחופה והיא הנקרא נשואין בכל מקום** (רמב"ם פ"י מה' אישות ה"א).

אַ כלה — איז פאַרבאָטן פאַרן מאַן אירן, דורך אַ פאַרבאָט פון די **סופרים**, אַזוי לאַנג ווי זי איז אין איר פאָטערס הויז (ווייל עס איז נאָך נישט דורכגעפירט געוואָרן די **נשואין**).

94.—די אויבנדערמאַנטע תקנה, אַז ערשט נאָך די **נשואין** קאָן דער מאַן זיך פאַראייניקן מיט דער פרוי, ברענגט אַרויס אַ קאָנסעקווענץ אויך אין דעם זין אַז **ארוסה בת ישראל אינה אוכלת בתרומה עד שתכנס לחופה** (קידושין ה') — אַ כלה, וואָס איז באַשטימט פאַר אַ כהן, קען נישט געניסן פון תרומה, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך נישט פאַרגעקומען די **נשואין**, ווייל פאַר די **נשואין** איז זי נאָך נישט זיין רעכטלעכע פרוי.

95.—דער תלמוד דערקלערט, אז די משנה באנוצט דעם אויס-דרוק **האשה נקנית** (די פרוי ווערט באקומען) און נישט **האיש קונה** (דער מאן באקומט), דאס הייסט אז אין דעם זאץ פיגורירט **האשה,** די פרוי, ווי דער **סוביעקט** און נישט ווי דער **אביעקט** (וואס עס וואלט געהאט אן ארט, ווען עס וואלט טאקע באנוצט געווארן די אויסדרוק-פארעם **האיש קונה,** ד. ה. דער מאן באקומט די פרוי). — דערמיט וויל די גמרא אונטערשטרייכן אז דער ווילן **פון דער פרוי** איז א דורכויס נויטיקער פאקטאר **האשה מתקדשת מדעתה,** ד. ה. אז די פרוי דארף צושטימען און אן איר צושטימונג איז נישטא קיין קידושין.

96.—ביי **חרש** און **חרשת** (א טויב-שטומער און א טויב-שטומ-מע) וועלכע גילטן לויט אונדזער דין ווי מענטשן אן גייסטיקער מאכט (**דעת**), האבן דאך די **סופרים איינגעפירט** אז זייער קידושין איז גילטיק און אויך אזא פאר-פאלק קען זיך נישט פאנדערגיין אן א **גט.**

די משנה דערקלערט:

**חרש שנשא** פקחית **ופקח שנשא חרשת אם רצה להוציא יוציא ואם רצה לקיים יקיים כשם שהוא כונס ברמיזה כך הוא מוציא ברמיזה** (יבמות קי״ב:).

אויב א טויב-שטומער האט גענומען א נארמאלע פרוי, אדער א נארמאלער האט גענומען א טויב-שטומע פרוי, איז אויב זיי ווילן זיך פאנאנדערגיין גיט ער א **גט...** אזוי ווי ער האט ארויסגעוויזן זיין צושטימונג צו דער חתונה דורך זשעסטיקולאציע, אויפן זעלבן אופן וועט ער אויסדריקן זיין ווילן צו א **גט.**

97.—אויב עס פעלט דער באדינג **מדעתה** צ. ב. ביי א מינ-דעריעריקער איז דאן **מן התורה** בלויז דאן גילטיק די קידושין, אויב דער טאטע אירער נעמט אן די קידושין. האבן אבער די חכמים, צוליב די הערשנדיקע באדינגונגען און כדי צו פארמיידן אומארא-ליטעט **שלא יתנהגו בה מנהג הפקר,** האבן זיי איינגעפירט אז א מינ-דעריעריקע, אפילו זי איז א יתומה, און מן התורה האט זי נישט איר ווילן — **דעת** — קאן זי דאך אננעמען קידושין מדעתה, וועל-כע זענען גילטיק בלויז **מדברי סופרים.** (יבמות קי״ב: קי״ג).

98.—די אויבן דערמאנטע **קידושין מדברי סופרים** האבן די קראפט, אז א מינדעריעריקע יתומה, וועלכע האט חתונה געהאט מיט א כהן, קען געניסן פון **תרומה,** (אפילו זי אליין זאל נית ארויס-

קומען פון קיין כהנים), און נאך איר טויט ירשנט איר דער מאן, הגם מן התורה איז אין דעם פאל נישטא קיין קידושין. (גיטין נ"ח).

99.—עס קאן פונדעסטוועגן אזא מינדעריעריקע, וועלכע האט בלויז מיט איר ווילן — נישט האבנדיק קיין פאטער — אנגענומען די קידושין, צו יעדער צייט, אפילו פארן ענדיקן איר מינדעריע־רקייט, איבעררייסן די באציאונגען מיטן מאן דורך א פארעם, וואס הייסט מיאון, ד. ה. אז זי דערקלערט אז זי וויל איבעררייסן אירע באציאונגען מיט איר מאן.

אין דער היגזיכט זאגט די משנה:

**אי זו היא קטנה שצריכה למאן כל שהישיאוהו אמה ואחי' לדעתה השיאוהו שלא לדעתה אינה צריכה למאן.** (יבמות):

וועלכע מינדעריעריקע דארף דערקלערן איר ווילן איבערצו־רייסן די באציאונגען מיטן מאן אדער מיאון? יעדער מינדעריעריקע וועלכער עם האבן אויסגעגעבן (נישט דער פאטער, ווייל זי האט נישט קיין פאטער), איר מוטער, די ברידער מיט איר הסכמה. אויב מען וואלט איר אויסגעגעבן אן איר צושטימונג, דארף זי אפילו די דערקלערונג פון מיאון אויך נישט אפגעבן. (זי קאן אין אזא פאל אן קיין שום פארמאליטעטן פארלאזן איר מאן, ווייל דא איז בכלל קיין קדושין נישט געווען).

100.—דערקלערן ווייטער די חכמים אין א ברייתא:

**ת"ר אי זהו מיאון אמרה אי אפשר בפלוני בעלי אי אפשי בקי־דושין שקידשוני אמי ואחי** (יבמות ק"ה).

וואס איז מיאון? זי זאגט (די מינדעריעריקע) אין קעגנווארט פון צוויי מענטשן (רמב"ם ה' גירושין פי"א ה"ה): איך וויל נישט דעם אזוי און אזוי זיך רופנדיקן מאן, איך וויל נישט אננעמען זיינע קידושין, וועלכע זענען אנגענומען געווארן דורך מיין מוטער און ברידער.

101.—העיר רבי יוחנן בן גודגדא על החרשת שהשיאה אביה שהיא יוצאת בגט. (יבמות קי"ב גיטין נ"ה).

האט באמערקט רבי יוחנן בן גודגדא (אז די תקנה איז אריבער דורך טראדיציע) אז א טויב־שטומע וואס איז אויסגעגעבן געווארן דורך איר פאטער (קידושין מן התורה) קאן ווערן צעשיידט דורך א גט.

איז דא צו זען, אז ביי א גט אין אונטערשיד פון קידושין ווערט

נישט געפאָדערט די דעת פון דער פרוי. דעריבער קאָן אויך אַ טויב־שטומע אַננעמען אַ גט הגם עס פעלט איר ווילן (דעת).

102.—אין אַ ווייטערדיקער קאָנסעקווענץ זאָגט די משנה:

**פקח שנשא פקחית ונתחרשה אם רצה יוציא ואם רצה קיים** (יבמות קי"ב:).

אויב אַ נאָרמאַלער מאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַ נאָרמאַלער פרוי (קידושין מן התורה), און דערנאָך איז זי געוואָרן טויב־שטום, קאָן ער איר געבן אַ גט, ווייל ביי אַ גט איז נישט נויטיק איר ווילן (דעת).

103.—אין אַ קעגן־פאַל:

**נתחרש הוא אינה מוציאה עולמית** (יבמות קי"ב).

אויב דער מאַן איז דערנאָך געוואָרן אַ טויב־שטומער, איז אין אַזאַ פאַל דער גט ניט מעגלעך, ווייל זיין **דעת** איז דאָך דורכויס נויטיק.

דאָס קומט נישט אין קאָנטראַסט צו דעם פאַל וואָס איז אויבן געבראַכט געוואָרן (זייט 118), ווען אַ טויב־שטומער קאָן געבן אַ גט, ווייל דאָרט האָט ער דאָך דאָך די קידושין אויך געגעבן אין צו־שטאַנד פון אַ טויב־שטומען און דאָך, איז זיין קידושין געווען גיל־טיק (נישט מן התורה), לויט דער תקנה פון די סופרים און קענען זיי דעריבער לויט די סופרים ווערן אויפגעבונדן.

דאָ אָבער וואָלט זיך עס דאָך געהאַנדלט וועגן פאַנאַנדערבינדן אַ חתונה־אַקט מן התורה, (ווייל די קידושין האָט ער געגעבן אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד) און דאָס איז נישט מעגלעך.

104.—די פאַמיליע־רעכט.

די קעגנזייטיקע פאַמיליע־רעכט און זייערע פליכטן זענען זייער קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרן דורכן רמב"ם אין פאָלגנדיקן פרק:

**כשנושא אדם אשה בין בתולה בין בעולה בין גדולה בין קטנה... יתחייב לה בעשרה דברים... והעשרה שלשה מהן מן התורה ואלו הן שארה כסותה ועונתה... והשבעה מדברי סופרים וכולן תנאי בית דין הן האחד מהם עיקר כתובה ואשר הן הנקראין תנאי כתו־בה ואלו הן לרפואתה אם חלתה, לפדותה אם נשבית, לקוברה אם מתה ולהיות נזונית מן נכסיו... כל ימי אלמנותה בנותיו נזונות מנכסיו אחרי מותו עד שתתארסנה ולהיות בני' הזכרים יורשין כתובתה יתר על חלקם בירושה שעם אחיהם** (רמב"ם ה' אישות פי"ב וה"ב).

— אַ מאַן האָט צען פליכטן בנוגע זיין פרוי פון וועלכע, דריי זענען מן התורה און זיי זענען: שפייז, קליידונג און צוזאַמענלעבן.

— און זיבן פליכטן זענען לויט די סופרים און דאָס זענען: דער עיקר־כתובה, היילן אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, אויסקויפן פון גע־פאַנגענשאַפט, קבורה נאָכן טויט, נאָכן מאַנס טויט, בלייבט זי אין מאַנס הויז אויסגעהאַלטן פון זיין פאַרמעגן. די טעכטער דאַרפן זיך אויסהאַלטן פון זיין ירושה ביז זיי האָבן חתונה, און אירע זין דער־האַלטן, אין פאַל פון איר טויט, דאָס פאַרשריבענע אין איר כתובה אויסער וואָס זיי געהערט פון דער ירושה.

די אויבנדערמאַנטע דריי פליכטן מן התורה פאָדערן נישט קיין שום אויפקלערונג, ווייל זיי געפינען זיך אין דער תורה קלאָר אויסגע־דריקט (שמות כ"א ט).

בנוגע די אַנדערע זיבן פליכטן לויט ווי עס האָבן פעסטגעשטעלט די סופרים, זאָגט די משנה:

**לא כתב לה כתובה בתולה גובה מאתים ואלמנה מנה מפני שהוא תנאי בית דין.** (כתובות נ"א).

105.—אפילו אַז עס איז נישט געשריבן געוואָרן קיין חתונה־אַקט, געהערט על פי דין ווי פאַר דער כתובה דער מיידל 200 גילדן און דער אלמנה — 100 גילדן.

106.—**לא כתב לה אם תשתבאי אפריקנך ואותבינך לי לאנתו חייב מפני שהוא תנאי בי"ד** (כתובות נ"א).

— אויב אפילו אַז ער האָט נישט געשריבן, אַז ווען זי וועט ווערן גענומען אין געפאַנגענשאַפט, וועט ער איר אויסלייזן און איר צוריק נעמען פאַר אַ פרוי, האָט ער דאָך דעם חוב דאָס צו טאָן.

107.—**לקתה חייב לרפואתה** (כתובות נ"א).

אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, איז ער מחוייב איר צו היילן פאַר דער גאַנצער צייט פון איר קראַנקהייט.

108.—**וחייב בקבורתה** (כתובות מ"ו) **לא רצה הבעל לקוברה האב קוברה ומוציא ממנו בדין** (ירושלמי כתובות פ"ד ה"ו).

אויב דער מאַן האָט נישט געוואָלט באַגראָבן אויף אַ געהעריקן אופן זיין פאַרשטאָרבענע פרוי, האָט איר פאָטער דאָס רעכט עס צו טאָן אויפן חשבון פון מאַן און דערנאָך מאָנען ביי אים די הוצ־צוואות.

109.—**לא כתב לה בנין דכרין דיהוו ליכי מנאי אינן ירתין כסף**

**כתובתך יתר על הלקחון דעם אחיהיך חייב מפני שהוא תנאי ב"ד.** (כתובות נ"ב).

אויב ער האט אפילו נישט פארשריבן אז די כתובה פון דער פרוי גייט אריבער נאך איר טויט צו אירע זין, וועלכע דערנאך נאכן דער־האלטן די כתובה, נעמען פון פאטער דעם געהעריקן טייל פון דער ירושה, געהערט עס אבער דאך אירע זין פון געזעץ.

110.—**בנן נוקבין דיהוו ליכי מנאי יהוויין יתבין בביתי ומתזנן מנכסי עד דתלקחון לגוברין חייב מפני שהוא תנאי ב"ד** (כתובות נ"ב).

אויב עס איז אפילו נישט אויסגערעכנט אין דער כתובה, אז די טעכטער אירע נאך זיין טויט זאלן ביז זיי האבן חתונה, קריגן זייער אויפהאלטונג פון זיין פארמעגן, האבן די טעכטער דאס רעכט פון געזעץ.

111.—**את תהא יתבית בביתי ומיתזנא מנכסי כל ימי מיגר אל־מנותיך בביתו חייב מפני שהוא תנאי ב"ד.** (כתובות נ"ב).

אויב עס איז אפילו נישט פארשריבן אין דער כתובה, אז נאך זיין טויט דארף זי אין איר אלמנהשאפט באקומען איר אויפהאלטונג פון זיין פארמעגן האט זי אויף דעם רעכט על פי דין.

112.—די פליכטן פון דער פרוי:

**מציאת האשה ומעשה ידי' לבעלה וירושתה הוא אוכל פירות ב־חייה** (.תובות ס"ה).

וואס די פרוי געפינט און וואס זי ארבעט אוים מיט די הענט, גע־הערט דעם מאן. און פון איר פארמעגן נעמט ער די פרוכט פאר איר לעבן.

113.—די פליכט אויסצוגעבן די טעכטער. (**עישור נכסים**).

**המשיא את בתו סתם לא יפחות לה מחמשים זוז** (כתובות ס"ז).

ווער עס גיט אוים א טאכטער אן א דייטלעכן אפמאך, איז ער מחויב איר צו געבן אין דער מאס פון זיין פארמעגן א נדן לויט דער אפשאצונג פון **בית דין** (רמב"ם ה' אישות פ"כ ה"א). אפילו דער ארעמסטער דארף געבן נישט ווייניקער פון 50 גילדן.

114.—די באשטימונג פון טאג פון דער חתונה.

**בתולה נשאת ליום הרביעי... שפעמים בשבת בתי דינין יושבין בעיירות ביום השני וביום החמישי שאם הי' לו טענות בתולים הי' משכים לב"ד.** (כתובות ב.)

א מיידל דארף חתונה האבן דעם פערטן טאג אין וואך (ד. ה. דינס־

טיק אין אוונט), ווייל צוויי מאל אין וואך קומען פאר די געריכטס־טעג אין די שטעט, מאנטיק און דאנערשטיק, אלזא ווען דער ניי־חתונה־געהאטער זאל האבן טענות. וואלט ער באלד געקאנט גיין צום בית דין.

פרעגט די גמרא **ותנשא בא׳ בשבת שאם הי׳ לו טענות בתו־לים הי׳ משכים לבית דין.**

פארוואס נישט זונטיק, וואלט ער דאך געקאנט קומען מיט זיין עווענטועלער אנקלאגע מאנטיק?

אויף דעם ענטפערט די גמרא:

**שקדו חכמים על תקנת בנות ישראל שיהא טורח בסעודה של־שה ימים באחד בשבת, בשני בשבת, בשלישי בשבת וברביעי כו־נסה.** (כתובות ב).

דאביי איז געווען נאך אן אנדער כוונה און דאס איז, אז די חכמים האבן געזארגט פאר דער טובה פון די טעכטער פון ישראל, אז מען זאל זיך פארנעמען מיטן צוגרייטן די חתונה־סעודה במשך פון דריי טעג: זונטיק, מאנטיק, דינסטיק און מיטוואך זאל זיין די חתונה.

115.—**ואלמנה ליום חמישי. שקדו חכמים על תקנת בנות ישראל שיהא שמח עמה שלשה ימים חמישי בשבת וערב שבת ושבת.** (כתובות ה׳).

די זעלביקע משנה באשטימט דעם חתונה־טאג פון אן אלמנה, אז די אלמנה דארף חתונה האבן דאנערשטיק. די סיבה פון דער תקנה איז געווען פאלגנדע:

דער וואס האט חתונה געהאט מיט א בתולה, האט ער גע־דארפט במשך פון זיבן טעג פארלאזן אלע זיינע פראפעסיאנעלע ענינים און זיך אפגעבן אויסשליסלעך מיט דער חתונה־פרייד. דער וואס האט חתונה געהאט מיט אן אלמנה האט געהאט אזעלכע בלויז דריי טעג, פריילעכע און פרייע פון דער ארבעט.

איז אבער דאן געווען א מורא אז דער וואס האט חתונה מיט אן אלמנה, ביי וועמען די פרייד איז פון דער נאטור, א קלענערע, וועט ער באלד אויפן צווייטן טאג וועלן גיין צו זיין באשעפטיקונג. דעריבער צו פארהיטן דער אלמנה פון דער חרפה, איז באשטימט געווארן דער טאג פון איר חתונה אויף דאנערשטיק, האט שוין איר מאן זיך געדארפט אפהאלטן פון ארבעטן אויסער דעם דאנערשטיק,

איך פרייטיק און שבת, טעג אין וועלכע מען ארבעט שוין נישט צוליב **ערב שבת און שבת.**

116.—**עד אחד נאמן בהתרת אשה** (יבמות פ״ז).

איין עדות איז באגלויבט פעסטצושטעלן אז דער מאן איז געשטארבן, אויב עס גייט אין דעם אז די אלמנה זאל פריי ווערן כדי חתונה צו האבן.

## דריטער קאַפּיטל.

# דערקלערונגען

1.—ביי יידן זענען שטענדיק די געשריבענע תורה און די מינד־לעכע תורה געווען אומצעטיילבאַר. אין אַכטן יאָר הונדערט (לויט דער וועלטלעכער צייט־רעכנ.) איז אויפגעקומען די סעקטע פון די קראַימער, וועלכע האָבן נעגירט די עקזיסטענץ פון וועלכער עס איז מינדלעכער תורה און זיי האָבן זיך געשטעלט אויפן שטאַנד־פונקט, אַז עס בינדט בלויז די געשריבענע תורה, וועלכע יעדער איינער קאָן פריי אינטערפּרעטירן. די רעזולטאַטן פון זייער שטע־לונג האָבן זיך באַוויזן אין זייער ירידה, ווייל עס זענען פון די קראַימער פאַרבליבן בלויז זייער קליינע גרופּעס.

2.—דער באַגריף פון צאָל, **שיעורין**, ווערט אויסגעברייטערט אויף פאַרשידענע געביטן פון רעליגיעזן לעבן. עס ווייזט זיך אַרויס פון פאָלגנדע ביישפּילן: די גרויס פון אַ סוכה, דער פאַרנעם פון אַ מקוה, דער סכום פון טריפהנער שפייז, וועלכע אויסגעמישט מיט כשר, מאַכט די פלייש נישט טריף א. א. וו.

3.—אַ וויטערדיקער ביישפּיל פון היקש און **ויצאה והיתה** (זע זייט 116). אַזעלכע ביישפּילן באַגעגנען מיר מער.

4.—די אינטערפּרעטאַציע **סמוכין** ווערט אַרויסגעדרונגען פון דין עשה דוחה ל״ת, אַז דער געבאָט פאַרמאָגט אַ גרעסערע קראַפט ווי דער פאַרבאָט, אָדער דאָרט, וווּ עס רייבן זיך דער געבאָט מיטן פאַרבאָט, פירט מען דאָן אויס דעם **געבאָט**. אָט אַ שטייגער ווערט געזאָגט אין דער תורה:

**לא תלבש שעטנז צמר ופשתים יחדיו** (דברים כ״ב י״א).

זאָלסט נישט אָנטאָן קיין קליידער געוועבט פון וואָל מיט לייַ־נען צוזאַמען. און באַלד נאָכדעם ווערט געזאָגט:

**גדילים תעשה לך על ארבע כנפות כסותך** — פרענדז זאָלסטו דיר מאַכן אויף די פיר עקן פון דיין צודעק.

פון דאַנען דרינגט מען אַרויס, אַז טראָץ דעם פריערדיקן פאַרבאָט פון שעטנז, ווערט אַנגעזאָגט וועגן **ציצית** הגם זיי זענען **שעטנז**.

איז דערפון קלאָר, אַז דער געבאָט איז שטאַרקער פאַרן פאַרבאָט.

**עשה דוחה לא תעשה.**

5.—דער קאָמענטאַטאָר פון **תורת כהנים**, וואָס רופט זיך **קרבן אהרן**, הייבט אויף די פראַגע, פאַרוואָס זענען די כללים פון **פטר את היורשין** ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַרן **שומר חינם**, אויפן דרך פון אַ **קל וחומר**, דער **שומר שכר** טראָגט אַ גרעסערע אחריות ווי דער **שומר חינם**, במילא, אויב די שבועה פון **שומר שכר** גייט ניט אַריבער צו זיינע קינדער, קאָן זי דאָך געוויס נישט אַריבערגיין אויף די קינדער פון אַ **שומר חינם**, וועמעס אחריות איז אַ פיל קלענערע.

די דאָזיקע פראַגע דערליידיקט דער **קרבן אהרן** אויף זייער אַ פשוטן אופן. דאָס אויפהייבן די פראַגע איז אייגנטלעך גרונדלאָז.

נאָכדעם ווי מען דרינגט אַריין טיפער אין דער זאַך, ווייזט זיך אַרויס אַז דאָ איז גאָר נישט מעגלעך קיין **קל וחומר**, ווייל עס טרעפט, אַז דער **שומר חינם** זאָל טראָגן אַ גרעסערע אחריות ווי דער **שומר שכר**. דער **שומר שכר** איז פאַראַנטוואָרטלעך **פאַר גנבה ואבדה**, און דער **שומר חינם** איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר **גנבה ואבדה**. אויב אַלזאָ דער **שומר שכר** האָט אויפן פאַרלאַנג אָפּצוגעבן די זאַך, זיך פאַרטיידיקט מיט **גנבה ואבדה**, האָט ער געמוזט פאַר דער זאַך באַצאָלן, און מיט דער באַצאָלונג, איז ער שוין געוואָרן דער אייגנטימער פון דער באַוועגלעכער זאַך און אפילו ס׳זאָל ווערן אויפגעדעקט אַז ס׳איז ליגענט האָט עס שוין ניט געהאַט קיין שום קאָנסעקווענצן, ווייל ער האָט שוין באַצאָלט. אַנדערש אָבער איז דער פאַל ביי אַ שומר חינם, ווען ער פאַרטיידיקט זיך מיט אַ דערקלערונג פון **גנבה ואבדה**, האָט ער זיך דאָך מיט דער דערקלערונג באַפרייט פון באַצאָלן פאַרן שאָדן, אָבער אין פאַל פון אויפדעקן, אַז דאָס איז געווען אַ ליגן, איז די קאָנסעקווענץ זייער אַ גרויסע, ווייל ער מוז אומקערן די זאַך און באַצאָלן טאָפּלט, ווי אַ פשוטער **גנב**. ביי די דאָזיקע קאָנסעקווענצן זעען מיר, אַז אַ לאָגישע אָפּעראַציע פון אַ **קל וחומר**, האָט אין אַזעלכע פאַלן נישט קיין פלאַץ, ווייל צומאָל האָט דער שומר חנם אַ גרעסערע אחריות פון דעם שומר שכר.

6.—א ווייטערדיקער ביישפיל פון א גזירה שוה קומט דא (זייט 117).

7.—דער מחבר פון די קאמענטארן פון קרבן אהרן האט גע־הייסן אהרן אבן חיים; ער איז געווען א רב אין פעס, מאראקא (אפריקע) אין זעכצנטן י. ה.

דער מחבר פון דעם ספר בית יוסף האט געהייסן רבי יוסף קארא, וועלכער האט געלעבט אין צפת (ארץ ישראל) אין פופצנטן י. ה. און איז דער מחבר פון שולחן ערוך.

8.—עס דערקלערט גענוי די אינטערפרעטאציע פון קל וחומר דער מחבר פון קרבן אהרן, וועלכן מיר וועלן ציטירן אין ווייטער־דיקן גאנג פון דער ארבעט.

9.—דער אידעאל וואס איז אויסגעדריקט אין חומש מיט די ווערטער: ועשית הישר והטוב, האט זייער שטארק משפיע געווען אין לעבנס-פראבלעמען, אין וועלכע עס קומט צו א רייבונג צווישן דעם הארטן געזעץ (דין) מיטן הומאנישטישן געפיל פאר יושר. אין דעם שמיטה-יאר זענען געפאלן גרויסע טענות בנוגע די דינים פון חומש. מיט דער אנטוויקלונג פון דעם עקאנאמישן לעבן, האנדל און געלט-פארקער, זענען אויפגעקומען פילפאכיקע פארלוסטן, גלייכ־צייטיק האט עס ארויסגערופן א פאראליז אין קרעדיט-פארקער, וועלכעס האט אונטערגעגראבן די ווייניקער פארמעגלעכע באפעל־קערונג, וואס האט געלעבט פון קרעדיטן.

די אומבאקוועמלעכקייטן און שאדנס, וועלכע האבן אפט בא־ליידיקט דאס געפיל פון יושר, האבן ארויסגערופן רבי הללס תקנה, וואס האט זיך גערופן פרוזבול, אדער דאס אריינפירן א אינסטיטור־ציע, וועלכע, נישט פארבייגנדיק די דינים פון דער תורה, האט דאך אבער אין אכט גענומען דעם ועשית הישר והטוב און האט געשאפן א געווויסן אויסוועג פון דער דערמאנטער קאליזיע.

א ענלעכע קנה האבן מיר פון פופצנטן י. ה., וואס ווערט אנ־גערופן היתר עיסקא. אויפגעשטאנען זענען די אינסטיטוציעס פון דער נויטווענדיקייט, בעת דער הארבער דין, וואס האט אומבאדינגט פארבאטן צו נעמען פראצענט פון אן הלואה, האט אפגעשניטן די ווייניקער פארמעגלעכע פון דער מעגלעכקייט צו גענים פון קרע־דיט, וועלכן אן קיין שום נוצן, אן פראצענט, האט קיינער נישט געוואלט געבן. די אומריקזיכטלאזיקייט פון דעם פארבאט, האט באריכט סיי דעם וואס דארף נעמען, סיי דעם, וואס דארף געבן

קרעדיט. דער יושר האט געפאדערט אז דער וואס האט געגעבן קרעדיט, פון וועלכן דער סוחר האט פארדינט, זאל אויך פון דעם האבן א געוויסן נוצן, און אזוי אויך פון דער אנדערער זייט, האט דער יושר געפאדערט אז מיט אזא הארבן פארבאט זאל ביי די וואס נויטיקן זיך, נישט אפגעשניטן ווערן די מעגלעכקייט פון קריגן קרעדיט, און דערביי צו קענען פארדינען.

די קאליזיע פון הארבן דין מיט די נויטן פון לעבן און די געפילן פון יושר (הישר), איז אויסגעגליכט געווארן מיט דער אויבערמאנטער תקנה, וועלכע האט נישט פארביינגדיק דעם דין פון חומש, דאך געשאפן א געוויסן אויסוועג. אויף וויפל דער פראצענט פון קרעדיט האט נישט אריבערגעטראטן די גרענעצן, פון דעם, וואס מיר רופן יושר, האט דער קרעדיטאר דערמיט באקומען א מעגלעכקייט פאר א באשיידענעם נוצן פון דעם צוגעטיילטן קרעדיט. אויסנוצן די תקנה כדי ארויסצוקוועטשן פון בעל חוב ריזיקע פראצענטער, איז דורכן באשאפער פון דער תקנה, זייער שארף געטאדלט. די דאזיקע תקנה איז דאך געשאפן געווארן בלויז מיטן ציל כדי צו רעאליזירן א דורכויס נויטיקן יושר אין מענטשלעכע באציאונגען, און נישט מיטן צוועק צו שאפן עפעס א צודעק פאר גאט און פארן געוויסן. אויסנוצן די תקנה דורך נעמען ריזיקע פראצענטער פון א הלואה איז א טאפלטער רויב, סיי צוליבן פארבאט פון דער תורה צו נעמען פראצענט, און צוליבן געבאט צו טאן הישר והטוב.

א ענלעכע תקנה איז דאס איינגעפירטע שטר מכירה בנוגע חמץ ערב פסח. אויך דער איינפיר ווערט ארויסגעדרונגען פון ועשית הישר והטוב.

דער געבאט (ולא יראה לך חמץ) זאלסט נישט זען און זאלסט נישט האבן קיין שום חמץ — זויערטייג), שטרענג דורכגעפירט, וואלט זיך אפט אנגעשטויסן מיט גרויסע שאדנס און וואלט דערפירט צו פארניכטונג פון מענטשנס גיטער.

די תקנה פון היתר עסקא און פון שטר מ.ירה איז נישט קיין קאנטראסט מיט דער געזעץ פון דער תורה. אמת, קיין פראצענט טאר מען נית נעמען. אבער א שותפות מיט א סוחר מעג מען מאכן באופן, אז דער סוחר זאל האנדלען און דער געלט-געבער זאל זיין בארעכטיקט צו א טייל פון דעם ריווח, דורך זיין קאפיטאל. דערויף איז געקומען די תקנה, אז אין פאל פון האנדל קען מען אויף אזא אופן זיין באטייליקט אין א געוויסן פראצענט פון הכנסה. עס איז

אבער אויסדרוקלעך פארבאטן צו נעמען א הויכן צינז, וואס איז ניט באגרינדעט מיט דעם חלק ריווח ווייל דאס האבן די מיסדי התקנה נישט דערלויבט.

דאסזעלביקע איז אויך ביי מכירת חמץ. אמת, אז דער דין בנוגע צו חמץ איז שטרענג. אבער דער דין פארלאנגט ביי חמץ בלויז: ביטול בלב; מבטל צו זיין ביי זיך אין הארצן. די חכמים האבן פארלאנגט דאס ארויסרוימען דעם חמץ און האבן איינגעפירט דעם מכירת חמץ. דיזעלבע חכמים האבן געזאגט, אז די פארם פון מכירה זאל זיין אט די, ווי זי איז און די פארם איז גילטיק ביי מכירת חמץ. דערפאר איז דא נישטא קיין שום קאנטראסט, קעגן דעם דין.

אזעלכע און ענלעכע תקנות, וואס טראגט דעם אלגעמיינעם נאמען **הערמה**, זענען אריינגעפירט געווארן אויסשליסלעך מיטן ציל צו צופרידנצושטעלן די געפילן פון יושר און די נויטן פון לעבן. פאר אנדערע, **אינדיווידועלע, פריוואטע און פערזענלעכע צילן**, זענען אזעלכע תקנות אויסגעשלאסן.

10.—ביישפילן פון **אזעלכע תקנות אנשטאט** די באשטימונגען פון דער תורה, זענען צווישן אנדערע די, וועלכע **העמידו דבריהם במקום תורה**, ד. ה. וואס די חכמים האבן איינגעפירט אויפן ארט פון דער תורה, וו. צ. ב. אז מען טאר ניט טראגן סוכות אדער ראש השנה, — ווען עס פאלט אוים שבת — א לולב אדער א שופר. כאטש אין חומש ווערט דער שבת נישט אויסגעשלאסן בנוגע וועלכן עס איז יום טוב, וואס פאלט אוים שבת, (האבן אבער די חכמים אויס־געשלאסן דעם שבת און געזאגט אז שבת בלאזט מען נישט קיין שופר און מען נעמט נישט קיין אתרוג מיט קיין לולב וכדומה).

11.—אז די **תורה שבעל פה**, שטעלט מיט זיך נישט פאר עפעס וואס איז שוין פארענדיקט — דאס האט געננו ארויסגעבראכט דער **בעל שם טוב**, דער פאטער פון חסידיזם. ער האט ארויסגענומען א געדאנק פון ספר **תהילים: תורת ה' תמימה** — גאטס תורה איז א גאנצע, קומט אלזא אוים, אז די געשריבענע תורה איז א **גאנצע, במעט נאך אינגאנצן אומבאאריינט** אין דעם זין, אז דער גאנצער פאר־נעם פון דער תורה שבעל פה ביז איצט, איז א קליינער טייל פון דעם, וואס עס אנטהאלטן אין זיך די **תורה שבכתב**.

12.—איינער פון די **בעלי תוספות**, דער מחבר פון ספר **יראים** גיט אן ווי א וויטערדיקע סיבה פון פארבאט אפצושרייבן די תורה שבעל פה די כוונה: אז עס זאל זיך אנזען די גרעסערע קדושה פון דער תורה שבכתב בנוגע דער תורה שבעל פה.

13.—רבי יהודה הנשיא האָט אָפּגעשטאַמט פון רבי הלל און האָט געלעבט אַרום 220 (לויטן דער וועלט. צייט-רעכנ.) און איז געווען דער לעצטער נשיא פון ישראל און דער לעצטער פון די תנ־אים. וועגן דעם וועט זיך רעדן ווייטער אין דער אַרבעט.

14.—באַשליסנדיק צו פאַרשרייבן די **תורה שבעל פה**, האָט ער געגעבן זיין אָריגינעלע דערקלערונג אויף אַ פסוק פון תהילים:

**עת לעשות לה׳ הפרו תורתיך** — האָט ער דערקלערט אַזוי: עס איז צייט צו טאָן פאַר גאָט, כדי צו צעשטערן זיינע דינים, ד. ה. דעם פאַרבאָט צו פאַרשרייבן די **תורה שבעל פה**.

15.—דאָס וואָס **רבי** האָט באַוווּסטזיניק דורכגעלאָזט אין זיין אַקאַדעמיע, האָבן עס צענויפגעזאַמלט זיינע תלמידים און האָבן אַרויסגעגעבן. ווי אַ באַזונדערע זאַמלונג מיטן נאָמען **תוספתא** (אַ צו־גאָב) אָדער **ברייתא** (אויסנווייניקסטע) ד. ה. נישט אַריינגענומענע דורך **רבי** אין דער משנה.

16.—פון טיפערן באַטראַכטן די געהעריקע דערציילונגען פון **חומש**, האָבן אונדזערע חכמים געדרונגען, אַז פאַר משה׳ן האָבן די בני ישראל געהאַט די געלעגנהייט פיר מאָל צו הערן די אויספירן פון **תורה שבעל פה**; (אין זיין לערנען האָבן משהן געהאָלפן אהרן הכהן און זיינע זין און אויך די **שבעים זקנים**) די זיבעציק עלטסטע פון פאָלק) — (רמב"ם הקדמה לזרעים). האָבן יידן געהערט פון משה׳ן אַליין דאָן פון אהרן דאָן פון אהרן׳ס קינדער דאָן פון די שבעים זקנים.

17.—די משנה רעכנט אוים די געלייענטע **פרשיות** פון דער תורה. עס זענען געלייענט געוואָרן די סדרות וואָס האָבן צו טאָן מיט בריאת העולם (וועלט-באַשאַף), און דאָס — דעם ערשטן טאָג, פון **בראשית** די גאַנצע סדרה וועגן הימל-באַשאַף; דעם צווייטן טאָג: וועגן באַשאַף פון הימל און ים; דעם דריטן טאָג — באַשאַפונג פון ים און די **מאורות** — ליכטער (די זון און די לבנה); דעם פערטן טאָג — זון און לבנה, און די פרוכטבאַרונג און פאַרמערונג פון לעבעדיקע באַשעפענישן אין וואַסער; דעם פינפטן טאָג — די פרוכ־פערונג און פאַרמערונג פון לעבעדיקע באַשעפענישן אין וואַסער און די פאַרשידענע געוויקסן פון דער ערד; דעם זעקסטן טאָג — די אַנטוויקלונג פון אַלערליי צמחים אויף דער ערד און די פאַרענדי־קונג פון גאַנצן באַשאַף.

זאָגט די **ברייתא**:

**אנשי משמר היו מתפללין על קרבן אחיהם שיתקבל ברצון, ואנשי מעמד מתכנסין לבית הכנסת ויושבין ד׳ תעניות בשני בשי־לישי ברביעי ובחמישי בשני על יורדי הים בשלשי על הולכי מד־בריות ברביעי על אסכרא שלא תפול על התינוקות בחמישי על עוברות ומיניקות (תענית כ״ז).**

— די מענער פון **משמר** (די וואָס האָבן געהערט צו איין משמר), האָבן מתפלל געווען ביי די קרבנות פון זייערע ברידער (דעם כלל), אַז זיי זאָלן אָנגענומען ווערן. און די מענטשן פון **מעמד** זענען אַריינגעקומען מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק.

מאָנטיק האָבן זיי מתפלל געווען פאַר די ים־פאַרער, (רש״י דערקלערט: ווייל דעם צווייטן טאָג איז באַשאַפן געוואָרן דער ים). דינסטיק האָבן זיי מתפלל געווען פאַר די, וואָס גייען אין מדבר (רש״י: ווייל דינסטיק איז באַשאַפן געוואָרן די ערד). מיטוואָך האָבן זיי מתפלל געווען אַז די דיפטעריע זאָל נישט באַפאַלן די קינדער. (רש״י: מיטוואָך זענען באַשאַפן געוואָרן די ליכטער — **מאורות** — פון דעם שורש איז אויך **מארה** — אַ זאַראזע, אַן אַנ־שטעקנדיקע קראַנקהייט). דאָנערשטיק האָט מען מתפלל געווען פאַר טראָגעדיע פרויען און פאַר קליינע קינדער. (רש״י; דאָנערשטיק האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרמערונג פון מין).

פרייטיק, ד. ה. **ערב שבת** האָט מען נישט געפאַסט, נאָך וויינ־קער שבת. און פאַרוואָס האָבן זיי נישט געפאַסט זונטיק? זאָגט רבי יוחנן: צוליב די אַנדערש־גלויביקע, וועלכע האָבן געפייערט דעם זונטיק און זיי וואָלט עס ווי געטאָן, אַז אין דעם טאָג וואָלט ביי יידן געווען אַ תענית.

18.—**עתניאל בן קנז** ווערט דערמאָנט אין די כתבי הקודש (שופטים א׳ י״ג), אַז ער איז געווען אַ ברודער פון כלב בן יפונה און גלייכצייטיק זיין פלימעניק. ער איז געווען אַ שופט אין ישראל און די גמרא דערציילט וועגן אים:

**במתניתא תנא אלף ושבע מאות קלין וחמורין וגזרות שוות ודקדוקי סופרים נשתכחו בימי אבלו של משה... והחזירן עתניאל בן קנז מפלפולו.**

— טויזנט זיבן הונדערט גז״ש און קו״ח און אינטערפּרעטאַ־ציעס, וואָס זענען פאַרגעסן געוואָרן אין די טרויער־טעג נאָך משהן... האָט זיי עתניאל בן קנז צוריק אומגעקערט מיטן כוח פון זיינע אויספירן.

זיין נאָמען **עתניאל**, דערקלערט די גמרא — **ענאו אל** — גאָט האָט אים געענטפערט.

ער האָט אויך געהייסן **יעב"ץ** ווייל **יעץ וריבץ** — ער האָט אויסגעדרונגען און פאַרשפּרייט די תורה אין ישראל.

19.—אפילו אַז עס האָט געפעלט די נויטיקע פאָרעם פון דער־האַלטן, האָט דער פאַרקויפער געדאַרפט האַלטן דעם אָפּמאַך, צו וואָס דער **בית דין** האָט אים אייגנטלעך נישט געקאָנט צווינגען. אַזעלכער, וואָס האָט געבראָכן זיין וואָרט, איז געבראַכט געוואָרן צום **בית דין**, וועלכער האָט אויף אויסגערופן אַ טאַדל־פאָרמולע, וואָס ווערט אָנגערופן **מי שפרע**.

20.—אויב עס איז געווען אַ ספק (און דאָס איבערהויפּט אין באַצוג צו פאַרעדכטיקע פערזאָנען — **עמי הארצים** — פון וועלכע מען האָט געקויפט תבואה) — צי פון דער תבואה איז געוואָרן אָפּגעטיילט **תרומה**, האָט מען אַזאַ תבואה אָנגערופן **דמאי**.

אויב מען האָט די תרומה גופא געמישט מיט **חולין**, אַז אונ־טערשיד צי פון די חולין איז געוואָרן אָפּגעשיידט די תרומה, האָט אַזאַ געמישטע תבואה זיך אָנגערופן **מדומע**.

# אינהאַלטס-פאַרצייכניש


ה ק ד מ ה — 5

תורה שבכתב ותורה שבעל פה — 11

באַווייזן פאַר תורה שבעל פה — 13

עסענץ פון תורה שבעל פה — 18

איבערגעבונגען פון תורה שבעל פה — 32

היסטאָרישער אונטערגרונד — 35

ערשטע אינסטיטוציעס פון תורה שבעל פה — 43

אנשי כנסת הגדולה — 52

תקופת הסופרים — 55

יורידישע באַשטימונגען — 56

שטרעפלעכע געזעצן — 69

געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען — 77

ריטועלע דינים — 87

פאַמיליען רעכט — 110

דערקלערונגען — 119

# ספרי המחבר:

## בפולניא כתבתי והדפסתי את הספרים האלה:

1. תורת התלמוד ג"ח
2. חלק יעקב ב"ח
3. שו"ת אביר יעקב ח"א
4. שו"ת אביר יעקב ח"ב
5. שו"ת השיב יעקב
6. הרמב"ם ושיטתו בפילוססםיא
7. המטפיזיקא בחכמת ישראל
8. תורת חלשון
9. איה סופר
10. האמונה והפילוסופיא

## במשך שבתי במכסיקו כתבתי והדפסתי:

1. תהיית יעקב, מכתבים בהלכה
2. על הלוח היהודי (בספרדית)
3. הרמב"ם, חייו וספריו (בספרדית)
4. קול יעקב, לחנוכת ביהכנ"ס בפולנקא
5. שבכתב ושבע"פ, ח"א בראשית שמות בהלכה ואגדה
6. הרמב"ם ושיטתו בפילוסופיא
7. שבכתב ושב"פ ח"ג ויקרא במדבר במדבר דברים
8. חזון היהדות (בספרדית)
9. מחשבה ולשון. דרשות לכל שבתות השנה
10. על האשה היהודית
11. רעיונות של התורה (בספרדית)
12. תורת התלמוד חלק א"
13. השכל וידוע מסות ומחקרים ח"א
14. הגיוו יעקב ח"א.